STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01669

# DER EMES VEGEN HENRI FORD

D. L. Mekler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער אמת וועגען הענרי פארד

— פון —

ד. ל. מעקלער

אילוסטרירט פון
מיטשעל לאועב

פערלאַג „פנקס"
ניו יאָרק, 1924.

Copyright 1923
by David L. Mekler




דער קארליק צווישן די ריזן.

# איינלייטונג.

אידען וועלען אויף אימער געדענקען הענרי פארד אלס זייער גרעסטער, ביטערסטער און געפעהרליכסטער שונא וואס זיי האבען געהאט אין אמעריקא. קיין אנדערער האט געוואגט דאס וואס דער אויטאמאביל מאגנאט מיט זיינע אומצעהליגע מיליאנען האט געוואגט. ער איז דער ערשטער אין אמעריקא וואס האט עס געמאכט אלס זיין ספעציעלע אויפגאבע צו פערלוימדען אידען אין דער עפענטליכקייט דורך דאס געדרוקטע ווארט און האט געשטעלט אין דיענסט זיינע שפיאנען און זיין מעכטיגע ארגאניזאציע ארויסצורופען אן אנטיסעמיטישע בעוועגונג דא אין לאנד און טאקי אויך צו ערמוטהיגען די אנטיסעמיטען אין אנדערע לענדער.

פאר דעם וועלען אידען איהם קיינמאל ניט פארגעבען, און דאס טאר איהם ניט פארגעבען ווערען. פארד מוז אויף אייביג געשטעמפעלט ווערען אלס דער ארץ־שונא פון די אידען אין אמעריקא און דער גאנצער וועלט; אלס דער שעפפער פון אנטיסעמיטיזם אין א לאנד פון טאלעראנץ און רעליגיעזער פרייהייט. ער איז דער דאזיגער וואס האט פערגיפטעט די מוחות פון מיליאנען און האט איבער די אידישע קעפ געבראכט א גרויס געפאהר.

אידען קענען בלויז מיט שרעק און אנגסט קוקען אויף דעם ענטשיידענעם פארזוך צו מאכען פארד'ן פאר פרעזידענט. פאר אידען ליעגט א געפאהר שוין אין דעם אליין וואס פארד ווערט פון מיליאנען געהאלטען פאר א פאסענדע פערזאן צו זיין פרעזידענט. ווארום די אומצווייפעלהאפטע גרויסע פארד אנהענגערשאפט, די גרויסע פארעהרונג פאר דעם אנטיסעמיטישען אויטאמאביל מאגנאט, צייגען אז דער פארד איינפלוס איז מורא'דיג גרויס און אז זיין אנטיסעמיטישע פראפאגאנדא האט אלע אויסזיכטען צו שלאגען שטארקעווארצלען דא אין לאנד. מיט פארד'ן אלס פאליטישע פיגור און אלס מעגליכער פיהרער פון א פארטיי אדער גאר אלס פרעזידענט — פון וואס די מעגליכקייט איז ניט אויסגעשלאסען — איז די געפאהר ווירקליך גרויס אז דער אנטיסעמיטיזם זאל אין אמעריקא ווערען א פאליטישע בעוועגונג...

עס איז ליידער א טרויעריגער אמת דאס וועהרענד אידען האלטען פארד'ן — און מיט רעכט — פאר זייער געפעהרליכסטען שונא, האלטען איהם מיליא־

# איינלייטונג

נען ניט־אידען פאר א גרויסען פאָלקס פריינד, פאר איינעם פון די גרעסטע "גייסטער" פון איצטיגען דור און מען פערזיכערט אונז, אז מיליאָנען מענער און פרויען זיינען זאָגאר גרייט פאר איהם צו שטימען פאר פרעזידענט.

פאָרד איז אָבער א גרויסע געהיימניס. ניט די אידען און ניט די ניט־אידען קענען איהם אין זיין ריכטיגע געשטאַלט. פאָרד, אחן צוויפעל איצט דער פּאָפּולערסטער מענש אין אמעריקא, איז דער אומבעקאנטסטער. קיינער קען ניט דעם ריכטיגען פאָרד, דעם אמת'ען שעפּפער פון אנטיסעמיטיזם און פּראָדוצירער פון ביליגע אויטאָמאָבילען. און אידען קענען איהם נאָך וועניגער ווי אנדערע.

איז פאָרד דער טייפעל פאר וועלכען אידען האלטען איהם אָדער דער "מלאך" וואָס פיעלע ניט־אידען מיינען אז ער איז? איז פאָרד דער פאָלקס־פערזאָרגער, דער ארבייטער פריינד, דער רעפאָרמער, דער אינדוסטריעלער מכשף, דער וואונדער־מענש וואָס ער ווערט פון זיין פארעהרער פאָרגעשטעלט? אָדער איז ער דער פּאַיאַץ, דער דעמאגאָג, דער איגנאָראמוס, דער געלד־זוכער, דער דורשטיגער נאָך מאכט? אָדער איז ער גאָר ניט מעהר ווי א געצייג אין די הענד פון א געוויסענלאָזע שייקע, דער פערבלענדעטער און פערפיהרטער, די סטראַשידלע וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען פון גערונגענע משרתים? איז פאָרד עהרליך אָדער פאַלש, אויפריכטיג אָדער חיפּאָקריטיש? גלויבט ער אין די ליעגענס וואָס ער פערשפּרייט געגען אידען אָדער איז ער א געוויסענלאָזער פעלשער און ליגנער?

אין די פאָלגענדע קאַפּיטלען וועט פאָרד געשילדערט ווערען ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. עס וועט איינמאָל פאר אלעמאָל ארונטערגעריסען ווערען די מאסקע און דער אנטיסעמיטישער אויטאָמאָביל מאגנאט וועט געצייגט ווערען מיט זיין אמת'ן פּרצוף, מיט זיין גאנצער קליינליכקייט און אומגעלומפּערטקייט, מיט זיין גאנצער אויפגעבלאָזענקייט און עם־הארצות. די פאָרד לעגענדע וועט צושטערט ווערען און אידען וועלען צום ערשטען מאָל זעהן זייער ביטערסטען שונא אין זיינע ריכטיגע קאָלירען.

די פאקטען און די בעלויכטונגען וואָס ווערען געגעבען זיינען אויפ'ן גרונד פון א שטודיום פון אלעם וואָס איז געשריבען און דערצעהלט געוואָרען וועגען הענרי פאָרד און זיין קאריערע. זיין טהעטיגקייט, סיי אלס אינדוסטריאַליסט און סיי אלס "געזעלשאפטליכער טוער", וועט צוגלידערט ווערען. זיין פערזענליכקייט וועט געצייגט ווערען אין דער געהעריגער ליכט.

פאר דיעזען צוועק האָט זיך דער שרייבער ספּעציעל בענוצט מיט די שריפטען פון פאָרד'ס געוועזענע בוזים פריינד, ע. ג. פּיפּ און דר. סעמיועל ס. מארקיס. דער ערשטער איז געוועזען פאר א צייט רעדאקטאָר פון פאָרד'ס "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" און דער צווייטער איז געוועזען פאָרד'ס גייסטליכער. דער שרייבער האָט זיך אויך בענוצט מיט דעם וואָס איז וועגען פאָרד'ן געזאָגט געוואָרען אין קאָנגרעס אין פערבינדונג מיט דעם מאָסעל שאָולס פּלאַן און מיט דעם וואָס פּראָמינענטע פּערזאָנען פון פערשיעדענע ריכטונגען וועלכע זיינען גענוי בעקאנט מיט פאָרד'ס קאריערע האָבען צו דערצעהלען וועגען איהם.




פאָרד אויף אָנקעל סעם׳ס וואָגשאָל. אפי־לו מיט דעם קלען וועגט ער ניט אַרי־בער די אמעריקאנער פריוהייט.




דעם „קלענס" צאַצקע.

## 1. — פאָרד'ס קאָנספּיראַציע צו ווערען פּרעזידענט

**די גרויסע אמביציע וועלכע ער זופּט איצט צו פאַרווירקליכען. — זיין דורשט נאָך מאַכט. — די שפּיאָנען און געדונגענע אגענטען וואָס זוכען "באַווייזע" געגען אידען און וואָס "בומען" איהם פאַר פּרעזידענט. — זיין פאַבריצירטער פּאָליטישער "רעקאָרד".**

הענרי פאָרד פאַר פּרעזידענט! דאָס איז מעהר ניט קיין שפּאַס נאָר אַן ערשיטערענדער ערענסט. דער אנטיסעמיטישער אויטאָמאָביל מאַגנאַט פון דירבאָרן האָט געוואָרפען זיין אויג אויפ'ן ווייסען הויז און, מיט דער הילף פון זיין מעכטיגער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע, זיינע געהיימע און אָפענע אַגענטען און זיינע אומצעהליגע מיליאָנען, פּלאַסטערט ער זיך אויס דעם וועג פון דעטראָיט נאָך וואַשינגטאָן, גרייט צו זיין טריאומפס־צוג מיט וועלכען ער ערוואַרט אריינצוקומען אין אַמעריקא'ס הויפּט־שטאָדט.

דאָס וואָס האָט געשיינט צו זיין אומגלויבליך איז געוואָרען אַ פאַקט. פאָרד ווערט גענומען ערנסט פון די פּאָליטישע פיהרער פון אַלע ריכטונגען. דער פאָרד "בום" האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ פראַנקענשטיין וועלכער דראָהעט די צוויי גרויסע פּאַרטייען, ספּעציעל די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אויף וועמען דער מאַגנאַט פון מישיגען וויל זיך מיט געוואַלד אַרויפצווינגען.

מיט דער כיטראַסט פון אַ פוקס וועבט פאָרד דעם גרויסען נעטץ פאַר די שטימגעבער פון לאַנד און מיט דעם ציניזם פון אַ מעפיסטאָפעל זוכט ער אריינצוכאַפּען די נשמות פון די מאַסען, פאַרבייפיהרענדיג פאַר זייערע אויגען דעם צויבער־שטעקעלע פון זיינע פאַבעלהאַפטע עשירות. די פאָרד קאָנספּיראַציע צו ווערען פּרעזידענט איז זיך צוואַקסען אין איהר טייפלישער פאָלקאָמענהייט.

עס וואָלט געווען קאָמיש ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי טראַגיש צוצוקוקען צו די פּאַיאַצסטווא און די ביליגע פּרעס־אַגענט אַרבייט און צו די

געהיימע און אָפענע אינטריגעס מיט וואָס פאָרד זוכט צו דערגרייכען דעם פרעזידענטען־שטוהל.

פאָרד בענוגענט זיך ניט מיט דעם גרויסען פארמעגען — ווי מען זאָגט דער גרעסטער פון אלע — וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען אין א מערקווירדיג קורצער צייט, — א משך פון בלויז צוואנציג יאָהר. ער איז ניט צופריעדען צו זיין בלויז דער אבסאָלוטער אויטאָקראט פון איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען אין דער וועלט. איהם באפריעדיגען ניט מעהר מאטעריעלע ערווערבונגען און אינדוסטריעלע ערָאבערונגען, ער וויל מאכט. ער וויל די פאָליטישע פיהרערשאפט פון דער גרעסטער רעפובליק אין דער וועלט, און פון וואשינגטאָן קענען ארויסזאָגען זיין "גרויס" וואָרט צו דער וועלט. פאָרד איז אמביציעז. שיכור פון דעם ערפאָלג וואָס ער האָט געמאכט מיט זיינע ביליגע אויטאָמאָבילס; גאוה'דיג מיט דער פאָפולאריטעט וואָס ער האָט זיך געוואונען איבער'ן לאנד און איבער דער גאנצער וועלט — (א פאָפולאריטעט וואָס איז געקומען אלס רעזולטאט פון א פלאנמעסיגען און סיסטעמאטישען "פובליסיטי" קאמפיין וואָס הערט ניט אויף) — וויל ער איצט ווערען דער רעגיערער פון לאנד און "לעהרער" פון דער וועלט.

פאָרד, פיליכט מעהר ווי אימיצער אנדערש אין אמעריקא, ווייס דעם כח פון "פובליסיטי". זייט יאָהרען ווי ער געהט ניט ארונטער פון די שפאלטען פון די ציטונגען. פאָרד וועט טהאָן אלע משונה'דיגע זאכען, וועט זאָגען מיינונגען וועגען אלעם אין דער וועלט אבי די ציטונגען זאָלען וועגען איהם שרייבען. און דאָס וואָס ער טהוט און זאָגט, האָט אימער איין צוועק — צו מאכען זיך גרויס, צו מאכע זיינע אויטאָמאָבילען פאָפולער.

פאָרד'ס לוסט צו "פובליסיטי", — און דערצו ניט־בעצאָהלטע "פובליסיטי — צו אדווערטייזען זיך דורך די נייעס שפאלטען פון די ציטונגען, איז שוין אזוי בעוואוסט אז פיעלע חאָבען די גאנצע צייט געהאלטען אין זאָגען, אז אייגענטליך איז גאָר פאָרד ניט אויסען צו "לויפען" פאר פרעזידענט, נאָר זיינט פריהער פון אלע צו האָבען א פרייע אדווערטייזמענט און קענען פערקויפען מעהר "פאָרדלער".

דער בעוואוסטער אמעריקאנער הומאָריסט, וויל ראדזשערס, האָט זיך ניט לאנג צוריק אויסגעדריקט אין דער "ניו יארק טיימס", אז וואָס, וואָס, צו פאָרד וועט ווירקליך זיין א קאנדידאט פאר פרעזידענט אָדער ניט, צו ער מיינט ווירקליך צו "לויפען" אָדער ניט, דאָס וואָס מען פויקט איצט איבער'ן לאנד וועגען איהם אלס מעגליכער קאנדידאט פאר פרעזידענט איז פאר איהם ווערטה א ביליאָן דאָלאר — וואָרום פאָרד ווערט דערוויל נאָך מעהר און נאָך ברייטער

אדווערטייזט און זיינע "פארדלער" ווערן פערקויפט אין נאך א גרעסערע צאהל ווי אימער.

אז פארד זוכט בלויז די "פרייע אדווערטייזמענטס" דורך דעם גאנצען "בום" פאר פרעזידענט, האבען אויך ארויסגעזאגט פיעלע אנדערע. דערפאר האבען פיעלע איהם ביז אהער ניט געוואלט נעהמען ערענסט אלס א מעגליכען קאנדידאט פאר פרעזידענט. האט דאך פארד אליין עפעס די גאנצע צייט ניט געוואלט רירען וועגען זיינע פלענער. האט ער דאך געמאכט דעם אנשטעל ווי ער וואלט זיין צושטימונג ניט געגעבען צו דעם, אז מען זאל איהם "בומען" פאר פרעזידענט, און האט דאך פארד מיט א קורצער צייט צוריק, ווען רעפארטערס האבען איהם ענדליך דערטאפט אין ספרינגפיעלד, מאסאטשוזעטס, קאטעגאריש געהאט ערקלערט אז ער איז ניט קיין קאנדידאט פאר פרעזידענט און האט ניט ברעה צו זיין א קאנדידאט.

אבער פארד וואלט ניט געווען פארד ווען מען וואלט זיין כלומרשטען שטילשווייגען און זיינע אפליקעננונגען אנגענומען פאר א באוויז, אז ער וועט טאקי ניט "לויפען". פארד וויים מעהר ווי אן אנדערער די וויכטיגקייט פון "אנציהען" דעם עולם, פון מאכען די מאסען נייגעריג, פון געבען די צייטונגען "שטאף" וואס מעהר און וואס אפטער צו שרייבען וועגען איהם. זאל מען וואס מעהר דיסקוטירען וועגען איהם אויב ער וועט לויפען אדער ניט און אויב ער איז טאקי ערנסט געווען ווען ער האט געזאגט אז ער וועט ניט "לויפען". דאס אלץ מיינט מעהר "פובליסיטי", מעהר פרייע אדווערטייזמענטס.

אבער דער קארט איז געצויגען. אלע וויסען שוין איצט פון פארד'ס ערנסטקייט. פארד וועט זיך ניט אפשטעלען פאר קיין זאך אום זיין ציעל צו ערדייכען, ספעציעל ווען ער האט אלעס צו געווינען און גאר ניט צו פערלירען.

פון ע. ג. פיפ, פארד'ס געוועזענער פריינד, דערוויסען מיר זיך אז דער אויטאמאביל מאגנאט האט נאך געלעגט זיינע פלענער פאר דער פרעזידענט־סטווא אין 1918 ווען ער איז געווען א קאנדידאט פאר סענאטאר. פארד האט ארויסגעגעבען א בעפעהל צו זיינע געדונגענע משרתים און פרעס־אגענטען צו געווינען פאר איהם א פלאץ אין סענאט. ער האט דיעזען באפעהל געגעבען אין דעם זעלבען טאן ווי ער גיט אויפצובויען א נייע פאבריק, אפצוקויפען א נייע מינע אדער גאר אפצוראמען פון וועג א קאנקורענט, דערשטיקען א געגנער. פארד בעציהט זיך צו יעדענס מיט דער זעלבער אויסגערעכענטקייט, מיט דער זעלבער ביזנעסמעסיגקייט, צו דאס האנדעלט זיך וועגען א נייע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונג צו וועגען א פלאץ אין סענאט אדער גאר די פרעזידענטסטווא.

פארד האט פערלארען. עס איז ערוועהלט געווארען זיין אפאנענט. אבער

פארד האט בעשלאסען אז יענער קאמפיין זאל זיין דער פונדאמענט פון דעם קומענדען קאמפיין, ווען ער וועט זיין קאנדידאט פאר פרעזידענט. פארד האט שוין געזעהן די בריק וואס קען געלעגט ווערען פון 1918 צו 1924 ווען ער וועט ארויסשטעלען זיין קאנדידאטור פאר פרעזידענט.

"אין זיין אינדוסטריעלער טהעטיגקייט", שרייבט מר. פיפ, "האט פארד שטארק הנאה פון אויסנוצען אלטע און צובראכענע זאכען, אין מאכען אלטע מאשינען בעסער ווי די נייע און ניט לאזען קיין זאך געהן אין ניוועץ".

דאס זעלבע האט פארד בעשלאסען צו טהאן מיט זיין פערלארענעם קאמפעין פאר סענאטאר. ער האט בעשלאסען אויסצונוצען זיין מפלה, — פערוואנדלען די נידערלאגע אין א זיעג. פארד האט דא געטהאן פאלגענדעס: ער האט פעראָרדענט אז מען זאל אנהויבען זוכען דעם "רעקארד" פון זיין זיעגרייכען אפאנענט, זוכען פגימות אויף איהם. דערביי איז אונז פיפ מגלה, אז אויסער אלעם איז פארד בכלל א קליין מענשעלע וואס איז ראכע־זיכטיג און וואס פרעגעלט זיך צו זעהן ווי זיינע שונאים צאפלען זיך אונטער זיין קנוטע.

ניובערי האט איהם בעזיעגט און פארד האט בעשלאסען צו רואינירען איהם און די וועלכע האבען איהם געהאלפען ערוועהלט ווערען. מיט דעם איז ער צו אלעם ערשטען געווען אויסען פון ניובערי'ן צו נעהמען ראכע און דאן צו מאכען זיך א נאך גרעסערען נאמען ווי ער וואלט עס זיך געמאכט ווען ער וואלט ווירקליך געוואונען אין די וואהלען. אין פארד'ס מח (און אפשר איז עס גאר געווען די מחות פון זיינע מיעצים) אין דער פלאן געווען פארטיג.

פארד'ס שפיאנען האבען זיך גלייך א לאז געטהאן איבער'ן שטאאט פון מישיגען צו זוכען בעוויזע געגען ערוועהלטען סענאטאר און גרויס איז געווען פארד'ס פרייד, שטארק האט ער זיך געפרעגעלט פון נחת, ווען בעוויזע זיינען טאקי געפונען געווארען און ער האט געהאט א גרונד אויף וועלכען אנצופאנגען א ביטערען קאמפף געגען זיין אפאנענט.

דער קאמפף איז אנגעפיהרט געווארען מיט דער גרעסטער ביטערקייט פאר יאהרען. פארד האט געזאלט ערשיינען אין די אויגען פון פאלק אלס דער "קאזאק הנגזל", דער בערויבטער, דער בע'עול'טער. זיין אפאנענט האט עס געהייסען, איז קארופטירט, האט זיך געהאט געקויפט זיין עלעקשאן. פארד, וויעדער, איז כלומרשט געווען דער ריינער, דער עהרליכער. דער אמת ערוועהלטער, דער דאזיגער וועמען דאס פאלק גארט און וויל. פארד האט, אלזא, געפונען דעם וועג ווי צו שלאגען קאפיטאל פון זיין נידערלאגע, ווי צו בויען זיין פאליטישע קאריערע פון זיין אפאנענט'ס זיעג.

פאָרד האָט זיך מיט׳ן קאמפף געגען זיין אפּאָנענט ארויסגעצייגט אין א ליכט פון איינעם וואָס זוכט בלומרשט נאָר צו טהאָן דעם ווילען פון פאָלק. און פאָרד האָט טריאומפירט. ער האָט ערדייכט זיינס. ער האָט געלעגט דעם פונ־דאמענט פאר זיין שוין דאמאָלט געפּלאַנטען קאמפּיין פאר פרעזידענט. די קאָנספּיראציע איז געווען פארטיג.

מיט זיין ניט געלונגענעם קאמפּיין פון 1918 פאר סענאטאר האָט פאָרד אלזאָ זיך געמאכט זיין פּאָליטישע קאריערע, אומשטיינס געזאָגט, געבויט אויף גאָר ניט. ער האָט זיך איינגעשאפט א פּאָליטישען ״רעקאָרד״ מיט וועלכען ער קען שוין קומען צום פאָלק, און אויף׳ן גרונד פון וועלכען ער וויל איצט ווערען פרעזידענט.

און ווערענד מיר שטעלען זיך אָפּ אויף פאָרד׳ס קאמפּיין פון 1918 און זיין קאמפף געגען זיין ערפאָלגרייכען אפּאָנענט וואָס האָט געפאָלגט, צו צייגען פאָרד׳ס פארבאָרגענע פּלענער, דאַרף מען אויך ניט פארזעהן דאָ פאָרד׳ס שטענדיגע חזיר־כשר־פיסעל מעטהאָדען. פאָרד איז געווען דער דאָזיגער וואָס האָט אָנגעפיהרט דעם קאמפף געגען ניובערי׳ן. ער אליין האָט געגעבען די באַפעהלען אָנצופיהרען די פּאָליטישע מלחמה. ער האָט אָבער געמאכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט קיין האנד אין דעם ניט געהאָט, נאָר אנדערע טהוען עס. ער האָט זיך געלאָזט קאָסטען ריעזיגע סומען אָבער פאר דער וועלט האָט עס געהייסען אז ער פיהרט א קאמפף אום אויסצוריינינגען די קאָרופּציאָן אין דער פּאָליטיק פון לאנד.

פאָרד האָט אימער ליעב אז אנדערע זאָלען פאר איהם טהאָן די שווארצע ארבייט, אנדערע זאָלען שארען פאר איהם די הייסע קוילען. קיין משרתים פעהלען איהם ניט. ווי האָט פאָרד אליין אמאָל געזאָגט, ער דאַרף נאָר א פייף טהאָן, און ער האָט ארום זיך אלע עקספּערטען, אלע מאכער, אלע גרויסע מענשען, גרייט אויסצופאָלגען זיינע באפעהלען. צו טהאָן זיין ווילען. די מאכט פון גאָלד.

פאָרד איז דער באהאלטענער, דער סלויער, דער דאָזיגער וואָס לויערט אויף זיינע קרבנות פון הינטער דער כינעזישער וואנד מיט וועלכער ער האָט זיך ארומגערינגעלט. ער לאָזט זיינע משרתים טהאָן פאר איהם וואָס ער אליין וואגט ניט צו טהאָן.

און דערפאר איז ער טאקי געפעהרליכער און דאַרף גענומען ווערען ערנסטער. עס דאַרף אויך גענומען ווערען אין אנבעטראכט דאָס פאָרד איז ארומגערינגעלט פון א קליקע, וועלכע גלעטען איהם און פּיעסטשען איהם און האלטען איהם אין זינגען לויב־געזאנגען און

אין דערצעהלען זיין גרויסקייט, וואָס רופט ביי איהם ארויס זיין עגאָ, מאכט איהם ביי זיך תקיף און גרויס אין זיינע אייגענע אויגען.

מיט אזא קליינליכען און זעלבסט ארויפגעארבייטען פּראָווענץ איז עס לייכט. זיינע שמייכלער און אונטערלעקער זיינען אָבער אליין אמביציעזע מענשען, אזוינע וואָס האָפען צו וואַרימען זיך אין דער זון פון פאָרד׳ס גרויס־קייט, ווען ער וועט זיין פּרעזידענט. און קריגען טאַקי זייער בעלויהנונג אין מזומנים פאר שטעהן ארום איהם, פאר העלפען איהם אין פערווירקליכען זיינע פּלענער, באלד.

די מאשינעריע און די געלד דורכצוזעצען אלע זיינע פּלענער האָט ער. פאָרד האָט ניט נאָר די קאָלאָסאַלסטע אָרגאניזאַציע, וועלכע ער קען צו יעדער צייט באַנוצען פאר אירגענד וועלכען צוועק, סיי צו פערקויפען זיינע אויטאָמאָבילען און סיי צו קאמפּיינעווען פאר איהם. נאָר האָט אויך זיין גרויסען שפּיאָנען סיסטעם וועלכע ער בענוצט פאר פארשיעדענע צוועקען, צו געפינען באַווייזע געגען יעמאנדען אָדער טאַקי די בעווייזע צו פאַבריצירען. ווי ער האָט עס קער־טהאָן אין פאַל מיט זיינע אטאַקעס אויף אידען.

אָט דיזער שפּיאָנען סיסטעם איז עס בענוצט געוואָרען און ווערט נאָך באנוצט געגען די אידען, אין קריגען "בעווייזע" געגען זיי, ווי נאָרמאַן האַפּגוד האָט עס אזוי קלאָר און דייטליך בעשריבען אין זיינע ארטיקלען אין "הוירסט׳ס מאַגאַזין" וועגען פאָרד׳ס אנטי־אידישע מאַניאַ.

איז עס א וואונדער אז פאָרד זאָל האָבען די אמביציע צו ווערען פּרעזי־דענט און זאָל טאַקי זיין איבערצייגט אז דיזע אמביציע קען פערווירקליכט ווערען? איז עס א וואונדער וואָס פאָרד האָט נאָך אין 1918 געלעגט זיינע פּלענער אריינצוקלייבען זיך אין ווייסען־הויז און האָט זינט דאַן מיט א טייפלי־שער געשיקטקייט געמאַכט אלע נויטיגע פּאַרבערייטונגען צו מאַכען זיך קאַנ־דידאַט פאר פּרעזידענט אין 1924?

און ווער קען דען איצט זאָגען מיט זיכערהייט אויב די פאָרד קאַנספּי־ראַציע וועט ניט זיין קיין ערפאָלג. די איינציגע האָפענונג ליעגט פיליייכט אין דעם, וואָס פאָרד׳ס מאַסקע וועט סוף כל סוף אַרונטערגעריסען ווערען און דאָס אמעריקאַנער פאָלק וועט איהם דערזעהן אין זיין אָבשטויסענדער ווירקליכ־קייט. וואָס אָנבעלאַנגט פאָרד זעלבסט, טהוט ער אלץ וואָס איז אין זיין כח זיך ארויפצוצווינגען אויף׳ן לאַנד, זיך צו מאַכען אומפאַרטיידליך און אומבעזיעגבאַר.

## 2. — דער "בלאַף" וועגען פֿאָרד'ס גרויסקייט.

ווערט טיטולירט אלס "זשעניע", "ערפינדער", "אינדוסטריעלער מכשף" און איינער וואָס פארוואנדעלט אין גאָלד אלעס צו וואָס ער ריהרט זיך צו. — ווער עס האָט דיזע לעגענדעס געשאפען און פאר וועלכען צוועק זיי זיינען פארשפּרייט געוואָרען צווישען פאָלק.

אמעריקא איז רייך אין "גרויסע מענשען" פון אלע מינים, וועמעס "גרויס־קייט" איז דער פּראָדוקט פון זעלבסט־רעקלאמע אָדער פון די געשיקטע ארבייט פון זייטיגע מענשען, וועלכע האָבען פּערזענליכע אָדער פּארטיי אינטערעסען יעמאנדען צו מאכען גרויס און באריהמט. אָבער קיינער פון די זעלבסט־געקרוינטע און פון די פארשיעדענע "גרויסע" און "באריהמטע" מענשען האָט נאָך ווען געהאט אזא נאָמען ווי הענרי פאָרד.

פאָרד'ס באריהמטהייט איז ניט די באריהמטהייט פון דעם געוועהנליכען מולטי־מיליאָנער. אָבוואָהל פאָרד ווערט נאָך ניט געהאלטען פאר דעם "רייכ־סטען מענשען אין אמעריקא", איז ער אָבער פיעל מעהר באריהמט ווי ראקפע־לער, וועלכער ווערט יא געהאלטען פאר דעם רייכסטען. און פאָרד איז בא־ריהמט ניט בלויז פאר זיינע עשירות, פאר דעם מעטעאָרישען ערפאָלג וואָס ער האָט געמאכט אין גאָר א קורצער צייט, נאָר פאר זיין "גרויסקייט".

איהר וועט גאנץ אָפט הערען און לעזען וועגען פאָרד'ן אלס "זשעניע", אלס "ערפינדער" און אלס "אינדוסטריעלער מכשף". ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס פאָרד האָט זיך נאָך מיט יאָהרען צוריק פאר דער גאנצער וועלט ארויסגעציינט אלס עם־הארץ, אומוויסענדע באשעפעניש, איז ער אָבער נאָך אלץ פארוויעגט אלס איינער פון די "גרעסטע מענשען" וואָס אמעריקא פארמאָגט.

פון איין זייט ווערט ער פארשריען אלס גוואלדיגער אידעאליסט, איינער וואָס זוכט נאָר דעם גליק פון פאָלק, וואָס וויל נאָר געלד אום צו העלפען אנדערע, וואָס טראכט נאָר ווי גרויס און רייך צו מאכען דאָס לאנד.

פאָרד איז פארשריען געוואָרען אלס א קאפּיטאליסט וואָס האָט מיט זיין גוטען ווילען געהעכערט דעם לויהן און פארקירצט די ארבייטס שטונדען פון זיי־נע ארבייטער. פאָרד איז כלומרשט דער אינדוסטריאליסט וואָס זאָרגט זיך אז מענשען מיט קליינע איינקינפטע זאָלען קענען געניסען די פערגעניגענס און די בעקוועהמליכקייטען וואָס זיי האָבען זאָנסט ניט געקענט געניסען — קורץ, איינער וואָס ארבייט ניט פאר זיך נאָר נאָר פאר אנדערע, וואָס ערווערבט זיך עשירות כדי אנדערע זאָלען דערפון הנאה האָבען.

מען טיטולירט איהם אלס א מענש מיט א גרויסען אינטעלעקט, אן אייזערנעם קאָפּ. מען גיט איהם קרעדיט אלס דער ערפינדער פון אויטאָמאָביל און ער ווערט באצייכענט אלס מעכאַנישער זשעניע וואָס דאַרף באלד געשטעלט ווערען אויף איין פּעדעסטאַל מיט זיין פריינד עדיסאָן.

אלס אָרגאַניזאַטאָר דאַרף עס חייסען האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט און אלס בויער פון גרויסע אינדוסטריען דאַרף ער זיין דער וואונדער פון דעם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט.

אויב די וועלט ווייס שוין אז פאָרד איז ניט קיין חויך־געבילדעטער מענש, איז זי אָבער נאָך אונטער׳ן איינדרוק אז ער איז א גרויסער דענקער און זאָגאר א פילאָזאָף, איינער וואָס ווייס אַלץ און אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, איינער וואָס האָט שטודירט אַלע גרויסע פּראָבלעמען, עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע. פאָרד, האָט מען איינגערעדט דעם עולם, איז דער רעפאָרמאַטאָר, דער געצען־צושטערער, דער באַקעמפּפער פון וואָלל־סטריט, דער קאַפּיטאַליסטישער רעוואָלוציאָנער. ער איז דער ארבייטער־פריינד, אמת׳ער פאָלקס־מענש און מענש פון פריעדען.

וואָס אנבעלאַנגט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען וועלען אייך זיינע חסידים פּאַרזיכערען אז צו וואָס ער זאָל זיך ניט צו־ריהרען וועט עס פערוואַנ־דעלט ווערען אין גאָלד. פאָרד האָט אויפגעבויט די ריעזיגסטע אינדוסטריע אין לאַנד. און פאָרד האָט געצייגט אז ער קען מאַכען א פינאַנציעלען ערפאָלג פון אונ־טערנעהמונגען וועלכע זיינען ביי אנדערע געווען א דורכפאַל. דאָס זאָל ער האָבען, צום ביישפּיעל, געצייגט מיט דער אייזענבאַהן וואָס ער האָט איבער־גענומען אונטער זיין פאַרוואַלטונג — אן אייזענבאַהן וועלכע האָט זיך פריהער ניט געצאָהלט און וועלכע האָט אָנגעהויבען זיך צאָהלען אונטער פאָרד׳ן.

און פאָרד ווערט געהאַלטען אלס דער כל יכול, דער "מכשף" פון דער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער וועלט, ניט נאָר אין אמעריקא נאָר אויך אין אויסלאַנד, פּאַקטיש איבער דער גאַנצער וועלט. די פאָרד לעגענדע איז שוין באַקאַנט ווייט אויסער די גרעניצען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען. א ביי־שפּיעל האָבען מיר געהאַט פון עסטרייך. לויט די ידיעות אין די צייטונגען האָט זיך דאָרט געהאַט פאַרשפּרייט א קלאַנג אז פאָרד געהט אָפּקויפען די געוועזענע וואָפען פאַבריקען פון דער עסטרייכישער רעגיערונג אום זיי צו פער־וואַנדלען אין אויטאָמאָביל פאַבריקען. דאָס האָט אָנגעמאַכט א פּוראַר אויף דער בערזע און די אַקציעס פון די וואָפען פאַבריקען האָבען זיך ריעזיג א חויב געטהאָן. עס איז געוועזען געגוג אז פאָרד׳ס נאָמען זאָל דערמאָהנט ווערען און דער עולם זאָל גלויבען אז אַלעס וועט דאָן מעגליך זיין.

צו אזא באריחמטהייט האָט זיך ניט דערארבייט ניט קיין ראקפעלער און ניט קיין מאָרגאן און אויך ניט קיין קארנעגיע, וועלכער איז געווען אזא פּזרן און וועלכער האָט זיך געשאפען מאָנומענטען פּאקטיש אין יעדע שטאָדט דורך זיינע לייברעריס.

אין יעדען פֿאַל איז קיין אנדער מיליאָנער און אינדוסטריאליסט קיינמאָל אין אמעריקא ניט געוואָרען קיין פּאָליטישע פיגור, קיין מעגליכקייט פֿאַר פּרעזידענט ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט פֿאָרד. די פֿאָרד לעגענדע, וועלכע איז פֿאַרזיכטיג און סיסטעמאטיש איינגעוואָרצעלט געוואָרען צווישען פּאָלק איז פֿאַר דעם פֿעראנטוואָרטליך. און אויף ווי ווייט דיעזע לעגענדע איז פֿעראנטוואָרטליך איז צו זעהן פֿון דעם וואָס פֿאָרד ווערט גענומען אזוי ערענסט פֿון אלע פּאָליטישע פֿיהרער.

דאָס מיינט נאטירליך ניט אז פֿאָרד וועט ווען זיצען אין ווייסען־הויז. פֿאָרד׳ס שאנסען זיינען זעהר קליינע צו ווערען פּרעזידענט. דאָס וועט אָבער שוין ניט זיין דערפֿאַר וואָס ער, פֿאָרד, פֿון זיין זייט האָט פֿארפֿעהלט צו טהאָן עפּעס וואָס זאָל איהם שאפֿען די געהעריגע פּאָפּולאריטעט צווישען פּאָלק, נאָר דערפֿאַר וואָס אנדערע, דרויסענדיגע, האָבען זיך געשטעלט איהם אין וועג.

דאָס איז שוין אָבער א זייטיגער ענין. וואָס אנבעלאנגט די פֿאָרד לעגענדע איז זי פּאָלקאָם, האָט זי צו זיך קיין פֿארגלייכען ניט. און ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אז זי איז קינסטליך באשאפֿען געוואָרען, אז זי איז דער רעזולטאט פֿון די ארבייט פֿון פֿעהיגע פּרעס־אגענטען, דאן באגרייפֿט מען ווי ווייט איינער וואָס האָט הינטער זיך מיליאָנען קען זיך מאכען מעכטיג ווען ער ווייס נאָר וואָס ער וויל און ווייס צו וואָס ער ציעלט.

אז פֿאָרד **איז קליין**, ברוטאל און אומוויסענד ווייס יעדער איד שוין פֿון דעם אליין וואָס פֿאָרד האָט זיך אזוי געוויסענלאָז א נעהם געטהאָן צום פֿארשפּרייטען אנטיסעמיטישע פּראָפּאגאנדא איבער׳ן לאנד. פֿאָרד׳ס אנטיסעמיטיזם וואָלט געקענט דיענען אלס דער בעסטער ״טעסט״ צו צייגען זיין קליינליכקייט און ניט דערוואקסענקייט. פֿאָרד האָט מיט דעם געצייגט אן אונקאָמפּעטענץ, וואָס רופֿט ארויס צווייפֿעל זאָגאר אין זיינע געשעפֿטספֿעהיגקייטען (ווי מיר וועלען עס נאָך זעהן שפּעטער). אין בעסטען פֿאַל האָט ער זיך ארויסגעוויזען צו זיין אימפּולסיוו, אומוויסענד, קליין־קעפּיג, געוויסענלאָז און דעמאגאָגיש.

לײדער זעהען עס אָבער ניט די ברייטע אמעריקאנער מאסען אין דיעזען ליכט. ביי פֿיעלע האָט פֿאָרד זיך געוויס גאָר איינגעקויפֿט אין יחוס מיט זיין אנטיסעמיטישער פּראָפּאגאנדא. ער האָט געוויס געוואונען דעם ״קו קלוקס קלען״

אויף זיין זייט און אויך אנדערע פינסטערע עלעמענטען, וואס ברענגט דעם פארדאכט אז פארד זאל דורך זיין אנטיסעמיטיזמוס האבן געציעלט זיך צו געווינען פאליטישען פרעסטיזש, אין וואס, ווי מיר וועלען נאך זעהן, ער האט זיך שטארק אפגענארט.

זאגאר ביי פיעלע אידען איז נאך גאר ניט קלאָהר אויב פאָרד איז דא פערזענליך פאראנטווארטליך און אויב ער איז ניט פארפיהרט געווארען פון אימיצען. די פאָרד לעגענדע איז נאך אלענפאלס ניט צושטערט געווארען, זאגאר צווישען פיעלע אידען, איינפאך דערפאר וואס קיינער וויים ניט גענוי וועד פאָרד איז אין דער ווירקליכקייט, וואס פאר א מענש ער איז אין דער אמת'ן. מיט דער גאנצער ״פובליסיטי״ וואס ער קריעגט איז פאָרד'ס פערזאָן צום ברייטען עולם אבסאָלוט פרעמד און אומבאקאנט און דערפאר אפשר איז מעגליך געווען אז לעגענדען זאלען זיך ארום איהם פלעכטען.

די פאָרד מיליאָנען האבען פיעלע פארבלענדעט. די פאָרד פראפאגאנדא איז צו טיעף אריינגעדרונגען אין אלע ווינקעלאך פון לאנד. קיינער וויים ניט גענוי וועד פאָרד איז, ווארום פאָרד האט זיך מיט דער גרעסטער געשיקטקייט אימער אויסבעהאלטען פון פאלק, איז קיינמאל ניט געקומען אין נאהנטער באַריהרונג מיט קיינעם.

אויף דער אויטאָריטעט פון זיין אייגענעם גלח און געוועזענעם בוזים־פריינד, דר. מארקים, דערוויסען מיר זיך אז פאָרד איז דער אפגעזונדערטסטער און פארבאהאלטענסטער מענש וואס האט ווען געשפיעלט א ראלע אין אמעריקאנער עפענטליכען לעבען.

און דאס אליין איז אפשר אויך ניט מעהר ווי א מעטאדע ביי דעם אויטאַמאָביל מאגנאט. זייענדיג אפגעזונדערט און באהאלטען פון אלעמען קען מען לייכטער פארשפרייטען די פרעס־אגענט געשיכטעס וועגען איהם, קען מען לייכטער פארשפרייטען לעגענדעס וועגען איהם.

פאָרד איז אין דער אמת'ן ניט מעהר ווי אן אומוויסענדער מענשעל, א פראסטער דארפס־פויער, וועלכער האט געהאט נאטירליכע מעכאנישע פעהיגקייט, — ניט מעהר פעהינקייט ווי דאס האבען טויזענדע אנדערע פשוט'ע אמעריקאנער ארבייטער, — און געשעפטס־פעהיגקייט, אויך ניט מעהר פון טויזענדע אנדערע געוועהנליכע מענשען, וועמען דער צופאל האט געדיענט און וועלכער איז מיט דער מיה און פליים פון אנדערע גרויס געווארען.

מיר וועלען נאך אין די ווייטערע קאפיטלעך זעהען וואס פאָרד איז אין דער ווירקליכקייט און ווי ער האט זיך ״ארויפגעארבייט״. פאָרד איז אבער

אונטער קיינע אומשטענדען ניט קיין "זשעניע" און קיין "ערפינדער" און אויך ניט קיין אינדוסטריעלער "מכשף". ער איז ווייט פון צו זיין דער וואונדער־מענש און איז זיכער ניט קיין פאָלקס־פריינד און קיין ארבייטער־פריינד ווי ער איז ניט קיין אידען־פריינד.

זיינע פרעס־אגענטען און באצאהלטע ביאגראפיע שרייבער האָבען פון איהם געמאכט אן "ערפינדער". אין דער ווירקליכקייט איז ער קיינמאָל ניט געווען מעהר ווי א מעכאניקער, וועלכער האט נאך שווערע ארבייט זיך דער־שלאָגען צו זיין ביליגען "פאָרדעל".

ער איז קיין "זשעניע" ווייל ער באזיצט קיינע באזונדערע פעהיגקייטען און איז ניט קיין אינדוסטריעלער "מכשף", ווייל פאָרד האט פערזענליך גאנץ ווייניג בייגעטראָגען צום ערפאָלג פון זיינע געשעפטען.

פון אָנפאנג איז עס געווען די געלד פון א מאלקאלמסאָן און די געשעפטס־פעהיגקייטען פון א דזשיימס קאוזענס, דער איצטיגער סענאטאר און געוועזענער מעיאָר פון דעטראָיט. שפּעטער, ווען דאס רעדעל פון הצלחה האט זיך א דרעה געטהאָן, האט שוין פאָרד געוואוסט וואו צו קריגען די נויטיגע עקספּער־טען און פעהיגע מענשען וועלכע זאָלען פיהרען זיינע ביזנעס.

אויב פאָרד האט זיך יא מיט עפּעס אויסגעצייכענט, איז עס מיט דעם וואס ער האט פון זיינע פריהעסטע יאהרען איינגעזעהן אז "פּובליסיטי" איז דאס וויכטיגסטע אין אמעריקא, וויכטיגער פון געלד און פון פעהיגקייטען, און ער האט אכטונג געגעבען אז ער זאָל האָבען די גרעסטע "פּובליסיטי" וואס אימיצער האט ווען געקראָגען אין אמעריקא.

אויב פאָרד איז אן "ערפינדער" איז ער דער ערפינדער פון דעם, אז "פּוב־ליסיטי" דארף זיין ניט נאָר וועגען די ביזנעס וואס מען טהוט נאָר וועגען זיך זעלבסט. דאס איז אפשר אזוינס וואס קיין אנדערער האט נאך ווען איינגעזעהן און פארשטאנען. אלע אמעריקאנער קאפּיטאליסטען און אינדוסטריאליסטען האָבען זיך זעלבסט אפּגעטיילט פון זייערע געשעפטען. זייערע געשעפטען זיי־נען אדווערטייזט געווארען, אָבער ניט זיי אליין אלס טהייל פון די געשעפטען און אונטערנעהמונגען. פאָרד איז אָבער געווארען די ביזנעס און די ביזנעס — פאָרד.

פאָרד האט ניט נאָר באציערט מיט זיין נאָמען דעם אויטאָמאָביל וועלכען ער פאבריצירט, נאָר האט זיך אזוי צוזאמענגעבונדען מיט'ן מאשין, אז מען ווייס שוין מעהר ניט וואו עס איז פאָרד די פערזאָן און וואו עס איז פאָרד די מאשין.

אין דער ווירקליכקייט האט פאָרד די גאנצע כאראקטעריסטיקע פון דעם

אויטאָמאָביל וועלכער טראָגט זיין נאָמען און פון וועלכען ער איז דער באַשאַ־פער. דער "פאָרד" איז די ביליגקייט אליין, ניט אויסגעהאַלטען מעכאַניש, ניט שעהן פאַר'ן אויג, ניט בעקוועמליך. זיין איינציגע מעלה איז, ער לויפט און לויפען לויפט ער זאָגאר צובראָכענערהייט און מיט "געז" אָדער אָהן "געז". ער לויפט מיט אימפּעט אָדער מיט'ן כח פון טייפעל...

אַלעס וואָס איהר געפינט אין פאָרד'ן זעלבסט איז דער אימפּעט, דער אימפּולס. דאָס איבעריגע איז אומגעלומפּערטקייט, גראָבקייט, ביליגקייט...

מיר האָבען געהאַט און האָבען איצט אין אַמעריקאַ פיעלע אַנדערע וואָס זיינען רייך און גרויס געוואָרען דורך פאַבריצירען און פאַרקויפען אַרטיקלען צו פּאָפּולערע פּרייזען. איינער פון זיי, צום ביישפּיעל, איז געווען וואָלוואָרטה פון די פינף און צעהן סענט סטאָרס. וואָלוואָרטה'ס נאָמען איז א ביי־וואָרט אין גאַנץ אַמעריקאַ. איהר זעהט עס אויף אַלע פון זיינע הונדערטע סטאָרס איבער'ן לאַנד. זיין נאָמען איז אויך פאַראייביגט געוואָרען דורך דער גרעסטער געביידע אין ניו יאָרק און אַמעריקאַ און טאָקי אין דער גאַנצער וועלט. אָבער וואָלוואָרטה'ס פּערזאָן, ווי ווייט און ווי ברייט זי איז ניט אדווערטייזט געוואָ־רען מיט די ביזנעס, איז געבליעבען אין הינטער־גרונד. פאָרד האָט אָבער זיך באַהעפט מיט די ביזנעס און די ביזנעס געמאַכט א טהייל פון זיך.

דאָס האָט געאַרבייט פון צוויי זייטען. פון איין זייט איז ער אַליין געוואָ־רען אַלץ מעהר באַריהמט מיט דעם וואוקס פון די ביזנעס און פון צווייטען זייט איז די ביזנעס געוואַקסען מיט דעם וואוקס פון זיין, פאָרד'ס, פּערזענליכער באַריהמטהייט. פאָרד האָט אַלעס אויסגענוצט פאַר די ביזנעס און די גאַנצע ביזנעס אויסגענוצט פאַר זיך.

איצט אַז פאָרד ווערט געפעהרליך, הויבט מען אָן שטעקען זיינע הענד דאָרט וואו ער דאַרף ניט און וואו מען וויל איהם ניט, האָט מען פאַר זיך ניט נאָר די אויפגעבלאָזענע פאָרד פּערזאָן נאָר אויך די מעכטיגע פאָרד ביזנעס אָרגאַני־זאַציע — די פאָרד מיליאָנען.

די פאָרד ביזנעס אָרגאַניזאַציע קען ניט באַזייטיגט ווערען און קיינער זוכט עס ניט צו באַזייטיגען. די פאָרד לעגענדע מוז אָבער צושטערט ווערען. דער אמת וועגען פאָרד'ן מוז באַקאַנט ווערען צווישען פאָלק און דאָס מוז געטהאָן ווערען וואָס שנעלער און וואָס פריהער.

דאָס וועלען מיר אויך טהאָן אין די ווייטערע קאַפּיטלען, בעקאַנענדיג זיך מיט פאָרד'ס פּערזאָן און זעהן דעם אמת'ן פּרצוף פון דעם שעפּפער פון אַמערי־קאַנער אַנטיסעמיטיזמוס.

# 3. — דער ריעזיגער פאָרד טראָסט.

דער כלומר'שטער באקעמפפער פון טראָסטס און מאָנאָפּאָלען איז אליין דער גרעסטער טראָסט און מאָנאָפּאָליסט. — וויל פארכאפּען אלץ אין זיינע הענד. — וויל פערזענליכען קאָנטראָל איבער אלע זיינע אונטערנעהמונגען. — וויל זאָגאר פארכאפּען די קלאָדהינג אינדוסטריע און אן אנדער ריין־אידישע אינדוסטריע.

די וועלט קוקט געוועהנליך אויף הענרי פאָרד ווי אויף אן אויטאָמאָביל פאבריקאנט, וועלכער האָט דורך זיינע פעהיגקייטען און אייגענארטיגע געשעפטס־מעטאָדען זיך ערוואָרבען א ריעזיגען פארמעגען און ענטוויקעלט א גיגאנטישע אינדוסטריע, לויט דער מיינונג פון פיעלע איינע פון די גרעסטע, אויבנ ניט דיא גרעסטע אין דער וועלט. פאָרד ווערט בעטראכט צו זיין פּונקט דער היפּוך פון דעם געוועהנליכען אמעריקאנער קאפּיטאליסט, וועלכער זאָל האָבען זיינע עשירות געמאכט דורך מאָנאָפּאָל און אומעהרליכע געשעפטס־מעטאָדען.

ווייניג ווייסען אָבער אז פאָרד אליין איז פּיעלייכט דער גרעסטער מאָנאָפּאָליסט וואָס אמעריקא האָט ווען געהאט און א געלד־זאק וואָס ווייס ניט קיין גרעניץ און האָט ניט קיין מאָס. פאָרד, וועלכער פארלוימדעט אידען אלס די יעניגע וואָס ווילען פארכאפּען די גאנצע וועלט, איז אליין דער גרעסטער פארכאפּער און פארשלינגער וועמעס אפּעטיט פאר רייכטהום און מאכט ווערט קיינמאָל ניט געזעטיגט.

פאָרד מאכט כלומרשט דעם אָנשטעל אז ער איז א באקעמפּפער פון וואָלל סטריט, אז ער איז דער שונא פון די אינטערנאציאָנאלע באנקירען, מיט וואָס ער מיינט אימער די אידען. דאָס איז אָבער בלויז אן אָנשטעל און אפשר גאָר א מיטעל צו פארדעקען זיינע אייגענע געשעפטס מעטאָדען, צו פארבאהאלטען פון דער וועלט אז ער איז אליין דער "גרעסטער טראַסט", דער שטארקסטער מאָנאָפּאָל וואָס זוכט צו פארשלינגען אלעם און אלעמען, וואָס לאָזט זיינע קאָנקורענטען קיין קאָפּ ניט הויבען און וואָס דערשטיקט יעדען וואָס קומט איהם אין וועג. פאָרד וויים שוין פון לאנג אז שרייען "כאַפּט א גנב", איז דער בעסטער וועג ווי א גנב קען מאכען פּליטה.

אין דער אמת'ן האָט פאָרד געדארפט טיטולירט ווערען אלס דער "צאר"

פון דער אמעריקאנער אינדוסטריעלער וועלט. ווארום קיין אנדערער איז ניט אזא זעלבסט־הערשער, אזא אויטאָקראט, ווי ער איז. פאָרד קאָנטראָלירט זיינע קאָלאָסאלע אונטערנעהמונגען אליין. ער האָט ניט נאָר דערשטיקט און באַזייטיגט די קאָנקורענטען זיינע, נאָר האָט אויך ארויסגעשטויסען די יעניגע וואס זיינען מיט איהם מיטגעגאנגען פון ערשטען טאָג אָן און וואס האָבען איהם געהאָלפען אין — און אפשר אין גאנצען געווען פעראנטוואָרטליך פאַר — זיין ערפאָלג. די יעניגע וואס האָבען מיט זייער געלד און מיט זייערע פעהיגקייטען ארויפגעארבייט די פאָרד מאָטאָר קאָמפּאני זיינען איינער נאָכ'ן צווייטען ארויסגעשליידערט געוואָרען כדי צו געבען פאָרד'ן א פרייע און איינציגע האנד, אליין צו קאָנטראָלירען און געוועלטיגען איבער אלעם און אלעמען.

מיט דעם אליין האָט שוין פאָרד פיעליכט געציינט אז ער איז ניט נאָר קליינליך און ביייזוויליג, נאָר אויך אומדאנקבאר, — אומדאנקבאר צו די וואס האָבען איהם געהאָלפען ווערען וואס ער איז. פאָרד האָט זיך מיט דעם אויך געציינט צו זיין צוריקגעשטאנען און ווייט פון'ם נייעם גייסט וואס פאָדערט קאָאָפּעראציע און ניט קיין אויטאָקראטי. אזא פערזאָן אין פּאָליטיק וואָלט מיינען דער היפּוך פון דעמאָקראטיע, וואָלט געווען א פארשוועכונג צום גייסט פון פאָלקס־הערשאפט.

אָבער לאָמיר צוריקגעהען צו פאָרד'ס עשירות און באקאנען דעם לעזער מיט דעם וואס פאָרד קאָנטראָלירט אום צו זעהען וואס פאַר א מורא'דיגע מאכט ער איז, ווי גרוים עס זיינען די געשעפטען, אינדוסטריען און אונטערנעהמונגען וועלכע ער קאָנטראָלירט, וואס וועט אגב אויך טאקי מאכען קלאָהר ווארום פאָרד איז אזא מאכט און ווארום ער קען טויזענדע שטעלען צו זיין דיענסט, ווארום זיין ווילען איז געזעץ און ווארום ער דאַרף בלויז טהאָן א דריק א קנעפּעל און א ריעזיגע מאשינעריע הויבט זיך אָן באוועגען אין דער ארט־און־וויייזע ווי ער פערלאנגט.

דעם 16־טען יוני, 1923, איז געוואָרען 20 יאָהר זינט די פאָרד מאָטאָר קאָמפּאני האָט אָנגעהויבען פאבריצירען אויטאָמאָבילען. אין פערלויף פון דיעזע צוויי צעהנדליג יאָהר האָט עס זיך פאָרד דערדראפּעט צו דעם העכסטען שטאַפּעל פון הצלחה. וואס ער איז אלס אויטאָמאָביל פאבריקאנט וועט גענוג זיין אָנצוגעבען פאָלגענדע פאקטען:

יעדע פיער סעקונדען ווערט פארטיג אין די פאָרד פאבריקען אן אויטאָמאָביל. פאָרד'ס אויטאָמאָביל פּראָדוקציאָן האָט דערגרייכט צו ארום א מיליאָן און א האלב אויטאָמאָבילען א יאָהר.

פאָרד'ס פאבריקען אין האילאנד פּארק, דעטראָיט, אליין פארנעהמען א

שטח פון דריי הונדערט אקער. און פאָרד האָט אויטאָמאָביל פאבריקען אין פארשידענע טהיילען פון לאנד און זאָגאר קענערע.

אין זיינע פאבריקען ווערען ניט נאָר פּראָדוצירט אויטאָמאָבילען נאָר אויך "טראַקטאָרס" פאר אגריקולטורעלע צוועקען און "טראָקס". אויסער די בע־קאַנטע "פאָרד'לאַך" פאבריצירט פאָרד אויך די לינקאָלן אויטאָמאָבילען. פאָרד האָט ניט לאנג צוריק אויסגעקויפט די לינקאָלן קאָמפּאני און איז איצט דער פולער אייגענטהימער פון דער אינדוסטריע וואָס פאבריצירט דעם מעהר קאָסטבארען אויטאָמאָביל. פאָרד איז שוין מעהר ניט דער פּראָדוצירער פון ביליגע אויטאָמאָבילען נאָר אויך פון טהייערע. ער קען זיך שוין מעהר ניט באריהמען אז זיין "אויפגאבע" אין לעבען איז צו געבען די יעניגע וואָס האָבען קליינע איינקינפטע א געלעגנהייט צו געניסען דיא פערגעניגענס פון אַן אויטאָמאָביל. ווען פאָרד האָט דערזעהן א געלעגענהייט צו מאכען געלד פון קאָסטבארע אויטאָמאָבילען איז ער אויף זיי געוואָרען א בעלן פּונקט ווי אויף די ביליגע, וואָס ציינט, אגב, די פאלשקייט פון דער באהויפּטונג פון די פאָרד פּרעס־אגענטען אז דער אנטיסעמיטישער אויטאָמאביל מאגנאט זאָרגט זיך נאָר פאר די אינטערעסען פון פאָלק. דער אמת איז, אז פאָרד האָט אימער נאָר אין זינען זיינע אייגענע אינטערעסען, און זיינע אינטערעסען זיינען צו מאכען וואָס מעהר געלד, זאָל עס זיין פון ביליגע אָדער טהייערע אויטאָמאָבילען. אין אנ־דערע ווערטער, פאָרד איז דער זעלבער קאפּיטאליסט, דער זעלבער געלד־זוכער ווי אלע פון זיין מין. דער אונטערשיעד איז נאָר וואָס אנדערע מאכען ניט קיין אָנשטעל, האָבען ניט קיין פּרעטענזיעס, ווערהענד פאָרד לעגט אריין די טומאה אין דער יראה, זוכט איינצורעדען דער וועלט אז ער מיינט ניט די קניידלאַך נאָר די הגדה.

אָבער וועגען דעם וועלען מיר נאָך ברייטער שרייבען אין די ווייטערע קאַפּיטלאַך. דערווייל ווילען מיר אויסרעכענען די פיעלע אונטערנעהמונגען אין וועלכע פאָרד איז פאראינטערעסירט און פון וועלכע ער איז דער אויטאָקראט און אבסאָלוטער אייגענטהימער.

אין פארבינדונג מיט זיינע אויטאָמאָביל פאבריקען האָט פאָרד צעהנדליגע אנדערע מינים פאבריקען, וואו עס ווערען צוגעגרייט די פערשיעדענע מאטע־ריאלען וועלכע זיינען נויטיג צו פּראָדוצירען אויטאָמאָבילען. פאָרד האָט שוין לאַנג באזייטיגט יעדען פארמיטלער צווישען איהם און די וועלכע באזיצען די רויהע און אנדערע מאטעריאלען וואָס ער דארף האָבען. וועגען דעם ווי אזוי ער האָט באזייטיגט די פארמיטלער און די וואָס זיינען איהם געשטאַנען אין וועג וועלען מיר האָבען באזונדער צו דערצעהלען. מיר וועלען דאן זעהען אז

פאָרד איז ניט בעסער, נאָך ערגער ווי אלע אנדערע "טראַסטמאַגנאַטן" און מאָנאָפּאָליסטען.

פאָרד בעזיצט איצט ניט נאָר די אייזען-מינען נאָר אויך די קוילען-מינען, די וועלדער פאר האָלץ און די פאבריקען וואו דאס האָלץ ווערט צוגע-גרייט. פאָרד האָט אויך גלאָז פאבריקען צו פאבריצירען די נויטיגע שויבען און לעמפּלעך פאר זיינע אויטאָמאָבילען און טאקי אנדערע מינים גלאָז-וואַרג פאר'ן אלגעמיינעם געברויך. איינע פון זיינע גלאָז פאבריקען ווערט געשאצט צו האָ-בען דעם ווערטה פון איבער א מיליאָן דאָלאַר.

זיין אויטאָמאָביל אינדוסטריע איז אזוי פאָלקאָם, אז אלעס וואָס האָט א שייכות מיט דיעזער אינדוסטריע איז אין זיינע הענד. און מיט דיעזער אויטאָ-מאָביל אינדוסטריע איז פאָרד נאָך אויך ניט פארטיג. פאָרבערייטונגען ווערען געמאכט דאָרט צו פּראָדוצירען לופט-שיפען און מען קען ערוואַרטען אז ווען לופט-שיפען וועלען אריין אין טעגליכען געברויך זאָל פאָרד זיין אין "מאַרקעט" מיט א "פאָרד" לופט-שיף, מיט וועלכער ער וועט מסתמא מאכען דעם זעלבען רעש און געפילדער ווי מיט זיינע אויטאָמאָבילכלאַך.

פאָרד האלט איצט אויך אין פּראָדוצירען א קליינעם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער זאָל קענען פארנעמען דעם פּלאַץ פון די גרויסע לאָקאָמאָטיוון. אין אנדערע ווערטער, פאָרד וויל אויסשפּרייטען זיינע הענד צו פארכאַפּען אלע טראַנספּאָר-טאַציאָנס-מיטלען, סיי אין דער לופט און סיי אויפ'ן לאַנד. זאָגאַר אויפ'ן וואסער זוכט ער צו ווערען שטאַרק. ווארום פאָרד האָט שוין אין צייט פון קריעג פאבריצירט און פאבריצירט נאָך איצט דאכט זיך אויך מאָטאָר-שיפלאַך פון פארשיעדענע מינים.

פאָרד האָט אין אמעריקא אליין ניט וועניגער פון 9,000 אגענטען פאר זיינע אויטאָמאָבילען און 15,000 "סוירוויס" סטאַנציעס. אלע זיינע אגענ-טען זיינען זיינע געהאָרכזאַמע דיענער ניט נאָר צו פארקויפען אויטאָמאָבילען נאָר אויך צו "בומען" איהם און צו מאכען איהם גרויס, זאָגאר צו אגיטירען פאר איהם אלס פּרעזידענט קאַנדידאַט, ווי דאָס איז מיט א קורצער צייט צו-ריק אויפגעדעקט געוואָרען אין א סעריע ארטיקלען אין דער "ניו יאָרק טריביון". פאָרד, ווען ער שטעלט אימיצען צו זיין דיענסט, מוז יענער איהם דיענען מיט לייב און זעעלע, ער וויל ניט נאָר דעם גוף נאָר אויך די נשמה פון זיינע אר-בייטער און אנגעשטעלטע.

פאָרד איז אויך דער אייגענטהימער פון א 500 מייליגע אייזענבאהן ליניע, די דעטראָיט, טאָלידאָ און איירא̈נטאָן אייזענבאהן. דיעזע אייזענבאהן איז פון איהם געקויפט געוואָרען צו געבען זיינע פאבריקען א בעסערע פארבינדונג מיט

די גרויסע אייזענבאַהן ליניען דורך וועלכע זיינע פאַרטיגע אויטאָמאָבילען ווער־רען צושיקט און דורך וועלכע די פאַבריקען קריגען זייערע רויהע מאַטעריאַלען. דאָס האָט פאָרד'ן געגעבען נאָך מעהר אומאַבהענגיגקייט אַלס אויטאָמאָביל פאַבריקאַנט און פאַקטיש אין גאַנצען באַזייטיגט יעדען וואָס איז איהם גע־שטאַנען אין וועג. דער פאָרד מאָנאָפּאָל אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע איז מיט דעם געוואָרען פאָלשטענדיג.

אָבער, ווי דאָס איז אימער דער שטייגער מיט איהם, האָט דאָ פאָרד גע־ציעלט נאָך פיעל ווייטער. מיט זיין איבערנעהמען די אויבענדערמאַהנטע אייזענבאַהן ליניע האָט פאָרד געציעלט זאָגאַר פיעל מעהר ווי בלויז אריינ־טרעטען אין א נייע "ביזנעס" — די אייזענבאַהן "ביזנעס". ער האָט דאָ גע־זוכט, און טאַקי געקראָגען די גרעסטע "פּובליסיטי" וואָס ער האָט ווען געקענט קריגען, און דאַן טאַקי פערוואָרפען א נעטץ צו פאַנגען די נאָמינאַציע פאַר פּרעזידענט, ווי מיר וועלען נאָך שפּעטער זעהען.

פאָרד זוכט איצט צו קריגען קאָנטראָל איבער אַנדערע אייזענבאַהן ליניען און עס איז צו ערוואַרטען אז ער וועט גאָר אין א קורצער צייט אַרום זיין איינער פון די גרעסטע אויב ניט דער גרעסטער אייזענבאַהן מאַגנאַט אין לאַנד, מיט'ן צוגאָב וואָס אין זיין פאַל וועלען די אייזענבאַהן ליניען טאַקי זיין זיין פּערזענליכער אייגענטהום. וואָרום פאָרד דולדעט ניט קיינע שותפים און אויך ניט קיינע "שעהר־האָלדערס". ער וויל זיין דער איינציגער בעל־דעה און טאַקי אויך האָבען די פולע "מאה", זיך ניט דאַרפענדיג טהיילען מיט קיינעם דיא פּראָפיטען.

אז פאָרד האָט בדעה אויך צו ווערען א שיפען־אייגענטהימער איז גוט באַוואוסט. און ער האַלט עס ביים ווערען, אויב ער איז עס שוין ניט געוואָרען. א ידיעה איז ניט לאַנג צוריק געווען אז ער האָט געוואָלט אָפּקויפען די גאַנצע האַנדעלס פלאָטע פון דער אַמעריקאַנער רעגיערונג — א זאַך וואָס אויסער די "ביזנעס" זייט דערפון האָט דאָ אויך געשמעקט מיט א פרייע אַדווערטייזמענט אין די צייטונגען וואָס ער האָט טאַקי געקראָגען מיט פולער האַנד.

פאָרד איז אויך א גרויסער לאַנד באַזיצער. דאָס לאַנד וואו עס געפינען זיך זיינע פאַבריקען, די אייזען און קויהלען מינען, די וועלדער און אַנדערע לענדערייען פאַרנעמען א שטח פון הונדערטע טויזענדע אַקער.

פאָרד האָט אַן אייגענע קויהלען פירמא מיט א קאַפּיטאַל פון 15 מיליאָן דאָלאַר. ער האָט מינען אין פאַרשיעדענע טהיילען פון לאַנד, דאַרונטער וועסט ווירדזשיניא און קענטאָקי. ער האָט אויך די גרעסטע און רייכסטע וועל־דער. זיינע אייזען־מינען אין מישיגען סטייט זיינען פון די רייכסטע אין לאַנד.

פאָרד גיט זיך פיעל אָפּ מיט בויען פאַבריקען צו פּראָדוצירען עלעקטריצי־טעט פון וואסער־קראפט. אויף דיעזען געביעט זוכט ער זיך אויסצושפּרייטען פּאקטיש איבער'ן גאנצען לאנד. פאָרד, ווי דער שטייגער, אָנגעבענדיג אז ער זוכט בלויז די אינטערעסען פון פאָלק, קריעגט איבעראל קאָנצעסיעס פון די סטייט רעגיערונגען, וואָס קיין אנדער פּריוואַט פּערזאָן אויף זיין פּלאַץ וואָלט ווען געקראָגען, און אזוי קריעגט ער א מאָנאָפּאָל איבער אן אנדער אינדוסטריע וועלכע וואַקסט אין איהר וויכטיגקייט מיט יעדען טאָג. פאָרד, דער מאָנאָפּאָליסט, האָט אזוי מאַנעווורירט אז ער ווערט אָנגענומען אלס דער פאַרשטעהער פון פאָלק און ניט אלס דער זעלבסטזיכטיגער קאפּיטאַליסט וואָס ער איז אין דער ווירקליכקייט.

פאָרד וויל אויך ווערען א שטאָהל מאַגנאַט, אויב ער איז עס שוין ניט גע־וואָרען. ער האָט שוין א גרויסען אייזען און שטאָהל גיסעריי און זוכט זיך אויס־צושפּרייטען אין דיעזער אינדוסטריע. עס איז שוין געווען א רעפּאָרט אז ער קאָנטראָלירט בשתיקה צוויי שטאָהל קאָמפּאַניעס אין פּענסילוויניא. וואָס ברענגט אויפ'ן געדאנק אז אויסער פון די אינדוסטריען וואָס מען ווייס קאָנטראָ־לירט פאָרד אודאי אזוינע אינדוסטריען וואָס מען ווייס ניט — אן אנדער בע־וויז אז ער איז דער זעלבער סאָרט מאָנאָפּאָליסט ווי אנדערע.

לעצטענס האָט זיך פאָרד אויך גענומען צו די "ראָבער" ביזנעס. פאַר דיעזען צוועק האָט ער געמאכט גרויסע אונטערנעהמונגען אין מעקסיקא און זיד־אמעריקא. דאָס דאַרף ער ניט נאָר פאַר זיינע אויטאָמאָבילס — צו מאכען "טייערס" — נאָר אויך צו קריעגען א דריסת הרגל אין איינע פון די גרעסטע וועלט־אונטערנעהמונגען, וואָס איז ביז אהער געווען כמעט אויסשליסליך ביי ענגלענדער. בכלל האָט פאָרד שוין לאַנג זיך אויסגעשפּרייט ניט נאָר איבער די פעראייניגטע שטאאטען נאָר אויך אין אנדערע לענדער, ווי קענעדע, צענטראל און זיד־אמעריקא און דאָן אייראָפּאַ, אפריקא, אויסטראַליען און אזיען.

פאָרד שטעקט אָן איבעראל. פון דער קאָנפערענץ וואָס ער האָט געהאט מיט גאָווערנאָר סטאָרס פון ירושלים, ווען דער לעצטער איז געווען אויף א באזוך אין אמעריקא, איז ארויסגעקראָגען געוואָרען די נאכריכט אז פאָרד זאגט זיך אפילו ניט אָפּ פון פּאַלעסטינא. יאָ, דער פיינד פון אידען וואָלט זיך אודאי ניט אָפּגעזאָגט פון מאכען געלד אין לאנד פון די אידען, ווי ער האָט זיך קיינ־מאָל ניט אָפּגעזאָגט צו מאכען געלד פון אידען דאָ אין לאנד און אנדערע לענ־דער און זוכט אימער דעם אידישען "טרייד".

אין פאַרבינדונג מיט דעם וועט זיין אינטערעסאַנט צו דערצעהלען אז פאָרד מאכט זייט לעצטענס א גרויסען פאַרזוך אריינצודרינגען אין אינדוסטריען

וועלכע זיינען פארלויפיג און אימער געווען אין אידישע הענד — די קלאדהינג אינדוסטריע און די "מואווינג־פיקטשור" אינדוסטריע. און אויב מען זאל אננעהמען פארד'ס אייגענע ערקלעהרונגען אז דאס באנק געשעפט איז א ספעציעל אידישע זאך, דאן הייסט עס אז פארד זוכט אויך אריינצודרינגען אין אן אנדער אידישע אונטערנעהמונג.

וועגען דאס לעצטע האט שוין פארד געמאכט א באשטימטען פארזוך ווען ער האט מיט א צייט צוריק פארליהען געלד צו דער שטאדט־רעגיערונג פון דעטראיט. פארד האט דאס געטהאן אויף א קליינעם פראצענט, אבער אזוי ווי די סומע איז געווען בלויז א קליינע, מעג אנגענומען ווערען אזד ער אויטאמאביל מאגנאט האט עס געטהאן ניט מעהר ווי צו אדווערטייזען זיך און טאקי צו קריגען א נאמען אלס א באנקיר וואס האט נאר דאס פאלק אין זינען. עס איז אויך באריכטעט אז פארד שטודירט די ארבייטער־בענק וואס זיינען לעצטענס געעפענט געווארען פון אידישע און ניט־אידישע יוניאנס און וויל זיי נאכטהאן, וואס צייגט ניט נאר אז פארד לאזט קיין זאך ניט אויס, נאר אויך אז ער כאפט אויף פרעמדע אידעען און פלענער און זוכט זיי צו אדאפטירען, נעהמענדיג זיך דעם פולען קרעדיט. ווארים צו אלע "מעלות" איז פארד אויך א פלאגיאטאר — איינער וואס גנב'עט פרעמדע אידעען און מאכט דעם אנשטעל אז זיי זיינען זיינע אייגענע.

אין דער קלאדהינג אינדוסטריע פלאנט דער אויטאמאביל מאגנאט אריינצוקומען לויט אלע וואהרשיינליכקייטען אויף א פיעל גרעסערען מאסשטאב ווי דאס האט אימיצער אנדערש ווען געטהאן.

פארד וויל האבען זיינע אייגענע וועבערייען און זיין זיין אייגענער פאבריקאנט פון געוואנט, און ער וועט אפשר נאך געהן פיעל ווייטער און אויך האבען זיינע אייגענע קאטאן פלאנטאציעס.

פארד איז שוין אין די קלאדהינג ביזנעס זייט א לענגערע צייט. ער האט זיינע אייגענע סטארס פאר זיינע ארבייטער און קויפט פאר דיזע סטארס קליידער. פארד וויל אבער משמעות זיך "באפרייען" פון די אידישע קלאדהינג פאבריקאנטען ווי ער וויל דאס גאנצע לאנד "באפרייען" פון אלע אידען— און וועט ווערען זיין אייגענער פאבריקאנט. ווי מען גיט איבער פון זיכערע קוועלען איז מען אין דער קלאדהינג אינדוסטריע גאנץ שטארק באקימערט. ווארום מען קען זיך פארשטעלען וואס פארד וואלט געמיינט פאר די אידישע מאנופעקטשורערס און די אידישע ארבייטער. די מאנופעקטשורערס וואלט ער ארויסגעזעצט פון זייערע ביזנעס ווי ער האט עס געטאהן מיט די אלע אנדערע וואס זיינען איהם געשטאנען אין וועג, און די ארבייטער וואלט ער גלייך גע־

שטעלט אונטער זיין אייגענעם סיסטעם וואָס וואָלט געמיינט אז די שניידער־יוניאָנס וואָלטען געמוזט ארויס פון עקזיסטענץ. ווארום פאָרד, דער "אר־בייטער פריינד" איז דער ביטערסטער שונא פון די אָרגאניזירטע ארבייטער און וואָלט זיי "בעגנאדיגט" מיט זיינע אייגענע קאָנדיציעס, מיט וועלכע מיר וועלען זיך באקאָנען אביסעל שפּעטער.

מיט דעם אלעם פארענדיגט זיך נאָך אָבער ווייט ניט די ליסטע פון די אונטערנעמונגען און אינדוסטריען וועלכע פאָרד האָט שוין אָדער זוכט ארייג־צוקריעגען אונטער זיין קאָנטראָל. פאָרד איז ווייט ניט דער איינפאכער אויטאָמאָביל פאבריקאנט. ער איז דער ריעזיגסטער אינדיווידועלער "טראָסט" וואָס די וועלט האָט וועו געזעהן און ער איז נאָך אלץ זשעדנע פאר מעהר, עס איז איהם קיינמאָל ניט גענוג.

עס וועט זיין גענוג צו זאָגען אז לויט די לעצטע באריכטען האלט פאָרד אין ארייגלעגען יעהרליך מיליאָנען אין נייע אונטערנעהמונגען. דאָס איז אזא סיסטעם ביי איהם און מען קען זיך פאָרשטעלען ווי גרויס און ווי שטארק ער וועט נאָך ווערען, וואָס מאכט די פאָרד געפאהר אלץ גרעסער ניט נאָר פאר אי־דען נאָר טאקי אויך פאר'ן גאנצען לאנד.

## 4. — פאָרד, דער כלומרשטער ארבייטער פריינד

**שפּיעלט די ראָלע אלס פריינד פון די ארבייטער, אָבער איז אין דער אמתין נים קיין קלענערער עקספּלואטאטאָר ווי אלע אנדערע ארבייט־געבער. — צאָהלט העכערע ווייזשעס, אָבער פּרעסט ארויס מעהר ארבייט. — פאָרד קריגט קרעדיט פאר דעם אויפטהו פון א צווייטען.**

סענאטאָר ברוקהארט פון אייאָווא האָט מיט א קורצער צייט צוריק באַצייכענט הענרי פאָרד אלס "וואָהלטהעטיגער אויטאָקראט". אז פאָרד איז אן אויטאָקראט אויף דעם קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין. פאָרד איז די פערקערפּערונג פון אויטאָקראטי. וועגען פאָרד'ס "וואָהלטהעטיגקייט" איז נאָך אָבער א גרויסער ספק. אין דער אמת'ן איז ניטאָ קיין גרונד צו באצייכענען פאָרד'ן אלס א מענש פון וואָהלטהאט.

דער אָטאָמאָביל־מאגנאט האָט נאָך ניט געגעבען קיין סענט וואָס זאָל איהם ניט האָבען אריינגעבראכט כפל כפלים. אלעס וואָס פאָרד טהוט איז אויסגערעכענט פון געשעפטס־שטאנדפונקט און קיין זאך וואָס צאָהלט זיך ניט ווערט ניט געטהאָן.

אויב פאָרד האָט עפּעס געטהאָן וואָס שיינט צו זיין פּריוויליגע וואָהלטהעטיגקייט איז עס ענטוועדער צו קריגען א פרייע אדווערטייזמענט, זיך איינצוקויפען א נאמען אלס מענש פון וואָהלטהאט, אדער ארויסצוקריגען גרעסערע פּראָפיטען.

מיר וועלען זיך דאָ אָפּשטעלען אויף דעם וואָס פאָרד איז פארשריען געוואָרען אלס גרויסער ארבייטער פריינד. עס דאַרף הייסען, אז פאָרד האָט געטהאָן פּריוויליג דאָס וואָס קיין אנדער ארבייט־געבער האָט ווען געטהאָן און אז פאָרד איז געגאנגען נאָך ווייטער ווי די אָרגאניזירטע ארבייטער האָבען ווען פּראָבירט געהן. פאָרד האָט איינגעפיהרט אן אכט שטונדיגען ארבייטס־טאָג און א מינימום לויהן פון 6 דאָלאר א טאָג, און דאן א סיסטעם פון טהיילען זיך מיט די ארבייטער מיט די פּראָפיטען.

פאָרד ווערט אויך געלויבט פאר בויען הייזער פאר זיינע ארבייטער און פאר איינפיהרען סטאָרס פאר זיי. עס דאַרף כלומרשט הייסען, אז פאָרד האָט עס אלעס געטהאָן בלויז אויס ליעבע צו זיינע ארבייטער, דערפאר וואָס ער האָט געפיהלט זיין פליכט צו די וועלכע האָבען איהם געהאָלפען אָנזאמלען מיליאָנען.

עס וועט דארום זיין אינטערעסאנט זיך אפצושטעלען אויף דעם און אויסגע־פינען אויב פארד האט דערביי ווירקליך געהאט דאס מענשליכע אין זינען און אויב ער האט זיך דא נישט געדעכענט ווי דער פראצענטניק בלויז מיט די פראפי־טען וואס די אלע "וואהלטהעטיגע" מעשים וועלען איהם ברענגען און האבען איהם טאקי געבראכט.

צו אלעם ערשטען וועט זיין נישט אויסען פלאץ צו דערצעהלען אז דער מי־נימום לויהן, פאר וואס פארד נעהמט זיך דעם קרעדיט און פאר וואס ער איז אזוי ברייט און אזוי ווייט אדווערטייזט געווארען, איז גאר געווען דער אויפטהו פון פארד'ס געוועזענעם שותף און דעם איצטיגען סענאטאר קאוזענס. סעמיועל ס. מארקיס, פארד'ס געוועזענער גלח און נאהענטער פריינד דערצעהלט עס אין זיין בוך איבער פארד'ן. עס איז געווען קאוזענס פארשלאג און פארד האט אויף דעם איינגעשטימט. אגב איז עס נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס פארד האט אויפגענומען פרעמדע אידעען און האט זיך נאכהער פאר דער וועלט אד־ווערטייזט אלס דער אריגינעלער אויפטהוער.

דערביי דארף אויך דערצעהלט ווערען וואס פארד'ס א ביאגראפער דער־צעהלט וועגען דעם אטאמאביל מאגנאט'ס "גוטהערציגקייט" צו זיינע ארבייטער.

דערצו דארפען מיר אבער געהען צוריק ווען פארד האט ערשט אנגעפאנגען פאבריצירען זיינע אטאמאבילען. פון אנפאנג איז פארד'ן און זיינע שותפים געגאנגען גאר נישט פויגעלדיג. עס האט זיי געפעהלט קאפיטאל. זיי האבען נישט געקענט ווארטען ביז וואנען די אטאמאבילס וועלען זיך פערקויפען און דאס געלד וועט אריינקומען.

פארד האט זיך דאן ווענדיג אפגעגעבען מיט דער געשעפט־זייט. ער איז אויף דעם, לויט אלע וואהרשיינליכקייטען, גאר נישט פעהיג געווען. פארד האט געהאט צו טהאן מיט פערוואלטען די פאבריק, וועלכע איז דאן געווען זעהר קליין. די געשעפטען, — עס הייסט, דאס פערקויפען פון די אטאמאבילען און דאס זאר־גען פאר די פינאנצען, — זיינען געפיהרט געווארען פון פארד'ס שותפים, דער אויבענדערמאהנטער קאוזענס און אנדערע, וועלכע זיינען אימער געווען די "קעפ" פון די ביזנעס.

אין יענער צייט האט די פארד מאטאר קאמפאניע איבערגעלעבט מעהר ווי איין קריזיס. איינמאהל איז אבער געקומען א קריזיס וואס האט די קאמ־פאניע שוין געהאלטען ביים ברעכען. עס איז געווען אונמעגליך אנצוגעהן מיט דער ארבייט. קאוזענס האט זיך אוועקגעלאזט קיין שיקאגא דארט קריגען "אר־דערס" און עס האט זיך אלץ געווענדעט אז דעם אויב קאוזענס וועט צוריק־קומען מיט געגוג מזומנים צו צאהלען די ארבייטער און בעצאהלען די שווערע

שולדען וואס האבען זיך אנגעקליבען. די געפאחר איז געווען גרויס, אז די ארבייטער וועלען זיך ענטזאגען צו ארבייטען אויב מען וועט זיי גלייך ניט צאהלען. פארד האט זיך דאן געווענדעט צו די ארבייטער — ארום הונדערט אין צאהל — און זיי דערצעהלט פון דעם גרויסען קריזיס וואס די פירמא מאכט דורך און אפעלירט צו זיי, אז זיי זאלען ניט אוועק פון זייערע "דזשאבס" און צו־וואַרטען מיט זייערע ווייזשעס און טאקע ניט זשאלעווען צו אונטער־ארבייטען לענגער און פלייסיגער ביז וואנען די פירמא וועט ארויסגעשלעפט ווערען פון דער בלאטע.

די ארבייטער האבען זיך פריינדליך אפגערופען אויס'ן אפיעל פון חענרי פארד און זיך פלייסיג א נעהם געטהאן צו דער ארבייט, ניט קוקענדיג אויף קיין שטונדען און ניט קימערענדיג זיך אום קיין לויהן. פארד איז איצט געווארען זיכערער און פעסטער. די שווערסטע פראבלעמע — צאהלען די ארבייטער — איז געווען פאר דערוויילע געלעזט. ער איז געווען זיכער, אז די ארבייט וועט ניט אפגעשטעלט ווערען.

עס איז אוועק א קורצע צייט און קאוזענס איז צוריקגעקומען פון שיקאגא אי מיט גרויסע "ארדערס" און אי מיט גענוג מזומנים. דאס רעדעל פון הצלחה האט זיך דאן א דרעה געטהאן. די פארד מאטאר קאמפאני איז ניט נאר ארויס פון קריזיס מיט גאנצע ביינער, נאר מיט א גרויסען פראפיט. דער וועג איז איצט געווען א גראדער. פארד האט געזיעגט.

האט פארד דאן עפעס געטהאן פאר די ארבייטער, וועלכע האבען איהם אזוי טריי געדיענט און וועלכע, מעהר ווי אלע אנדערע, האבען בייגעטראגען צו זיין ערפאלג? אין דער ביאגראפיע ווערט אונז דערצעהלט, אז פארד האט זיך וועגען זיינע ארבייטער דערמאהנט ערשט ערב קריסטמעס און האט זיי אלעמען צושיקט פרעזענטען. ער האט די וואס האבען אזוי פיעל מקריב געווען פאר איהם צוגעווארפען א ביין... אט דאס כאראקטעריזירט פארד'ס "גוטהערציגקייט" און "וואהלטהעטיגקייט".

אבער צוריקקעהרענדיג צו דעם וואס פארד האט געטהאן פאר זיינע אר־בייטער, און אננעהמענדיג אז אן־און־פאר־זיך האט ער טאקע געטהאן פיעל מעהר ווי אנדערע ארבייט־געבער, (און מיר וועלען שפעטער זעהן, אז דאס איז גראדע ניט דער פאל), מוז געזאגט ווערען, אז ווען מען בעקענט זיך מיט פארד'ס ווירקליכע שטעלונג צו די ארבייטער, דאן זעהט מען איין ווי ווייט ער איז פון זיין אן ארבייטער־פריינד און ווי ווניג ארבייטער, וואס זיינען קלאסען־בע־וואוסטזיניג, קענען האבען סימפאטיע מיט איהם.

צום אלעם ערשטען דארף געדענקט ווערען, אז פארד, דער "ארבייטער־

פריינד", איז דער ביטערסטער שונא פון יוניאָניזם. זיין שטעלונג צום יוניאָניזם איז ניט פיעל בעסער ווי די שטעלונג פון דעם שטאָל מאגנאט גערי און אנדערע פארביסענע שונאים פון יוניאָניזם. אבער ווי אימער לעגט דאָ פאָרד אריין די טומאה אין דער יראה און רעכטפערטיגט זיין געגנערשאפט צו יוניאָניזם מיט דעם וואָס זיינע ארבייטער זאָלען ניט האבען קיין אורזאכע זיך צו ארגאניזירען. אין דער אמת'ן האלט ער, אז יוניאָניזם איז א געפאחר, ווי ער האט עס עפענטליך ערקלעהרט מיט א קורצער צייט צוריק. ער וויל ניט, אז די ארבייטער זאָלען זיין אונאבהייגיג, זאָלען ריידען פאר זיך, אליין בעשטימען זייער לויהן און זייערע שטונדען. פאָרד וויל אז ער זאָל זיין דער פאָלקאָמענער "באָס" איבער די ארבייטער, זאָל קאָנטראָלירען זייערע ווירדזשעס, זייערע ארבייט־שטונדען און זאגאר זייערע פריוואטע אנגעלעגענהייטען. ער וויל האבען זייערע קערפערס און נשמות. יוניאָניזם מיינט געבען די ארבייטער א גרויסע מאָס פון אונאבהענגיגקייט און דאָס איז פונקט דער היפוך פון דעם וואָס פאָרד וויל און צו וואָס ער צילעוועט. — די פאָלקאָמענע פערשקלאפונג פון די וואָס ארבייטען פאר איהם.

דאן דארף מען ניט פערגעסען די "ביזנעס" זייט דערפון. פאָרד האט געמאכט דעם בעסטען געשעפט פון די העכערע ווירדזשעס און די קירצערע שטונדען וואָס ער גיט זיינע ארבייטער. די סיסטעם וואָס ער האט איינגעפיהרט אין זיינע פאבריקען איז אזעלכע דאָס דער ארבייטער פראָדוצירט פיעל מעהר אין אכט שטונדען ווי דאָס וואָלט געווען מעגליך אין צעהן שטונדען. די אנשטרענגונג און ענערגיע וואָס מען דארף אריינלעגען אין די אכט שטונדען זיינען פיעל גרעסער אין די פאָרד פאבריקען וואו מען ארבייט קירצערע שטונדען ווי אנדערשוואו וואו מען ארבייט לענגערע שטונדען.

פאָרד האט פון זיינע ארבייטער געמאכט נאך גרעסערע לויהן־שקלאפען ווי דאָס האט ווען געטהאָן אירגענד וועלכער אנדער ארבייט־געבער. אויב מען וואָלט די פאָרד פאבריקען געקענט רופען "סוועט־שעפער", דאן זיינען זיי די אמת'ע "סוועט־שעפער" וואָס אמעריקא האט ווען געזעהן. דער ארבייטער איז ניט דער מייסטער פון מאשין, נאָר די מאשין דער מייסטער פון ארבייטער. דער ארבייטער טאר ניט פארקוקען א סעקונדע. ער קען ניט אוועקנעהמען די אויג פון דער ארבייט אויף אן אויגענבליק. ער איז צוזאמענגעשמידט מיט דער מאשין און איז דער קלענערער און אומוויכטיגערער טהייל פון מאשין.

אונטער אזוינע אומשטענדען וואָלט געווען אויסער מענשליכע כחות צו ארבייטען לענגערע שטונדען. קיינער וואָלט עס ניט געקענט אויסהאלטען און קיינער וואָלט ניט געוואָלט טהאָן אזוינע שווערע ארבייט. עס וואָלט אויך געווען ניט

אין איינקלאנג מיט דעם פארד־פלאן צו צייגען אז ביי איהם איז אלעם בעסער און פארטגעשריטענער.

פארד האט אויך איינגעזעהן אז מען קען פון ארבייטער ארויסקריגען פיעל מעהר ווען מען געווינט זיין צוטרויען, זיין פריינדשאפט, ווי דאן ווען מען האט איהם פאר א שונא. און פארד האט זיך אונטערנומען ארויסצונארען ביים ארבייטער זיין פריינדשאפט, וואס מיינט אין דיזען פאל, אז ער קריגט ביי איהם ארויס מעהר ארבייט בלומרשט פרייוויליג ווי דאס וואלט געווען מעגליך אונטער אן אנדער סיסטעם.

מיר זאגען "ארויסנארען", ווייל פארד האט פון זיינע ארבייטער ווירקליך ארויסגענארט זייער פריינדשאפט, זייער גוטען ווילען, וואס איז פאר איהם ווערטה מיליאנען, פונקט ווי ער האט ארויסגענארט פון גאנצען פאלק און אפשר פון דער גאנצער וועלט דעם צוטרויען אין איהם און דעם גלויבען, אז ער איז א אידעאליסט און גרויסער פאלקס־פריינד.

ער גיט זיינע ארבייטער א העכערען לויהן פארזיכערענדיג זיי, אז ער טהוט עס אויס אלטרואיסטישע מאטיווען. אין דער אמת'ן טהוט ער עס נאר דערפאר וואס געווינענדיג דעם ארבייטער'ס פריינדשאפט איז ער זיכער, אז ער וועט פון איהם פרייוויליג ארויסקריגען מעהר ארבייט, אז דער ארבייטער וועט פארקוקען דעם שקלאפען־סיסטעם וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין די פארד פאבריקען און וועט ארבייטען מיט מעהר ענערגיע און מיט מעהר איבערגעבענהייט. אז פארד האט זיך אין דעם ניט אפגענארט פון א ביזנעס־שטאנדפונקט זיינען איצט אלע מודה און פארד טריאומפירט. ער לאכט טייפליש. ער האט געצייגט ווי מען קען אפנארען די וועלט, ווי מען קען ווערען א "בעליעבטער" שקלאפען־טרייבער, ווי מען קען עקספלואטירען די ארבייטער און הייסען זייער פריינד.

אז פארד האט געוואוסט אז מען קען פון די ארבייטער ארויסקריגען מעהר ווי אימער ווען מען געווינט זייער פריינדשאפט האבען מיר שוין געזעהן פון דער געשיכטע וואס זיין ביאגראפער דערצעהלט. פארד האט זיי דאן צוגעווארפען בלויז א ביין. דיזען מאל האט ער זיי געגעבען א מינימום לויהן און קירצערע שטונדען. ווייל פארד האט פאר דער צייט מעהר געלערנט און זיינע געשעפטען זיינען זיך צוואוואקסען און ער האט געוואוסט, אז דאס וועט זיין די בעסטע און זיכערסטע "אינוועסטמענט" וואס ער וועט ווען קענען מאכען און אזוי איז עס טאקע געווען.

דאס וואס פארד האט זיך דורך דעם אדווערטייזט איז פאר איהם געווען ניט ווייניגער ווערטה ווי דאס וואס ער האט ארויסגעקראגען פון די ארבייטער.

פארד איז דורך דעם געווארען בערופען. זיינע אטאמאבילען האבען זיך אנגעהויבען פארקויפען מעהר. די פרייע אדווערטייזמענטס זיינען פאר איהם ווערטה געווען צעהנדליגע און הונדערטע מיליאנען.

מען דארף האבען אין זינען אז פארד אלס פאבריקאנט פון ביליגע אטאמאבילען האט נאר געקענט ערווארטען ערפאלג ווען מענשען מיט קליינע פארמעגענס וועלען אנהויבען קויפען זיינע "פארדלעך". אום זיי צו געווינען האט ער געמוזט זיך ארויסצייגען אלס פריינד פון פאלק. וואס ביליגער ער האט געמאכט זיינען אטאמאבילען אלץ מעהר האט ער זיי געקענט פארקויפען און דערפאר איז פארד אימער געווען דער ערשטער צו שניידען פרייזען. אטאמאבילען זיינען ניט ווי לעבענס-מיטעל אדער ווי וואוינונגען. מען קען אויסקומען אהן זיי. אלענפאלס קויפט מען זיי ניט אזוי גערן סיידען זיי זיינען גענוג ביליג. זיכער איז עס דער פאל מיט אטאמאבילען וועלכע ווערען נאר געקויפט פון דעם ארימערען קלאס, פון בעסער-בעצאהלטע ארבייטער און קליינע געשעפטסלייט און פארמער. עס איז דארום געווען ניט קיין גוטסקייט אדער "וואהלטעטיגקייט" ווען פארד האט געשניטען די פרייזען פון די אטאמאבילען, נאר געשעפטליכע "סטראטעגיקע". דאס אייגענע איז אויך ניט געווען קיין "וואהלטהאט" ווען פארד האט איינגעפיהרט א מינימום לוין און קירצערע ארבייטסשטונדען. עס איז געווען אויסגערעכענטקייט און א גוט-בעצאהלענדע ביזנעס.

עס איז א פאקט, אז זינט פארד האט אנגעהויבען צאהלען זיינע ארבייטער א העכערען לוין האבען די מעהרסטע פון זיי אליין אנגעהויבען קויפען "פארדלעך". פארד האט דארום ניט נאר געמאכט זיינע ארבייטער פאר "קאסטאמערס" נאר האט געצייגט א וועג אויך פאר אנדערע ארבייטער און האט זיך געשאפען א "מארקעט" וועלכען ער האט קיינמאל ניט געהאט פריהער.

פון דיזען שטאנדפונקט מוז פארד אויך שפיעלען די ראלע פון אן "ארבייטער פריינד" אין אלגעמיין. ער וויל אז ארבייטער זאלען קריגען מעהר געצאהלט, ווייל דאן וועלען זיי קענען קויפען זיינע "פארדלעך".

דאס זעלבע איז מיט די הייזער וואס פארד האט געבויט פאר זיינע ארבייטער. ער האט פון זיי ניט נאר געמאכט געלד, נאר אויף זייער חשבון זיך אויך אדווערטייזט. אויף דער אויטאריטעט פון מר. פיפ האט פארד די הייזער פארקויפט צו זיינע ארבייטער פאר פיעל טהייערער ווי זיי זיינען ווערטה אין דער אמת'ן. פארד האט דא איינפאך געמאכט א גוטע ביזנעס און דערביי געקענט מאכען דעם אנשטאל אז ער טהוט גרויסע זאכען פאר זיינע ארבייטער. דאס אייגענע איז אויך מיט די סטארס וואס ער האט געעפענט פאר זיינע ארבייטער. פארד טהוט א ביזנעס צו וועלכע ער לעגט ניט צו און דארט וואו ער

מאכט ניט זיינע פראפיטען דירעקט, פראפיטירט ער דורך די "פובליסיטי" וואס ער קריגט. דערצו דארף אויך באמערקט ווערען, אז אויב עפעס צאהלט זיך ניט פארד'ן, דאן איז עס ניט "זיין שולד" און טאר ניט אנגענומען ווערען אלס באווייז, אז ער טהוט דא א זאך וואס באצאהלט זיך איהם ניט און פאלגליך איז ער א וואהלטהעטיגער מענש.

זיינע כוונות זיינען אימער, אז קיין זאך זאל ניט אונטערנומען ווערען וואס עס צאהלט זיך ניט. סעמיועל מארקים פארזיכערט אונז, אז פארד'ס מיינונג איז, אז קיין זאך וואס צאהלט זיך ניט פון ביזנעס־שטאנדפונקט האט א רעכט צו עקזיסטירען. אגב דארף באמערקט ווערען, אז פארד אונטערנעהמט אפטמאל זאכען וועלכע זיינען אן אבסאלוטער דורכפאל פינאנציעל, איינפאך דערפאר וואס ער האט א טעות געמאכט אין חשבון. דאס דארף באוואוסט ווערען אום צו־צושטערען די לעגענדע אז פארד איז אימער ערפאלגרייך און אז צו וואס ער ריהרט זיך נאר צו ווערט עס פערוואנדעלט אין גאלד. אויסער די טראקטאבילען האט ער נאך פון קיין אנדערע אונטערנעהמונגען ניט געמאכט קיין גרויסען ערפאלג און מיר וועלען נאך ווייטער זעהען ווי פארד כאפט זיך צו אלץ און יוי מיט דעם גייסט פון דעם אמת'ן פארוועניו דענקט ער אז צו אלץ טויג ער און אז אין אלץ וועט ער זיין ערפאלגרייך.

אבער לאמיר ניט אוועקגעהן פון דער טהעמא פון דיזען קאפיטעל און אונ־טערשטרייכען אז פארד האט קיין זאך ניט געטהאן פאר זיינע ארבייטער וואס צאהלט זיך איהם ניט דירעקט אין דאלערס און סענטען אדער אינדירעקט אין דער פארמע פון "פובליסיטי", וואס, אין א ביזנעס ווי פארד'ס, מיינט אויך מזומנים, הויפטזעכליך ווען פארד האט צוליעב די פרייע "פובליסיטי" שוין לאנג אויפגעהערט געבען אין די צייטונגען בעצאהלטע אדווערטייזמענטס.

## 5. — פאָרד, דער מאָדערנער שקלאַפּען־טרייבער

וואָס דער כלומרשטער ארבייטער־פריינד טהוט מיט זיינע ארבייטער. — ווי פאָרד פּרעסט ארויס מעהר ארבייט פון זיינע ארבייטער. — דער שפּיאָנען סיסטעם אין די פאָרד־פאבריקען. — וואָס א פאָרד ארבייטער האָט צו דערצעהלען.

מיר האָבען שוין אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל געצייגט אויף ווי ווייט עס געהט פאָרד׳ס "וואָהלטהעטיגקייט" צו זיינע ארבייטער און ווי פאלש עס איז דער איינדרוק וואָס די וועלט האָט פון איהם אלס כלומרשט׳ער ארבייטער־פריינד.

מיר האָבען אויך געצייגט, אז פאָרד איז ניט קיין קלענערער עקספּלואטאטאר ווי אלע אנדערע ארבייט־געבער, וועלכע האָבען קיינע פּרעטענזיעס און מאכען קיין אָנשטעל, אז זיי זיינען ארבייטער־פריינד. מיר ווילען אבער געהען נאָך ווייטער און באווייזען אז פאָרד איז ניט נאָר אן עקספּלואטאטאָר, נאָר אווירקליכער שקלאַפּען־טרייבער. פאָרד איז אָבער ניט קיין געוועהנליכער שקלאַפּען־טרייבער. ער באנוצט ניט די אלטע מעטהאָדען, וועלכע האלטען איהם פארפיינדליכט צווישען די ארבייטער. ער האָט אדאַפּטירט א גאנץ נייע מעטהאָדע, — א מעטהאָדע וועלכע גיט איהם די מעגליכקייט צו שפּיעלען די דאָפּעלטע ראָלע פון שקלאַפּען־טרייבער און ארבייטער־פריינד און קיינער זאָל איהם גאָר ניט פארדעכטיגען, אפילו ניט זיינע אייגענע ארבייטער.

מיט דעם האָט זיך פאָרד ארויסגעצייגט פאר׳ן גרעסטען דעמאגאָג וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן און אויך פאר׳ן געפעהרליכסטען עקספּלואטאטאָר. מיר האָבען שוין אין פריהערדיגען קאַפּיטעל דערצעהלט ווי אזוי פאָרד קריגט ארויס מעהר ארבייט פון זיינע ארבייטער ווי אלע אנדערע און פאר יעדען דאָלער וואָס ער צאָהלט זיינע ארבייטער קריגט ער כפל כפלים. מיר ווילען איצט דעם לעזער נעהענטער באקאָנען מיט דער סיסטעם וואָס הערשט אין די פאָרד־פאבריקען און מיר ווילען זעהען אויב פאָרד פארקערפּערט ניט מיט זיך דעם אמאָליגען שקלאַפּען־טרייבער, די אמאָליגע נוגשים פון אלטען עגיפּטען, וועלכע האָבען אָהן רחמנות געטריבען די אידישע עבודה פרך׳ניקעס. דער אונטערשיעד איז נאָר וואָס יענע האָבען געהאט אין זינען בלויז צו פארביטערען דאָס לעבען און געלעגט אידען אלע שוועריגקייטען אין וועג. פאָרד איז אָבער אויסען בלויז ארויסצוקריגען מעהר ארבייט פון זיינע ארבייטער און פאר דעם איז ער זאָגאָ־

גרייט פאר זיינע ארבייטער צו זינגען און זיי צו דערצעהלען זיסע מעשה׳לעך אבי זיי זאלען פארגעסען אז די עבודת פרך אין זיינע פאבריקען און אנגעחן מיט דער פראָדוקציאָן פון אָטאָמאָבילען שנעלער און מיט מעחר אימפעט.

מיר וועלען דאָ איבערגעבען די פאקטען, וועלכע פאָרד׳ס א געוועזענער ארבייטער האָט צו דערצעהלען וועגען דער סיסטעם אין די פאָרד־פאבריקען.

דער דאָזיגער וואָס האָט דיזע פאקטען אונז איבערגעגעבען איז לואיס מאנוס, אן אינטעליגענטער אידישער יונגערמאן, וועלכער האָט געארבייט אין פאָרד׳ס פאבריק אין דעטראָיט איבער א יאָהר און א האלב און וועלכער איז איצט אין ביזנעס אין די בראָנקס. אגב זאָל געזאָגט ווערען, אז דיזע פאקטען זיינען באשטעטיגט געוואָרען פון פיעלע אנדערע און זיינען גוט בעקאנט צו די וואָס האָבען שטודירט די סיסטעם אין די פאָרד פאבריקען.

מר. מאנוס איז פון פאָרד׳ן אוועק מיט א גוטען ״רעקאָרד״. עס הייסט, אז ער איז געווען איינער פון די גוטע ארבייטער און האָט ניט קיין ספעציעלע אורזאכען צו זיין ברוגז אויף דעם אָטאָמאָביל מאגנאט. דאָס וואָס ער דער־צעהלט איז דארום פון דעם שטאנדפונקט פון אן אונפארטייאישען בעאבאכטער.

״ביי פאָרד׳ן, — האָט מר. מאנוס געזאָגט, — קריגט מען טאקי העכערע וויידזשעס און מען ארבייט קירצערע שטונדען (אגב זיינען די שטונדען ביי איהם ניט קירצער ווי אין די אנדערע אָטאָמאָביל פאבריקען אין דעטראָיט), מען ארבייט אָבער פיעל שווערער. די ארבייט וואָס מען לעגט אריין אין די אכט שטונדען איז פיעל מעהר ווי מען וואלט אנדערשוואו געטהאָן אין 12 שטונדען. ביי פאָרד׳ן איז דער ארבייטער ניט מעהר ווי א מאשין און אפשר נאָך פיעל וויי־ניגער ווי א מאשין. אין דער אמת׳ן איז דער ארבייטער דאָרט ניט מעהר ווי דער שקלאף פון מאשין. יעדע מאשין מאכט א געוויסע צאָהל בעוועגונגען און איהר מוזט נאכהאלטען די מאשין. ביי פאָרד׳ן גיט איין ארבייטער דעם צווייטען צו האנד. קיינער ארבייט ניט אוים א גאנצע זאך. איינער איז אלזא אפהענגיג פון צווייטען און עס איז שוין אזוי איינגעפיהרט אז איינער טרייבט דעם צווייטען. דער ארבייטער האָט דאָרט קוים צייט זאגאר צו כאפען דעם אטהעם.

״ביי פאָרד׳ן איז שוין אויסגערעכענט וויפיעל יעדער ארבייטער מוז פראָ־דוצירען און דאָס מוז געטהאָן ווערען, ווייל די מאשין ארבייט פעסט און דער ארבייטער מוז נאָכהאלטען די מאשין. אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ. ווי געזאָגט, טהוט ביי פאָרד׳ן קיינער ניט קיין גאנצע ארבייט פאר זיך. איינער דארף דערלאנגען דעם צווייטען צום האנד. איינער מאכט עפעס פארטיג און דערלאנגט עס צום ארבייטער וואָס איז נאָך איהם. ביי פאָרד׳ן ווערט אימער

אכטונג געגעבען אז די וואס זיינען אין פאראויס זאָלען זיין די שנעלערע אַרביי־טער כדי די וואס דערלאנגען זיי צום האנד זאָלען זיין געצוואונגען זיי נאכצו־האלטען. דיעזער סיסטעם ארבייט גוט, ווארים דעם פאקט איז, יעדער יאָגט זיך דאָרט איינפאך ארויס די נשמה.

"די וואס ארבייטען לאנגזאם ווערען אימער פארביטען פאר שנעלערע אר־בייטער. די ארבייטער ווערען אימער ערמוטהיגט צו ארבייטען פעסט, מיט אימפעט, אָהן אויפהער. עס איז ניט גענוג וואס די מאשין ארבייט פעסט און מען מוז נאכהאלטען די מאשין. אלעס ווערט געטהאן ארויסצורופען דעם חשק ביי די ארבייטער צו איילען זיך, צו אנשטרענגען זיך, און טהאן מעהר ארבייט.

"פאר דיעזען צוועק איז פאר יעדע אכט אדער צעהן ארבייטער דא א פאַרמאַן און דער פאַרמאַן גיט אימער אכטונג אז מען זאָל זיין וואס שנעלער. אויב יעמאנד בלייבט הינטערשטעליג מיט דער ארבייט, וועט מען גלייך איהם אויסריידען. דער פאַרמאַן וועט איהם געבען צו פארשטעהן, און גראדע מיט גוטען, אז ער שטערט די גאנצע אבטיילונג, ווייל איבער זיין לאנגזאמקייט קענען די אנדערע ניט זיין שנעלער.

"ביי דעם ארבייטער ווערט קינסטליך ארויסגערופען דער פרייוויליגער באגעהר צו זיין שנעל, צו ארבייטען מיט אנשטרענגונג, אזוי אז ביי פאַרד'ן פראָ־דוצירט מען פיעל מאהל מעהר ווי אנדערשוואו. די פאר דאָלער מעהר וואס ער צאהלט די ארבייטער, ברייגנגען איהם אריין א סך משהר, די ארבייטער זיינען אונטער'ן איינדרוק אז פאַרד טהוט פאר זיי פיעל, אויסער דעם, גיט מען זיי עס צו פארשטעהן, אז זיי מוזען עס אפגעבען אין ארבייט. אויב עס פאלט שווער, פאלט אבער קיינעם ניט איין צו "קאמפליינען". אגב איז גאר ניטאַ צו וועמען צו "קאמפליינען". די וואס קענען ניט אויסהאלטען געהען אוועק.

"די יעניגע וואס וועלען ניט זיין שנעל פרייוויליג, וועלען זיך ניט פלייסען ביי דער ארבייט, וועלען באלד אויסגעפינען אז זייער "רעקארד" איז פארשריי־בען. דאס ווערט ערשטענס געטהאן פון די פאַרלייט, דאן פון א רייהע שפיאָנען.

"יאָ, פאַרד האלט אוים א מחנה שפיאנען אין זיין פאבריק. מען זעהט זיי ניט. מען ווייס אבער אז זיי לויערען אויף אייך. פלוצלינג וועלען זיי ער־שיינען, ארונטערנעהמען דעם נומער פון אייער "בעדזש" און שוין לאזען ווי־סען אין "אפיס" וועגען אייך. דער פועל יוצא איז, אז יעדער ווייס אז מען האלט שטענדיג אן אויג אויף איהם, אז יעדע באוועגונג זיינע ווערט נאכגעקוקט און איילט זיך, ארבייט שנעלער, זעהט צו פּראָדוצירען וואס מעהר, ווייל דאס איז דאס איינציגע וואס מען זוכט ביי פאַרד'ן, — צו פּראָדוצירען וואס מעהר, ארויסצוגעבען וואס מעהר ארבייט.

"פארד צאָהלט מאַקי אַ מינימום לוין, אָבער ער צאָהלט ניט קיין מאַקסי־מום. דער ארבייטער קען זיך ביי איהם גאר ניט אויסלערנען און קיינמאל ניט ווערען קיין ספּעציאַליסט. די שנעלערע ארבייטער קריגען אָבער יאָ מיט אַ דאָלער אָדער אַ דאָלער און עפּעס מעהר אַ טאָג. די העכערונג ווערט אָבער קיינמאָל ניט געמאַכט פון פאָרד'ן פרייוויליג. מען קען אַפּארבייטען יאָהרען און מען קען זיך אויסצייכענען מי יודע ווי, אויב מען געהט ניט בעטען קיין "רעיז" וועט מען עס ניט קריגען. און ווען מען בעט איז מען נאָך אויך ניט זיכער אויב מען וועט עס קריגען. מען וועט דעם "רעיז" פאַרציהען אַזוי לאַנג ווי מעגליך. פאָרד איילט זיך ניט צו צאָהלען מעהר.

"די יעניגע וואָס האָבען שוין געבעטען זייער "רעיז" און געקראָגען, זיינען אָבער שטענדיג אין געפאַהר דעם "רעיז" צו פאַרלירען און רעדוצירט צו ווערען צום מינימום לוין. דאָס ווערט געטהאָן אויף אַ געשיקטען אופן אַזוי אַז די אר־בייטער קענען זיך גאָר ניט כאַפּען וואָס דער ציעל איז דאָ געווען.

"ארבייטער ווערען שטענדיג טראַנספערירט פון איין דעפּארטמענט צו אַ צווייטען און עס איז אימער צו מערקען אַז די בעסערע בעצאָהלטע ווערען טראַנספערירט אין אַ צווייטען דעפּארטמענט, וואו ניט זייענדיג קיין ערפאַהרענע, קריגען זיי צוריק דעם מינימום. אויף זייערע פּלעצער ווערען געשטעלט אַנדערע ארבייטער וואָס קריגען אויך נאָר דעם מינימום. אויף אַזאַ אופן מאַכט דאָ פאָרד דעם ריוח פון דעם פאַרקלענערטען "פּעי ראָל" און די ארבייטער ווייסען גאָר ניט צו מאָל אַז מען האָט זייערע ווייךושעם אַבזיכטליך און סיסטעמאַטיש ארונטערגעשניטען.

"אָבער אויב מען בלייבט שוין אויף איין פּלאַטץ האָט מען װעניג שאַנסען זיך ארויפצואַרבייטען. די "סקילד" אָדער עקספּערט ארבייטען קריעגען ביי פאָרד'ן ניט בעסער באַצאָהלט ווי אַנדערשוואו און אָפטמאָל נאָך ערגער. פאָרד האָט אויסגעארבייט אַ סיסטעם, אונטער וועלכער ער שאַפט אַליין זיינע עקספּערט ארבייטער און דאָס מיינט אַז ער שפּאָרט אימער געלד, ווייל ער דאַרף זיי קיינמאָל ניט צאָהלען די העכערע ווייךושעם פון אַנדערע.

"אויב פאָרד צאָהלט אַ העכערען לויהן איז עס צו די רויהע און "אַנסקילד" ארבייטער, אָבער ביי זיי, ווי געזאָגט, פּרעסט מען ארויס אַזוי פיעל ארבייט אַז פאָרד פאַרדיענט דאָ פיעל מעהר ווי ווען ער וואָלט זיינע ארבייטער געצאָהלט וועניגער און געמאַכט זיי צום ארבייטען לענגערע שטונדען. ווארום ווען זיי וואָלטען געקראָגען אַ קלענערען לויהן וואָלטען זיי קיינמאָל ניט געוואָלט טהאָן די ארבייט וואָס פאַלט אָהן צווייפעל אויף יעדען שווער. אויב מען "קיקט" ניט און מען איז צופריעדען איז עס דערפאַר וואָס די ארבייטער ווייסען אַז

ווען זיי קריגען מעהר מוזען זיי טהאן מעהר ארבייט. אבער דער פארדינער איז אימער פארד און ניט דער ארבייטער.

"אבער דא האט פארד אויך א שפיצעל. ער וויים אז אמעריקאנער, וועלכע האבען ניט חאלט קיין שווערע ארבייט און קיין קליינע לויהן, וואלטען ניט געווען צופריעדען און ער זוכט דארום אריינצוקריגען אויסלענדער, פאר־ליאקען און נעגערם און גאר הילפלאזע און פארשטויסענע, זאגאר קאליקעס, וועמען ער פאסט צו צו געוויסע ארביים. דיעזע פיהלען אימער ווי זיי וואל־טען פארד'ן דארפען זיין דאנקבאר און זיי זיינען אויך ניט פון די וואס צייגען ארוים אומצופריעדענהייט אדער וועלכע זאלען מקפיד זיין ווען מען דארף טהאן אביסעל מעחר ארבייט.

"פארד האט די טבע פון זיינע ארבייטער ארויסצוקריגען ארבייט פאקטיש אומזיסט, ווען דאס לאזט זיך נאר. פאר "אווערטיים" קריעגט מען ניט מעהר ווי פאר ארבייטען אין די געוועהנליכע שטונדען. אין די אנדערע פאבריקען אין דעטראיט קריעגט מען איינס און א האלב און אפטמאל צוויי מאל אזוי פיעל פאר "אווערטיים". אויף דעם אליין מאכט שוין פארד אפ פיעל פאר די העכערע ווידזשעס וואס ער צאהלט זיינע ארבייטער.

"אבער,דאס איז ניט אלעס. ווען אן ארבייטער קומט א מינוט, זאגאר א האלבע מינוט שפעט נעהמט מען איהם ארונטער פאר 15 מינוטען פון די ווידזשעס. און עס איז אפשר נאך א קלייניגקייט אין פארגלייך מיט דעם וואס דער "ווהיסעל" צו ענדיגען די ארבייט, סיי צו "לאנטש" און סיי צו ענדע פון טאג קומט דאס רוב, און גאנץ אפט, שפעט, מיט א צוויי דריי מינוטען שפעט, וועהרענד דער "ווהיסעל" וואס רופט צוריק צו דער ארבייט קומט אימער פינקט־ליך און זאגאר א מינוט אדער צוויי פריחער. רעכענט אוים וויפיעל שטונדען פארד כאפט אזוי אריין אויפ'ן חשבון פון זיינע ארבייטער און פאר וואס זיי קריעגען קיין באלויהנונג . . .

"די ארבייטער ווערען אימער ערמוטהיגט צו געפינען נייע מעטאדען ווי צו פראדוצירען וואס שנעלער און איהר קענט גאר ניט וויסען אויב איהר זייט היינט א שנעלער ארבייטער אויב איחר וועט מארגען ניט זיין קיין "סלאווער" ארבייטער ווייל דער "סטאנדארד" פון שנעלקייט וועט שוין זיין געענדערט. אונטער אזא סיסטעם איז יעדער ארבייטער געצוואונגען זיך צו פלייסען, זיך ארויסצוטרייבען די נשמה, ווייל קיינער וויל ניט בלייבען הינטערשטעליג.

"די שנעלקייט און די אנשטרענגונג איז אזעלכע דאס פיעלע ארבייטער צוקאליעטשען זיך, שניידען זיך אפ פינגער. בכלל איז די צאהל פון עקסי־דענטס אין פארד'ס פאבריקען באדייטענד גרוים".

מר. מאנוס האט דאן איבערגעגעבען אנדערע וויכטיגע פאקטען וועגען די סיסטעם אין די פארד פאבריקען. פארד האט איינגערעדט די וועלט אז ער טהיילט זיך מיט זיינע ארבייטער אין די פראפיטען. אין דער ווירקליכקייט מיינט עס אבער אז ער נעמט זייער געלד און צאהלט זיי דערנאך א פראצענט אויף דעם. די ארבייטער זיינען ערלויבט און ווערען ערמוטהיגט צו "אינוועס־טען" ביי פארד'ן ביז א דריטעל פון זייערע ווייזשעס. עס דארף כלומרשט הייסען אז פארד טהוט זיי דא א גוואלדיגע טובה. ווען מען געדענקט אבער אז פארד נויטיגט זיך גאנץ אפט אין קאפיטאל פאר וואס ער וויל צו קיין באנקירען ניט אנקומען, דאן זעהט מען אז פארד באגעהט דא א גאנץ קליינעם וואהלטהאט.

אז פארד איז נייגעריג צו קריעגען די געלד פון זיינע ארבייטער איז צו זעהן פון דעם וואס די יעניגע וואס אינוועסטען ניט, זיינען אימער אונטער־ווארפען די געפאהר צו זיין די ערשטע אפגעלעגט צו ווערען ווען ארבייט ווערט וועניגער. דאס ווערט ניט געטהאן אפיציעל, אבער די ארבייטער ווייסען עס און זיי זיינען פארזיכטיג צו קלייבען ביי פארד'ן. אגב דארף דערמאהנט ווערען אז אונטער דעם אויסרייד פון אפלעגען ארבייטער, באנוצט זיך פארד אימער לויז צו ווערען פון "אומגעווינשטע" און אויך ארונטערצושניידען פון די ווייזשעס.

די פארד ארבייטער ווערען ערמוטהיגט צו קויפען פארד'ס אויטאמאבילען. אמאל האט מען זיי געהאט פארקויפט די פארדלאך צו "האלסייל" פרייזען. שפעטער האט אבער פארד זיך מיישב געווען אז ער קען ניט ארויסלאזען פון זיינע הענד די געלעגענהייט צו מאכען פראפיט אויך פון זיינע ארבייטער און די אויטאמאבילען ווערען זיי פארקויפט צו די "ריטייל" פרייזען.

אז פארד רייסט ארונטער פון די ווייזשעס און זאגט בכלל אפ אלטע ארבייטער כדי צו קענען נעמען נייע און וועניגער בעצאהלטע אויף זייער פלאטץ באשטעטיגט אויך ע. ג. פיפ, פארד'ס געוועזענער רעדאקטאר. פיפ דערצעהלט דאס לעצטע מאל וואס פארד האט געשלאסען זיינע פאבריקען האט ער די געלעגענהייט אויסגענוצט צוריקצונעמען פיעלע נייע ארבייטער וועלכע ער האט געשטעלט אויף א מינימום לויהן פון 5 דאלאר א טאג אנשטאט 6. ווען פארד לעגט אפ ארבייטער דאן גיט מען אכטונג אז מען זאל צוריקנעמען נייע וועמען מען צאהלט קלענערע ווייזשעס אדער די אלטע ווערען צוריק גערופען און געשיקט אין נייע דעפארטמענטס וואו, אויב זיי האבען פריהער גענומען דעם מאקסימום לויהן, קריעגען זיי צוריק דעם מינימום.

פון דעם אלעם קריעגט מען א גאנץ אנדער באגריעף פון פאָרד׳ס גוטסקייט צו זיינע ארבייטער.

פיפ דערצעהלט אויך אז פאָרד פלאנט איצט צו געהן נאָך ווייטער און רעדוצירען די ארבייטס שטונדען צו זעקס. פאָרד ווארט אויף א גינסטיגען מאָמענט ווען דאָס וועט איהם ברענגען די גרעסטע "פובליסיטי", אפשר פאר דער צייט פון קאמפעין ווען ער וועט לויפען פאר פרעזידענט, און אזא טהאט וועט איהם ניט נאָר אדווערטייזען זיינע "פאָרדלעך" נאָר אויך ברענגען "וואוטס".

אָבער אויך אין דעם וועט פאָרד ניט טהאָן קיין אריגינעלע זאך. ער וועט דאָ בלויז נאכטהאָן דעם ענגלישען פאבריקאנט לאָרד לעווערהולמע וועמען פאָרד האָט לעצטענס גענומען פאר א מאדעל. אָבער איהר מעגט זיכער זיין אז אויב פאָרד וועט פארקלענערען די ארבייטס־שטונדען וועט ער איינפיהרען א נייע סיסטעם פון פראָדוקציאָן, אזוי אז אן ארבייטער וועט אין די זעקס שטונדען קענען פראָדוצירען אזוי פיעל, אויב ניט מעהר, ווי אין די אכט שטונדען וואָס זיי ארבייטען איצט. אזא סיסטעם פון ארבייט ווערט טאקי איצט אויסגעארבייט.

פאָרד וועט קיינמאָל ניט טהאָן קיין זאך פאר זיינע ארבייטער וואָס צאָהלט זיך איהם ניט, און אויב ער טהוט עפּעס דארפען די ארבייטער באצאָהלען פאָר דעם מיט זייער שווייס פיעל מאָל אזוי פיעל.

פאָרד דער ארבייטער־פריינד איז ניט מעהר ווי א לעגענדע.

## 6. — פאָרד'ס טיראַניי

זיין אומדאנקבארקייט צו די וואָס האָבען אם מעהרסטען בייגעטראָגען צו זיין ער־פאָלג. — זיין ברוטאַליטעט צו זיינע אָנגעשטעלטע. — ווי זיינע אָנגעשטעלטע ווערען ארויסגעווארפען אין גאס אָהן ״נאָטיס״. — פאָרדים גרויסער עגאָאיזם.

פאָרד, וועלכער פאראדירט אלס דער ״פאָרטגעשריטענסטער״ און ״מאָ־דערנסטער״ פון אלע ארבייט־געבער און אינדוסטריאליסטען, וואָלט זיך גיכער געפּאסט פאר'ן מיטעל־אלטער ווי פאר'ן צוואנציגסטען יאהרהונדערט. פאָרד וואָלט מיט זיין טעמפּעראמענט און אויפפאסונג זיך געפּאסט צו זיין א פעאָדא־לער באראָן הערשענדיג איבער הונדערטע שקלאפען, טיראניזירענדיג אלע וואס זיינען אין זיין מאכט.

פאָרד איז אומדאנקבאר, עגאָאיסטיש, ברוטאל און ניט פארנינפטיג. און אין דיזען גייסט האנדעלט ער מיט די וועלכע ארבייטען פאר איהם.

זיינע געדונגענע פרעס־אגענטען האבען איינגערעדט די וועלט, אז פאָרד איז גוט און עדעל צו זיינע ארבייטער און אנגעשטעלטע און בעהאנדעלט יעדען ווי א גלייכען. אין דער ווירקליכקייט איז אלץ פונקט דער היפוך.

ווי אזוי פאָרד בעהאנדעלט זיינע ארבייטער האבען מיר שוין געזעהן פריהער. זיי ווערען מעהר עקספּלואטירט ווי אנדערשוואו און ווערען געטריבען צו אר־בייטען מיט שנעלקייט און אימפעט אונטער א מאָדערנער קנוטע וואס דער פאָרד־סיסטעם האט פערפאָלקאָמט.

איצט וועט זיין אינטערעסאנט צו דערצעהלען ווי פאָרד בעהאנדעלט זיינע טויזענדע אנדערע אנגעשטעלטע, סיי די וועלכע האבען פעראנטווארטליכע שטעלען אלס פערוואלטער, מענעדזשערס און פארלייטע, און סיי די וואס אר־בייטען מיט'ן שווייס אלס קלויקס, בוכהאלטערס און אנדערע אפיס אנגע־שטעלטע.

פאָרד ציינט זיך דא ארויס פונקט אזוי ברוטאל און פונקט אזוי טיראניש ווי אין פאל מיט זיינע געוועהנליכע ארבייטער. וועלכע ארבייטען מיט זייערע הענד. מען האט זיי אזוי פערשקלאפט, אז זיי האבען אין גאנצען פערלאָרען זייער אייגענעם ווילען.

עס איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז קיינער פון די פערוואַלטער האַלטען זיך ניט איין ביי פאַרד'ן. פאַרד, וועלכער האָט אַרויסגעוואָרפען יעדען איינעם פון זיינע שותפים, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען שאַפען די עשירות, בעהאַנדעלט אויף אַן עהנליכען אופן אויך די וועלכע פיהרען פאַר איהם זיינע געשעפטען.

פאַרד זעלבסט האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבען מיט די פּרטים פון זיינע געשעפטען. ער האָט דערצו ניט די פעהיגקייט. סענאַטאָר קאָוזענס, וועלכער איז געוועזען פאַרד'ס שותף און וועלכער איז פון פאַרד'ן אַרויסגעשטויסען געוואָרען, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פאַרד'ס פעהיגקייט באַשטעהט נאָר אין דעם וואָס ער לאָזט אַנדערע פיהרען פאַר איהם די געשעפטען. פאַרד איז אַלזאָ ניט דער דאָזיגער וואָס קען אַלץ אַליין טהאָן. אונטער אַזוינע אומשטענדען וואָלט מען געקענט ערוואַרטען אַז פאַרד וועט זיך אויסקלייבען די פעהיגסטע און בעסטע מענעדזשערס און זיי האַלטען, און דער עיקר זיי בעהאַנדלען מענשליך און אפשר גאָר ברידערליך.

אין דער ווירקליכקייט קלייבט ער טאַקי אויס די פעהיגסטע און איבער־געבענסטע, אָבער פאַר זייער טרייהייט און איבערגעבענהייט און פאַר זייערע גרויסע פעהיגקייטען בעצאָהלט ער זיי דערנאָך מיט שטיינער. זיי קענען זיך ביי איהם לאַנג ניט האַלטען. איינער נאָכ'ן צווייטען ווערען זיי אַרויסגעוואָרפען. עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין בעשטימטע אורזאַכע וואָרום ער זאָל דיזען אָדער יענעם פערוואַלטער אַוועקשיקען. פאַרד האָט עס געטהאָן בלויז דערפאַר וואָס ער איז בטבע אַ שלעכטער און אומדאַנקבאַרער מענש, וואָס ער קען מיט קיינעם ניט אויסקומען און זוכט נאָר יענעם אויסצונוצען, אַרויסצוקריגען פון איהם דאָס בעסטע און דאַן איהם אַרויסוואַרפען ווי אַן אויסגעפּרעסטע לימענע.

פאַרד איז אַ קאַפּריזנער זעלבסט־הערשער. ער וויל אַז זיינע פערוואַלטער זאָלען בלויז טהאָן זיין ווילען. וואַגט יעמאַנד פאַר איהם אויסצודריקען אַ מיינונג און ווער רעדט פון טהאָן עפּעס וואָס איז ניט פאַרד'ס פערלאַנג, דאַן קען ער לאַנג ניט בלייבען אויף זיין שטעלע. פאַרד וויל אַז זיינע אַנגעשטעלטע — און גראָדע די וואָס האַלטען פעראַנטוואָרטליכע שטעלען — זאָלען ניט דענקען און ניט טראַכטען, נאָר טהאָן וואָס מען הייסט זיי. וואָס ווייניגער זיי דענקען פאַר זיך, וואָס ווייניגער זיי ווילען טהאָן זאַכען אויף זייער אייגענע איניציאַטיווע אַלץ מעהר האָט ער זיי ליעב. דאַגעגען וועט ער אָבער פאָדערען פון זיי די בעסטע רעזולטאַטען. פאַר פאַרד'ן איז קיין תירוץ ניטאָ פאַר ניט דורכפיהרען אַ זאַך. פאַר ניט דורכפיהרען אַ באַפעהל איז די שטראָף אַוועקגעשיקט צו ווערען און גלייך אויפ'ן שטעל.

צווישען די וועלכע פאַרד האָט משלח געווען זיינען געווען אַזוינע וואָס

האָבען איהם פּאַקטיש געבראַכט זיינע גרויסע עשירות און איהם געגעבען דעם נאָמען וואָס ער האָט איבער'ן לאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט.

טשאַרלס ב. בראָונעל איז געווען דער יעניגער וואָס איז גענומען געוואָרען צו פיהרען פאָרד'ס "פּובליסיטי" דאַן ווען פאָרד האָט אויפגעהערט צו געבען בעצאָהלטע אַדווערטייזמענטס אין די צייטונגען. בראָונעל איז אַלזאָ געווען דער יעניגער וואָס האָט פאָרד'ן אָנגעהויבען "בוסטען" דורך די צייטונגען, דורך די נייעס־שפּאַלטען פון די צייטונגען, און איהם געמאַכט דעם נאָמען וואָס ער האָט איצט. עס איז אָנערקענט אַז בראָונעל איז געווען דער דאָזיגער וואָס האָט פאָרד'ן געמאַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלע פּערזענליכקייט. ער איז פאָרד'ן אויך געווען אויסערגעוועהנליך געטריי. ער איז אָבער אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אַזוי גוט ווי די אַנדערע.

דעם זעלבען שיקזאַל האָט אויך געהאַט חוברט ע. האַרטמאַן, וועלכער האָט געדיענט אַלס פאָרד'ס הויפּט לאָיער. האַרטמאַן האָט געדיענט פאָרד'ן געטריי, אָבער האָט לאַנג ניט געקענט פערבלייבען.

וועגען האַרטמאַן'ס אוועקשיקען דערצעהלט מען אַזוינס וואָס וואַרפט אַן אַנדער ליכט אויף פאָרד'ס טיראַנישע בעהאַנדלונג פון זיינע אַרבייטער. האַרטמאַן, אַלס הויפּט לאָיער פון די פאָרד פאַבריקען, האָט געהאַט אַלס איינע פון זיינע אויפגאַבען צו סעטלען מיט די אַרבייטער וואָס ווערען צוקאַליעטשעט און מאַכ־נען שאַדענערזאַץ. האַרטמאַן, זאָגט מען, איז גראָדע געווען ליבעראַל און האָט געהאַלטען אַז פאָרד דאַרף בעהאַנדלען די צוקאַליעטשעטע אויפ'ן בעסטען און אָנשטענדיגסטען אופן. דאָס איז אָבער ניט געווען וואָס פאָרד האָט געוואָלט. פאָרד האָט געוואָלט אַז די צוקאַליעטשעטע זאָלען ברוטאַליזירט ווערען ווי אַלע אַנדערע. און האַרטמאַן איז דערפאַר אוועקגעשיקט געוואָרען.

דערביי מוזען מיר דערצעהלען אַז וואָס אַנבעלאַנגט די צוקאַליעטשעטע אין פאָרד'ס פאַבריקען ווערען זיי שענדליך בעהאַנדעלט, טראָץ די געשיכטעס וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אַז פאָרד איז אַזוי גוט צו אַלעמען און הויפּט־זעכליך צו די וואָס צוקאַליעטשען זיך ביי דער אַרבייט.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן ווי אַזוי די איילעניש אין די פאָרד פאַברי־קען פיהרט צו דעם וואָס פיעלע רייסען זיך אַראָפּ פינגער און הענד און צו־קאַליעטשען זיך אויף אַנדערע אופנים. פאָרד האָט כלומרשט זיין סיסטעם פון באַלוינען דיזע אַרבייטער. עס ציינט זיך אָבער אַרויס אַז דאָס ווערט נאָר געטהאָן אום די אַרבייטער זאָלען פאָרד'ן ניט געהען קלאָגען אין געריכט.

ע. ג. פּיפּ גיט איבער אַ פאַל פון איינעם אַן אַרבייטער מיט'ן נאָמען ווילסאָן, וועלכער איז צוקאַליעטשעט געוואָרען אַרבייטענדיג פאַר פאָרד'ן. פון אַנפאַנג איז דיזער ווילסאָן בעהאַנדעלט געוואָרען מיט גרויס העפליכקייט

און עס האָט אויסגעזעהן ווי פאַרד וואָלט טאַקי געהאַט בדעה איהם צו פערזאָרגען — וואָס האָט געדאַרפט מיינען איהם געבען אַרביים. צוויי יאָהר זיינען אַוועק און ווילסאָן איז דאָן אוועקגעשיקט געוואָרען. ווילסאָן האָט פערקלאָגט פאָרד'ן פאַר שאַדענערזאַץ. די קלאַגע איז אַריין אין געריכט. אָבער דאָן האָט זיך אַרויסגעצייגט דער גאַנצער שווינדעל. ווילסאָן האָט געהאַלטען ביים געווינען. פאָרד'ס לאַיער האָט אָבער אויפגעהויבען די פראַגע אַז די צייט פון קלאַגען איז שוין פאַראיבער. וואָרום לויט די געזעצען אין מישיגען האָט ווילסאָן די קלאַגע געדאַרפט האָבען אַריינגעבראַכט אין אַ משך פון צוויי יאָהר נאָך זיין באַשעדיגונג און ניט שפּעטער. פאָרד האָט אַלזאָ אָפּגעוואַרט ביז די צוויי יאָהר וועלען פאַראיבער און ווילסאָן זאָל איהם שוין געזעצליך מעהר ניט קענען קלאַגען. דאָן האָט ער מיט ווילסאָן'ען געטהאָן וואָס ער האָט געוואָלט. דאָס וואָס ווילסאָן איז בעהאַנדעלט געוואָרען דעליקאַט אין פערלויף פון די צוויי יאָהר איז בלויז געווען אום ער זאָל ניט מאַכען קיין שאַדענערזאַץ.

אַט אַזוי בעהאַנדעלט דער "גוט־האַרציגער" פאָרד די קרבנות פון זיין אייגענעם מאָדערנעם "סוועט" סיסטעם.

אָבער לאָמיר צוריקגעהן צו האַרטמאַן'ען און צו די אַנדערע הויכע אַנגעשטעלטע וועלכע בייטען זיך ביי פאָרד'ן ווי דער וועטער.

פאָרד האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער אידעאַלסטער פערוואַלטער, לויט זיין מיינונג, אַז דער דאָזיגער פאַר וועמען די וואָס אַרבייטען אונטער איהם האָבען מורא און וועמען אַלע האַסען. פאָרד, וועלכער ווערט פאַרשריען אַלס איינער וואָס וויל האַרמאָניע און פריינדשאַפט צווישען אַלע וואָס אַרבייטען פאַר איהם, וויל אַלזאָ אַז די העכערע בעאַמטע זאָלען רעגיערען מיט אַן אייזערנער האַנד, זאָלען זיך מאַכען פערהאַסט און מען זאָל מורא האָבען פאַר זייער שאַטען. פאָרד האָט האַלט ניט נאָר אַליין צו הערשען מיט דער קנוטע, נאָר אויך אַז די וואָס זיינען אונטער איהם זאָלען טהאָן דאָס זעלבע. דער קלענערער מוז זיין דער שקלאַף פון גרעסערען, און ער, פאָרד, דער אויבער־האַר פון אַלעמען, דער רעגיערער פון דעם גאַנצען מאָדערנעם שקלאַפען סיסטעם וואָס ער האָט אויפגעבויט.

איינער פון פאָרד'ס הויכע אַנגעשטעלטע, וועלכער האָט זיך געהאַלטען לענגער אויף זיין שטעלע ווי אַנדערע האָט אַמאָל געזאָגט:

"איך בין גליקליכער פון אַנדערע דערפאַר וואָס אַלע פעראַכטען מיר"... אַט אַזוינע אַנגעשטעלטע האָט פאָרד ליעב....

דאָס איז אַלץ געוואָרען מיט די הויכע אַנגעשטעלטע, די ווירקליכע פיהרער פון זיינע געשעפטען. פאָרד האָט זיי אַלעמען רעדוצירט צו שיק־אינגלער, צו

שמשים וואס דארפן איהם באדינען און אויספיהרן זיינע באפעהלען, וועלכע זיינען דאס רוב ווילד און אומפראקטיש, אדער גאר טיראניש און ברוטאל.

מיט די קלענערע, די אפיס אנגעשטעלטע און די אלע אנדערע וואס אר־בייטען אין זיינע ריזיגע פאבריקען און אפיסעס, האנדעלט פערד ווי זיי וואלטען געווען ניט מעהר ווי שאף. ער האט פאר זיי קיין שטיקעל סימפאטיע, קיין איינזעהעניש.

אויף דער אויטאריטעט פון מארקים פאסירט ביי פארד'ן גאנץ אפט, אז צעהנדליגע אנגעשטעלטע זאלען ארויסגעזעצט ווערען פלוצלינג און אונערווארטעט. מען איז ביי פארד'ן קיינמאל ניט זיכער מיט'ן "דזשאב". מען קען פארלאזען די ארבייט זיך פיהלענדיג גאנץ וויכטיג און זייענדיג זיכער אז מען ווערט געאכטעט און דאן קומען מארגען פריה און געפינען אז דער דעסק ביי וועלכען מען איז געזעסען, אדער דער פלאץ וואו מען האט געארבייט, איז פאר־שוואונדען. גאנץ אפט געפינט מען אז דער גאנצער דעפארטמענט וואו מען האט געארבייט איז פארשוואונדען. דורך נאכט איז אלעס נעלם געווארען ווי דורך כישוף און די דאזיגע וואס האבען דארט געארבייט בלייבען אין גאס.

מען האט זיי אפילו קיין "נאטים" ניט געגעבען. זיי האבען פון קיין זאך ניט געוואוסט. עס נעהמט זיי דאס רוב דערנאך פיעל צייט אויסצוגעפינען אז זיי זייענען "געפייערט". עס איז דער טיפּלישער פארד־סיסטעם וואס פאדערט אזא ברוטאלע בעהאנדלונג פון אנגעשטעלטע.

אין מאנכע פעלע פאסירט אז די דעסקס פון די "אומגעווינשטע" ווערען ממש ארויסגעווארפען אין גאס, צובראכען מיט א האק. פארד האט שטארק הנאה פון דעם ווען יעמאנד קומט און געפינט אז מען האט דעם בענקעל זיינעם אוועקגענומען, אז ער איז אן ארויסגעווארפענער...

פיעלע זיינען אמאל געווען אונטער'ן איינדרוק אז פאר דיזע ברוטאליטעטען זיינען פעראנטווארטליך נאר פארד'ס פערוואלטער, אבער אז פארד אליין ווייס פון דעם ניט. מארקים פערזיכערט אונז אבער, אז פארד זעלבסט איז אימער פעראנטווארטליך פאר דעם און אז ער זעלבסט איז דער דאזיגער וואס גיט אימער די באפעהלען אזוי צו טהאן.

ביי פארד'ן ווייס מען ניט פון זאגען יעמאנדען העפליך, אז ער ווערט אפגעזאגט פון זיין שטעלע אדער אז ער ווערט טראנספערירט. די באפעהלען קומען פון אויבען אין א טאן פון "ווארפט זיי ארויס", "שיקט זיי צום טייפעל" אדער אויף אן אנדער עהנליכען אופן. יענעמ'ס געפיהלען, יענעמ'ס כבוד און יענעמ'ס ברויט קימערט פארד'ן זעהר ווייניג. עס איז דער שפיעל פון שטן.

אויף ווי ווייט פארד׳ס ברוטאליטעט גרייכט וועט זיין אינטערעסאנט צו איבערדערצעהלען וועגען א פאל וועלכען מארקים בעשרייבט אין זיין בוך. איינער פון די אנגעשטעלטע, וועלכער האט ביי פארד׳ן געהאט געארבייט יאהרען לאנג און האט געהאלטען א פעראנטווארטליכע שטעלע, איז פלוצלינג אחן א ווארנונג אפגעזאגט געווארען. דער דאזיגער איז געקומען פרעגען ווארום מען האט איהם אוועקגעשיקט. ער האט זיך געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען אז מען זאל איהם כאטש אנגעבען אן אורזאכע ווארום מען האט איהם פלוצלינג אפגעזאגט. אבער קיינער האט ניט געוואלט ריידען. קיינער האט זיך ניט גענומען די מיה איהם צו זאגען א ווארט. מארקים, וועלכער האט דעם דאזיגען גראדע געקענט און האט געוואוסט, אז אן אומרעכט איז געגען איהם בעגאנגען געווארען, האט בעשלאסען צו געהן צו פארד׳ן אליין און ביי איהם אויסווירקען אז מען זאל דעם אפגעזאגטען צוריקנעהמען צו דער ארבייט. פארד האט געמאכט א תם׳עוואטען פנים, ניט ווי איהם מיינט מען עס, און האט מארקים׳ן אויסדריקליך געזאגט, אז אויב ער דענקט אז געגען אפגעזאגטען איז ווירקליך בעגאנגען געווארען אן אומרעכט, זאל ער איהם צוריקרופען צו דער ארבייט.

מארקים האט עס געטהאן און האט שוין געהאלטען ביים צוריקשיקען דעם באטרעפענדען צו דער ארבייט, פונקט ווי פארד אליין האט איהם געהייסען. א ווייל שפעטער האט איהם פארד געזעהן און געזאגט, אז איינער פון די הויפט פערוואלטער וויל ריידען מיט איהם, מארקים׳ן. מארקים איז אוועק צום פערוואלטער און איז געשפרעך אויסגעפונען אז דער באפעהל יענעם אפצוזאגען איז געקומען פון פארד׳ן זעלבסט. פארד, וועלכער האט געהאט געמאכט דעם תם׳עוואטען פנים האט פון אלץ געוואוסט. פארד איז זעלבסט אנגעקומען אין מיטען פון געשפרעך און געהערט וואס דער פערוואלטער האט געזאגט מארקים׳ן און האט ניט געלייקענט. ער האט דאן ערקלעהרט: ״יא, איך האב עס טאקע געטהאן און ער וועט צו דער ארבייט מעהר ניט צוריקקומען״.

פארד האט אלזא געצייגט קלאהר, אז די באפעהלען קומען פון איהם און ער מאכט אימער דעם אנשטעל ווי אימיצער אנדערש וואלט עס געהאט געטהאן. ער האט אויך געצייגט ווי קליינליך ער איז מיט דעם וואס ער האט פון אנפאנג מארקים׳ן געהייסען דעם אפגעזאגטען צוריקשיקען צו דער ארבייט און דאן ערקלעהרט אז ער וועט איהם קיינמאל ניט נעהמען צוריק.

מארקים האט אבער ניט געוואלט אפלאזען פארד׳ן און פארד האט איהם געהייסען קומען אויף מארגען צו איהם אין פריוואט אפיס און זעהן וואס עס קען געטהאן ווערען. פארד האט אבער קיינמאל ניט געהאלטען דעם ״אפאינט־

מענטש". ער איז משמעות געווען צו פייגלינג צו קוקען מאַרקיס'ן גלייך אין פנים. און פייגלינגעריי איז טאַקי פאָרד'ס איינע פון די הויפּט כאַראַקטער־שטריכען. ער וויל אַז אַנדערע זאָלען שאַרען פאַר איהם די הייסע קויהלען. ער בעהאַלט זיך אונטער אַ מאַסקע פון כלומרשטע פריינדליכקייט, אַבער איז אימער קאַפּאַבעל אויף די גרעסטע ברוטאַליטעטען, און זיינע ברוטאַליטעטען טראָגען דאָס רוב אַ שטעמפּעל פון קליינליכקייט פון אומפאַרצייהליכקייט.

געדעכט באַמערקט מאַרקיס, אַז אין מאָדערנע אינדוסטריען מוז מען אפשר געווים האַנדלען אַפּט מיט אַן אייזערנער האַנד, ענטזאָגען אַרבייטער און אָנגעשטעלטע, רעאָרגאַניזירען. אָפּעראַציעס זיינען אימער נויטיג. עס איז אָבער צו ערוואַרטען, זאָגט מאַרקיס, אַז די אָפּעראַציעס זאָלען געמאַכט ווערען פון כירורגען און ניט פון בוטשערס און ביי פאָרד'ן ווערען דיזע אינדוסטריעלע אָפּעראַציעס געמאַכט פון בוטשערס, מיט דער ברוטאַליטעט פון גאָרגעל־שניידער.

## 7. — פאָרד׳ס כינעזישע וואנד

דער אָטאָמאָביל מאגנאט האלט זיך אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט פיזיש און גייסטיג. — רעדט נאָר וועגען דער אידישער ״קאָנספּיראציע״ און אנדערע אומזיניגקייטען. — ווי ער פּייניגט די וואָס קומען בײַ איהם בעטען טובות. — באזיצט די ברוטא־ליטעט פון א שוועכלינג וואָס וואגט ניט יענעם אָפּצוזאָגען אין די אויגען.

הענרי פאָרד האָט איבעראל בעקומען א נאמען פאר א גרויסען דעמאָקראט, איינער וואָס איז אליין פון די מאסען און האָט ליעב די מאסען. דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי א לעגענדע, וועלכע איז בעשאפען געוואָרען פון זיינע געדונגענע פּרעס־אגענטען ווי אלע אנדערע לעגענדעס וואָס זיינען וועגען אנטיסעמיטישען אָטאָמאָביל־מאגנאט פערשפּרייט געוואָרען כדי איהם צו מאכען גרויס. פאָרד׳ס ״דעמאָקראטי״ געהט נאָר אויף אזוי ווייט, וואָס, ווי דער ביליגער פּאָליטישען, ווען ער וועט אייך בעגעגענען פנים אל פנים, וועט ער פריינדליך שמייכלען, וועט זאָגען א פּאָר פריינדליכע ווערטער און איהר וועט קריגען דעם איינדרוק, אז ער איז דער בעסטער און ליעבענסווירדיגסטער מענש, אז ער איז גרייט פאר אייך צו טהאָן אלעס וואָס ער קען נאָר, כאָטש זיך טהיילען מיט אייך זיין פארמעגען.

דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי א מאסקע — א מאסקע וואָס פארדעקט דעם בייזוויליגען און ברוטאלען מענשען וואָס ער איז אין דער ווירקליכקייט.

צו קריגען א ריכטיגען באגריף וואָס פאָרד איז פערזענליך, דארף צו ערשט דערצעהלט ווערען, אז דער גרויסער ״פאָלקס מענש״, וואָס מאנכע מיינען אז ער איז, איז אין גאנצען אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט, פיזיש און גייסטיג. פאָרד האָט זיך ארומגערינגעלט מיט א כינעזישער וואנד און, ווי די וועלכע ווייסען עס פון די ערשטע קוועלען פארזיכערען אונז, איז ער מעהר אָפּגעשלאָסען ווי דער מיקאדאָ פון יאפּאן אדער אירגענד וועלכער אנדער אָריענטאלישער הערשער וואָס ציינגט זיך ניט פאר דער דרויסענדיגער וועלט.

פאָרד איז אזוי בעוואכט אז קיינער אין דער וועלט קען צו איהם ניט צוקומען, אויסער איינגע פון זיינע אמת׳ע ידידים מיט וועלכע ער פארברענגט פון צייט צו צייט און רעדט נאָר מיט זיי וועגען די ענינים וואָס איהם אינטע־רעסירט און וועגען וועלכע ער האלט כסדר אין פּלאפּלען, אפּטמאל אין א זינ־לאָזען און אידיאָטישען וועג, ווי זיין געוועזענער גלח מארקיס פארזיכערט אונז.

איידער מען קומט צו צו פארד'ן, נעהמט אפטמאהל וואכען. די גרעסטע שוועריגקייט האבען נאטירליך די וואס ווילען פון איהם טובות. מיט די באגעהט זיך פארד אויף א העכסט ברוטאלען וועג.

אויב איהר האט שוין די געלעגענהייט צו איהם צוצוקומען וועט פארד אייך קיינמאל ניט "ענטזאגען". אלעס וואס איהר פערלאנגט פון איהם וועט ער אייך פארשפרעכען צו טהאן. איהר וועט פון איהם אוועק מלא שמחה. איהר וועט מיינען אז איהר האט שוין אלעס וואס איהר האט פערלאנגט.

שפעטער געפינט מען אבער אויס, אז פארד האלט ניט ווארט, אז דאס וואס ער האט אזוי פריינדליך צוגעזאגט ווערט ניט געטהאן. די וואס וויסען ניט געווי פארד'ן, פארשטעהען ניט וואס דא איז געשעהן. זיי מיינען אז פארד האט פארגעסען, אדער אז אימיצער פון זיינע משרתים האט זיין באפעהל פארפעהלט דורכצופיהרען. אין דער ווירקליכקייט האט פארד גאר קיינמאל ניט געהאט בדעה צו טהאן עפעס פאר אייך ווען ער האט אזוי זיס אלעס צוגעזאגט. פארד איז דער גרעסטער שוועבלינג. ער וואגט ניט אפצוזאגען א מענשען אין די אויגען, ספעציעל ניט קיין פרעמדען. ווי מיר האבען שוין איז אנדערע פעלע געזעהן, האט פארד אימער די טבע צו לאזען אנדערע טהאן פאר איהם די שמוציגע ארביים.

און פארד לאזט זיינע משרתים ענטזאגען מענשען די טובות וואס מען בעט ביי איהם.

פארד האט א טבע צו לאזען יעמאנדען געהען צו איהם אזוי פיעל און אזוי לאנג ביז דאס ווערט יענעם נמאס און ער הערט אויף צו קומען. פארד טהוט דאס וואס מען דערצעהלט וועגען יענעם "גוטהערציגען" גניד, אויף וועלכען מען פלעגט זאגען, אז ער "ענטזאגט" קיינמאל ניט אן ארעמאן. ער ענטזאגט איהם ניט, אבער ער לאזט איהם שטעהן אזוי לאנג ביי דער טהיר ביז דעם ארעמאן הויבט אן וועה טהאן די פיס און ער געהט אליין אוועק...

פארד טהוט פונקט דאסזעלבע. אין מאנבע פעלע איז ער גאר ברוטאלער ווי לאזען שטעהן יענעם ביים טהיר ביז איהם ועט נמאס ווערען שטעהענדיג און אוועקגעהן. פארד האט א סיסטעם וואס ווען יעמאנד קומט פאר עפעס, גיט ער דעם דאזיגען איבער צו זיינעם א סעקרעטער אדער אן אנדער אנגעשטעלטען. פארד גיט יעמאנדען א צעטעלע צום סעקרעטער, און מארקים דערצעהלט אונז ווי אזוי פארד האט א געהיימען שריפט לויט וועלכען דער אנגעשטעלטער וויים שוין וואס מען זאל מיט יענעם טהאן.

פון ענטזאגען יענעם וויים פארד ניט. דאס וואלט געווען צו מענשליך. לאזט ער וויסען, אז מען זאל יענעם האלטען אויף'ן שטריקעל אזוי לאנג ביז

וואנען ער וועט זיך אנהויבען פיהלען ענטמוטהיגט און אויפהערען קומען. אזוי האנדעלט ער מיט די מעהרסטע וואס קומען פערלאנגען שטיצע פאר וואהלטהעטיגע אונטערנעהמונגען און אזוי האנדעלט ער מיט די וואס קומען מיט פערשידענע פלענער און פאלקס־אונטערנעהמונגען.

עס האט שוין אויך פאסירט דאס ער האט א דעלעגאציע פון נויארק ערמוטהיגט צו קומען צו איהם קיין דיערבארן. דיעזע דעלעגאציע פון וואהלטהעטיגע מענשען האט איהם געפאקט אין נויארק און פארד האט פערשפראכען אז ווען מען וועט צו איהם קומען אין דער היים, וועט ער זי, די דעלעגאציע, אויפנעהמען. די דעלעגאציע איז בעקומען און פארד האט געהאלטען ווארט. ער האט זי אויפגענומען. ער האט די ניו יארקער דעלעגאטען געזאגט א פריינדליכען גוטמארגען און זיי איבערגעגעבען צו זיינעם א סעקרעטער. מעהר איז פאר זיי גאר נים געטהאן געווארען. שפעטער האט פארד זיך אליין בארימהמט, און מיט גרוים שטאלץ, אז ער האט "געהאלטען" ווארט. ער האט דאך די דעלעגאציע פערשפראכען זי "אויפצונעהמען" און דאס האט ער געטהאן... ווייטער האט ער נים געוואלט וויסען. צו שפיעלען דיזען קליינליכען און גראביאנסקען שפיצעל, האט פארד געלאזט פאהרען מענשען פון נויארק קיין דעטראיט, און זיי דערנאך געהאלטען אויפ'ן שטריקעל פאר פיעלע טעג און פאר זיי גאר נים געטהאן.

אט דאס קען טהאן דער "וואהלטהעטיגער" און "דעמאקראטישער" וועלט פארזארגער.

פארד האט אן אנדער געוואוינהייט און דאס איז, וואס ער וועט די דאזיגע וואס קומען צו איהם פאר טובות זאגאר נים געבען קיין געלעגענהייט פארצולעגען פאר איהם וואס זיי ווילען. ער וועט צו זיי רעדען וועגען פערשיעדענע זאכען און נים דערלאזען קומען צום פונקט, און יענע געהען אוועק מיט גאר נים, אפטמאל גאר נים וויסענדיג אז פארד האט עם אבזיכטליך זיי נים געלאזט קומען צום פונקט.

מיט זיינע פריינד, מיט די וועלכע ער אונטערהאלט זיך, האט פארד נאר איין טהעמא, אדער בעסער, אייניגע טהעמאס, און דאס איז וועגען אידען און וועגען זיין פלאן צו מאכען א קינסטליכע קוח צו געבען קינסטליכע מילך און וועגען א פאר אנדערע נארישע ענינים.

וועגען די אידען, דערצעהלט מארקים, הערט ער נים אויף ריידען. און ער רעדט נאר וועגען דער "אידישער קאנספיראציע" צו פערכאפען די וועלט און צו ברענגען נייע מלחמות. זיינע געשפרעכען זיינען אפט אזוי נאריש און דום אז זיי רופען ביי די צוהערער ארויס אן עקעל. אבער עס איז קיינער נישא וואס זאל

פארד'ן זאגנדיק אז ער רעדט דום. די וואס קומען מיט איהם אין באריהרונג ווייסען אז זיי מוזען זיצען און הערען וואס ער האט צו זאגען און מאכען דעם אנשטעל ווי ער וואלט געזאגט די גרעסטע חכמות. ער אליין איז צו אומוויסענד און צו עגא־איסטיש צו באגרייפען אז ער זאגט ארויס אומזיניגקייטען.

ער רעדט אימער מיט זיכערהייט וועגען ענינים פון וועלכע ער האט קיין אחר נונג ניט. ער איז ביי זיך פול איבערצייגט אז ער ווייס פון אלעס אין דער וועלט און אז איבער אלעס איז ער קאמפעטענט צו ריידען און אז זיין מיינונג איז פון וויכטיגקייט וועגען וואס דאס זאל ניט ארויסגעזאגט ווערען.

עס פארשטעהט זיך אז דיזע אפגעשלאסענהייט פון דער וועלט ווירקט אויף איהם אז ער זאל ווערען מעהר טיפּוש און זאל קריגען נאך גרעסערע קאפּריזען. און פארד צייגט אפט ארויס דיא קאפּריזען פון א צובאלעוועטען קינד פון רייכע עלטערען, איינער וואס איז לחוט צו באגעהן אלע געמיינהייטען און וואס האט האלט יענעם צו פייניגען.

אין געזעלשאפט קומט ער וועניג. מיט דיא "פיער הונדערט" אדער אזוי מענשען פון דער העכערער געזעלשאפט האט ער ניט צו טאהן. ער איז אין דיעזען הינזיכט נאך אלץ דער אמאליגער פארמער וואס ער איז געוועזן ביז וואנען ער איז געווארען אן אויטאמאביל פאבריקאנט.

מאנכע פארצייכענען עס נאטירליך פאר א גרויסע מעלה און צייגען אן אויף דעם אלס א באוויז אז פארד איז געבליעבען איינפאך און "דעמאקראטיש" וויא ער איז געוועזן ווען ער איז נאך געוועזן ארים. אין דער ווירקליכקייט איז עס ניט דער רעזולטאט פון איינפאכקייט און דעמאקראטישקייט ! נאר דער רעזולטאט פון זיין אפגעשלאסענהייט.

פארד איז געבליעבען גראב און פראסט און איז איצט פיעלייכט שוין אונ־טערן איינדרוק אז גראבקייט און פראסטקייט זיינען שעהנע זאכען. ער ווייסט גאר ניט אז ער האט עפּעס וואס צו לערנען.

ארום איהם איז קיינער ניטא וואס זאל קענען אויסאיבען אויף איהם אן איינפלוס. מענשען מיט זעלבסטשטענדיגקייט פערטרייבט ער און ער קען זיי ניט אנקוקען. מענשען מיט בילדונג האט ער פיינט. אין זיינע אפיסעס און פאבריקען ווערט קיין אויסנאהם ניט געמאכט מיט אזוינע וואס זיינען געבילדעט. עס איז אבער א כלל אז די וועלכע האבען דורכגעמאכט אן אוניווערזיטעט מוזען קיינמאל ניט פּרובירען צייגען זייער בילדונג. ווארום פארד פארטראגט עס ניט און ער טראגט זיך ארום מיט דער מיינונג אז בילדונג איז נארישקייט און אז מענשען דארפען זיין "פראקטיש" און ניט קיין אויפגעקלעהרטע.

די וואס זיינען ארום איהם, ווייסען אז פֿערד וויל ניט הערען קיינע מיינונגען פֿון פֿרעמדע און אז ער וואלט אויפגעבראכט געווארען אויב מען זאל איהם פּרובירען קריטיקירען. זיי מוזען דארום שווייגען און צו אלעם צושאקלען מיט'ן קאפּ וואס ווירקט אויף פֿערד אז ער זאל ווערען נאך טעמפּער און אז זיין עגא זאל נאך מעהר וואקסען.

ווען עס קומט וועגען זאכען אין וועלכע ער האט קיין ספּעציעלע אינטערעסע, אלגעמיינע ענינים, וועט נאך פֿערד אמאל וועלען הערען וואס דער צווייטער האט צו זאגען. קומט אבער צו זיינע פּערזענליכע ענינים אדער אזוינס אין וואס ער איז פֿאראינטערעסירט דאן ווייסען שוין זיינע מענשען אז זייער אייגענע מיינונג טהאר ניט ארויסגעזאגט ווערען אויב זי איז נאר ניט דיא זעלבע ווי פֿערד'ס מיינונג.

פֿערד וויל נאר אז מען זאל מיט איהם איינשטימען; אז מען זאל זאגען, אז ער איז גערעכט. און וואס ער הייסט מוז געשעהן; ספּעציעל ווען עס האנדעלט זיך וועגען געשעפֿטס זאכען.

פֿערד איז ווי געוועהנליך א מענש וואס ענדערט זיינע מיינונגען און קריעגט אלע ווילע א באגעהר פֿאר עפּעס אנדערש. ער איז אימפּולסיוו. איהם קען איינפֿאלען צו טהאן א זאך און מארגען צו טהאן דעם היפּוך. ער קען ארויסגעבען א בעפֿעהל אנצופאנגען א זאך וואס איז די גרעסטע נארישקייט און זיך לאזען קאסטען געלד אויף דעם, זייענדיג איינגעגלויבט אז ער האט רעכט. ער קען אבער אויך הייסען אפּשאפֿען גאנצע דעפּארטמענטס און מאכען ענדערונגען איבער וועלכע זיינע אדיוטאנטען שטוינען.

דאגעגען האט ער אבער די עקשנות צו בעשטעהען אויף אזוינס אין וואס ער גלויבט און וועט ניט אפּלאזען ביז ער פֿיהרט זיינס דורך.

אט דיעזע כאראקטער שטריכען גיבען אפשר די בעסטע ערקלעהרונג וואָרום פֿערד האט געמאכט אזא ערפֿאלג און ערקלעהרען אויך ווארום ער איז אזוי פֿארעקשן'ט אין געוויסע זאכען, וויא צום ביישפּיעל אין זיינע אטאקעס אויף אידען וואס ער לאזט ניט אפּ.

דער הויפּט כאראקטער שטריך זיינער איז זעלבסטזיכערקייט. ער איז אויך א מענש וואס איז דורשטיג פֿאר ערפֿאלג, פֿאר מאכט. אלעס איז ביי איהם קאמערציאליזירט. ער האט ניט קיין פֿארעהרונג פֿאר קיין זאך. עס איז נאך א פֿראגע אויב ער גלויבט בכלל אין עפּעס אויסער ווי אין דער מאכט פֿון דאלאר.

מארקיס פֿארזיכערט אז די געשפּרעכען וואס מען האט מיט פֿערד'ן לאזען דאס רוב איבער דעם איינדרוק ווי ער וואלט ניט געוועזען ערנסט, וויא ער וואלט ניט געגלויבט אין דעם אין וואס ער דארף בלומרשט זיין פֿעראינטערעסירט.

איין זאַך איז אָבער קלאָהר פאַרד וויים די ווילכטיגקייט פון לאָזען דיא וועלט באַקומען אַ גוטען איינדרוק פון איהם און ער פאַרפעהלט קיינמאַהל ניט דיא געלעגענהייט דאַס צו טאָהן.

עס פערשטעהט זיך אז אַלעס וואַס ווערט געזאָגט אין זיין נאָמען איז מעהרסטענס פערפאַסט פון זיינע פּרעס־אַגענטען. פאַרד וויים צו מאָהל ניט וואָס עס ווערט געזאָגט אין זיין נאָמען, פּונקט וויא ער וויים ניט אימער וואָס עס ווערט אין זיין "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" געשריעבען אונטער זיין נאָמען. אין דיעזען בלעטעל וואָס איז געוואָרען דער אינסטרומענט צו פאַרשפּרייטען אַנ־טיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדא האָט פאַרד "זיין אייגענע פּיידזש", אָבער אימיצער אַנדערש שרייבט עס פאַר איהם און ער וויים אפילו ניט וואָס עס ווערט געשריע־בען אין זיין נאָמען.

פאַרד גיט אָבער די באַפעהלען. ער פאַראָרדענט וואָס עס זאָל געטאָהן ווער־רען. ער גיט אַרוים דיא אַלגעמיינע "אוקאַזען" און די דעטאַלען ווערען שוין דורכגעפיהרט פון אַנדערע, וואָס מיינט נאַטירליך אז פאַר אַלעס וואָס ווערט גע־טאָהן אין זיין נאָמען איז ער פערזענליך פאַראַנטוואָרטליך, אויב אפילו ער איז פערזענליך ניט בעקאַנט מיט אַלע פּרטים.

## 8. — דער שווינדעל מיט מאסעל־שאולס

ווי חענרי פאָרד האָט געוואָלט ארויסקריגען פון דער רעגיערונג מיליאָנען און דערביי געמאכט א פרומען פנים, בעחויפטענדיג אז ער געהט ראטעווען דאָס לאנד. — האָט ארייגנגענארט די פארמער אין זאק דורך פאלשע פערשפרעכענס. — האָט גע־שאָטען זאמד אין די אויגען פון גאנצען פאָלק.

אויב יעמאנד וויל וויסען ווער און וואָס חענרי פאָרד איז, דארף ער בלויז זיך בעקענען מיט די פאקטען פון דעם מאסעל שאולס שווינדעל און ער וועט האבען פאר זיך דעם ריכטיגען מהות פון דעם אנטיסעמיטישען אויטאָמאָביל מאגנאט. דער מאסעל שאולס שווינדעל וועט, לויט אונזער מיינונג, אימער דיענען אלס ביישפיעל צו צייגען וואָס פאָרד שטעלט מיט זיך פאר.

דער מאסעל שאולס שווינדעל איז שוין לאנג אויפגעדעקט געוואָרען, און אויפגעדעקט געוואָרען איז ער ניט נאָר אין דער פרעסע נאר אויך אין קאנגרעס, וואו פאָרד איז אָפיציעל צוגענאָגעלט געוואָרען אלס אויגען־פארבלענדער. די פאָרד פראָפּאָגאנדא איז אָבער אזוי שטארק, אז נאָך עד היום געפינען זיך מאסען מענשען וואָס וויסען ניט וועגען דעם גאנצען שווינדעל און מיינען אז פאָרד האָט דאָ געוואָלט ראטעווען דאס לאנד, אויפטהאָן גרויסעס, און מען האט איהם דערצו, ענטוועדער אויס ניט־פארגינערייי אָדער פשוט׳ע אונטרייהייט צו די אמת׳ע אינטערעסען פון לאנד, ניט דערלאָזען.

אָבער ווי האט זיך סענאטאָר נאָריס פון נעבראסקא אמאָל אויסגעדריקט אין סענאט, די מעהרסטע פון די וואס רייסען זיך די העלזער און שטעלען זיך איין פאר פאָרד׳ן אין פערבינדונג מיט דעם מאסעל שאולס פלאן האבען דעם פלאן קיינמאָל ניט שטודירט און איהם פיעלייכט גאר אין גאנצען ניט געלעזען.

און ווירקליך, עס האט זיך געהאנדעלט אום אזא טעכניש־פערפלאָנטערטען ענין, אז דער דורכשניטליכער מענש פון גאס, זאָגאר דער וואָס האלט זיך פאר אן עקספּערט, האט ניט געקענט ארויסקריכען פון די לאנגע און טעכנישע דאָ־קומענטען וועגען מאסעל שאולס.

און מיר ווילען דאָ ניט פערמאטערען דעם לעזער מיט א לאנגע און דעטאלע ערקלעהרונג וועגען וואס דאָ האט זיך געהאנדעלט און אין וואס דער גאנצער שווינדעל איז בעשטאנען. מיר וועלען זיך בלויז אָפּשטעלען אויף די הויפּט פונק־

טען, װעלכע זײנען אַזױ קלאָהר און בולט אַרױסגעבראַכט געװאָרען סײ אין דער פּרעסע און סײ אין קאָנגרעס:

װאָס אַנבעלאַנגט די פּרעסע װעלען מיר זיך ספּעציעל בענוצען מיט אַ סעריע אַרטיקלען װאָס איז װעגען דעם מאַסעל שאָולס שװינדעל ערשינען אין דער "ניו יאָרק װאָרלד" אין יאַנואַר 1922. דער שרײבער פון די אַרטיקלען איז געװען ראָולאַנד טהאָמאַס, װעלכער האָט אַ ספּעציעלע שטודיום געמאַכט פון גאַנצען ענין.

אין "קאָנגרעשאָנעל רעקאָרד" זײנען די אַלע פאַקטען פערשריבען שװאַרץ אױף װײס.

מאַסעל שאָולס איז אַ געגענד אין אַלאַבאַמאַ, רײך אין שטראָמיגע װאַסער־רען און מיט גרױסע מעגליכקײטען פאַר גרױסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונ־גען. אין צײט פון קריעג, װען די רעגיערונג האָט זיך גענויטיג אין כעמישע שטאָפען פאַר אַמוניציע און הױפּטזעכליך אין דעם שטאָף "ניטרײט", איז בעשלאָסען געװאָרען אָנצופאַנגען אַ ריזיגע אונטערנעהמונג אין מאַסעל שאָולס. צוערשט האָט זיך די רעגיערונג גענומען בױען גרױסע דאַמבעס אום צו קאָנ־צענטרירען די װאַסערען און פערװאַנדלען זײ אין עלעקטריציטעט מיט װאָס אָנצוטרײבען אינדוסטריען. די רעגיערונג האָט אױך אױפגעבױט כעמישע פאַב־ריקען ספּעציעל צו פּראָדוצירען "ניטרײט".

די רעגיערונג האָט אױף דעם אין מאַסעל שאָולס אַרײנגעלײגט איבער אַכציג מיליאָן דאָלאַר. מיט דיזער סומע זײנען אָבער נאָך ניט פערענדיגט גע־װאָרען אַלע דאַמבעס און עס זײנען נאָך ניט פאַרטיג געװאָרען אַלע פאַבריקען װאָס מען האָט זיך דאָרט אונטערנומען צו בױען. דער קריעג האָט זיך געענדיגט, און די רעגיערונג האָט מעהר קײן נויטװענדיגקײט ניט געהאַט פאָרטצוזעצען די אַרבײט. עס איז אױפגעהױבען געװאָרען די פראַגע װאָס צו טהאָן מיט מאַסעל שאָולס. און עס פערשטעהט זיך, אַז עס זײנען ענטשטאַנען פערשיעדענע מײ־נונגען. מאַנכע זײנען געװען מיט דער מײנונג אַז די רעגיערונג דאַרף פאַרענדי־גען די דאַמבעס און די פאַבריקען און זײ אַלײן פערװאַלטען. זײ האָבען געזאָגט, אַז אױב די רעגיערונג איז עס געװען גרײט צו טהאָן אין קריעגס־צײטען פאַר־װאָס זאָל זי עס ניט טהאָן אין פריעדענס־צײטען, װען דאָס לאַנד קען פון אַזאַ אונטערנעהמונג מעהר געניסען װי אין קריעג.

מאַנכע זײנען אָבער געװען מיט דער מײנונג, אַז מען זאָל דאָס איבערגעבען צו פּריװאַט מענשען, װײל זײ האָבען געזאָגט, אַז די רעגיערונג אַלײן קען ניט פערװאַלטען קײנע אינדוסטריען פון דיזען סאָרט. אַנדערע, װידער, האָבען

גענאָגט אז פּריוואט פּערזאָנען זאָלען טאקי פּערוואַלטען מאַסעל שאָולס. די רעגיערונג זאָל אבער איבער זיי האָבען קאָנטראָל.

פּיעלע פּריוואט קאָמפּאַניעס זיינען געקומען צו דער רעגיערונג מיט פּלע־נער איבערצונעהמען מאסעל שאָולס. צווישען זיי איז אויך געקומען פאָרד מיט א פּלאַן.

וועגען די פּלענער וואס די אנדערע קאָמפּאַניעס האָבען פאָרגעלייגט האָט מען קיין געפּילדער ניט געמאַכט. מען האָט צו־מאָל וועגען זיי אפילו ניט בע־ריכטעט אין דער פּרעסע. וועגען פאָרד'ס פּלאַן האָט זיך אָבער אָנגעהויבען א גערודער פון איין עק לאַנד ביז'ן צווייטען. פאר וואָס? פּשוט ווייל פאָרד האָט דאָ דערזעהן א געלעגענהייט צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר זיך.

זיין פּלאַן, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, איז געווען פיעל ערגער און זעלבסטזיכטיגער ווי די פּלענער פון די אנדערע, אָבער איבער'ן לאַנד האָט זיך צוטראָגען — און די פאָרד אַגענטען האָבען עס געטהאָן — אז פאָרד איז איינ־פאַך געקומען אויפטהאָן וואונדער פאַר'ן לאַנד.

צו אַלעם ערשטען האָט עס געזאָלט הייסען, אז ער קומט רעטען פאַר דער רעגיערונג מיליאָנען דאָלאַר. עס האָט געזאָלט הייסען אז די רעגיערונג האָט אריינגערוקט איבער אכציג מיליאָן אין מאסעל שאָולס וואָס זי קען מעהר ניט ארויסנעהמען. קומט אַלזאָ פאָרד וואָס וויל פון מאסעל שאָולס מאַכען א ריע־זיגען אינדוסטריעלען צענטער און פּאַלגליך געבען א מעגליכקייט צוריק ארויס־קריגען, נאָך מיט פּראָצענט, די פערזונקענע מיליאָנען.

פאָרד האָט אָנגעהויבען מאָהלען וואָס ער וועט פון מאסעל שאָולס מאַכען. ער וועט דאָרט אויפבויען א שטאָדט 75 מייל לאַנג, וואו עס וועלען זיך גע־פינען די גרעסטע אינדוסטריען אין לאַנד און וואו עס וועלען בעשעפטיגט ווע־רען מיליאָנען ארבייטער. דאָס האָט דאָך פאַר אַלאַבאַמאַ און די דערביי־איגע שטאַאטען געמיינט מיליאָנען, הונדערטע מיליאָנען. פאָרד האָט דאָן געמאַכט אַן אנדער פערשפּרעכען און דאָס איז געמליך, אז ער וועט פּראָדוצירען "ניטרייט" און עס פערקויפען צו ביליגע פּרייזען. "ניטרייט", דאַרף מען וויסען, איז א באַמיסטיגונגס־ארטיקעל וואָס די פאַרמער מוזען האָבען. איצט איז דער ארטיקעל פאַרהעלטניסמעסיג טייער. פאָרד האָט פערשפּראָכען צו פּראָדוצירען "ניטרייט" ביליג, האָט עס געמיינט, אז די פאַרמער וועלען שפּאָרען פיעל געלד. דאָס האָט אויך געזאָלט מיינען, אז פאַרם פּראָדוקטען וועלען ווערען ביליגער — הכלל, דאָס גאַנצע לאַנד וועט געניסען אויב פאָרד וועט ווערען דער בעל הבית איבער מאַסעל שאָולס.

זיינען דיעזע פֿארשפרעכענס געווען באזירט אויף פֿאקטען? האָט פֿאָרד געמיינט זיי צו האלטען? א נעכטיגער טאָג. פֿאָרד האָט דאָ בלויז געוואָלט אריינ־נארען אין זאק דאָס גאנצע לאנד, זיך מאכען פֿאר'ן וואונדער־מענש וואָס קען אלץ און וויים אלץ און דאן שאפֿען די עפֿענטליכע מיינונג וואָס איז געווען נויטיג אום צו ווירקען אויף'ן קאָנגרעס גוט־צו־הייסען זיין פּלאן.

אין דער ווירקליכקייט איז בעוויזען געוואָרען, אז פֿאָרד וואָלט פֿון מאסעל שאָולס קיינמאָל ניט געקענט מאכען דעם ריעזיגען אינדוסטריעלען צענטער וואָס ער האָט פֿערשפּראָכען און אז ער וואָלט קיינמאָל ניט געקענט פּראָדוצירען קיין ביליגע ״נייטרייט״. יעדענפֿאלס וואָלט ער עס ניט געקענט טהאָן זאגאר ווען ער וואָלט עס געוואָלט. אין בעסטען פֿאל וואָלט די ״נייטרייט״־פּראָדוקציאָן דאָרט געווען אזוי קליין, אז דאָס וואָלט קיין ווירקונג ניט געהאט אויף די אלגעמיינע פּרייזען. די פֿארמער וואָלטען אלזאָ גארניט, אָדער זעהר ווייניג, געוואָנען

פֿאָרד האָט דאָ אָבער שוין געהאט איינגערעדט די פֿארמער אז ער איז זייער גרעסטער פֿריינד און אז ער וויל זיי רעטען פֿון די נעגעל פֿון ״נייטרייט״ טראָסט און האָט טאקי געהאלטען אין איינריידען דאָס לאנד אז דער ״נייטרייט״ טראָסט שטעהט עס הינטער די אלע געגנער פֿון זיין פּלאן.

דער פֿאָרד ״בלאָף״ איז בעוויזען געוואָרען. אָבער אין קאָנגרעס איז נאָך עפּעס מעהר בעוויזען געוואָרען. עס איז נעמליך געצייגט געוואָרען, אז דער גאנצער פּלאן איז א שווינדעל. פֿאָרד האָט איינפֿאך געוואָלט ארויסקריגען מאסעל שאָולס כמעט פֿאר גארניט. ער האָט געוואָלט, אז די רעגיערונג זאָל עס איהם פֿערדינגען פֿאר הונדערט יאָהר. די רעגיערונג האָט געזאָלט אריינלייגען נאָך 50 מיליאָן דאָלאר אום צו פֿארענדיגען די דאמבעס און די פֿאבריקען, און פֿאָרד האָט פֿאר דעם געזאָלט צאָהלען א לעכערליכען פּראָצענט. פֿאָרד, הייסט עס, האָט פּשוט געוואָלט קריגען קאָנטראָל איבער צעהנדליגע מיליאָנען פֿון דער רעגיערונגס־אייגענטהום און פֿאר דעם גארניט געבען פֿון זיין זייט.

נאָך מעהר, ווי עס איז בעוויזען געוואָרען אין קאָנגרעס, האָט פֿאָרד זיך זאגאָר געוואָלט בעפֿרייען פֿון עקזעסטירענדע פֿעדעראלע געזעצען. ער האָט אין גאנצען געוואָלט פֿאר זיינע פּריוואט אינטערעסען מאָנאָפּאָליזירען די מאסעל שאָולס דאמבעס און פֿאבריקען. אויב אימיצער וואָלט געוואָנען, וואָלט עס געווען פֿאָרד און געוואָנען וואָלט ער אויף'ן חשבון פֿון גאנצען פֿאָלק.

וואָלט אימיצער אנדערש געהאט פֿארגעשלאָגען אזא פּלאן וואָלט ער גלייך געבראנדמארקט געוואָרען אלס מאָנאָפּאָליסט און פֿערשליגנער. פֿאָרד האָט אָבער

אזוי קונציג מאניפולירט אז עס האָט געדאַרפט הייסען אז ער איז גאַר אויסען צו חעלפען די רעגירונג און דאָס גאַנצע לאַנד, אז ער גיהט אויפבויען נייע אינדוסטריעז, אז ער גיהט צייגען דאָס לאַנד א ביישפיעל ווי מען קען פאַר־וואנדלען פערלאָזענע געגענדען אין בליהענדע אינדוסטריעלע צענטערען. ער האָט זיך אויך איינגעקויפט אין גרויס לאַסקע ביי די פארמער ווייל עס האָט געזאָלט הייסען אז ער וויל זיי געבען ביליגען ״גייטרייט״ און זיי בכלל באַ־פרייען פון די הענד פון די ״טראַסטס״. פּאַרד, אין קורצען, האָט זיך דורך מאַ־סעל שאולם איינגעקויפט א גרויסען נאָמען און האָט שוין פערדיענט זאָגאַר ווען זיין פּלאַן איז ניט אנגענומען געוואָרען.

עס איז א פאַקט, אז דורך דער פּראָפּאַגאנדאַ וואָס איז פערשפּרייט גע־וואָרען אין פאַרבינדונג מיט מאסעל שאולס האָט פּאַרד זיך זאָגאַר פאַרבעסערט זיינע שאַנסען צו ווערען פּרעזידענט. פּאַרד האָט קיין בעסערע אגיטאַציע פאַר זיך ניט געקענט מאַכען, ספּעציעל צווישען די פאַרמער פון לאַנד, ווי דורך דעם מאסעל שאולס פּלאַן. און עס איז גאַר קיין צווייפעל ניט אז אויסער די זעלבסט־רעקלאַמע וואָס ער האָט דאָ געזוכט, אויסער דאָס פּאָפּולאַריזירען פון זיינע פּאַרד׳לאַך וואָס ער האָט דאָ געזוכט, האָט ער אויך געזוכט די שטימען פון די גרויסע מאסען פון לאַנד. עס איז געווען א פּאָלקאָמענער פּאַרד פּלאַן, אויס־געאַרבייט אין זיין גאַנצער עגאָאיסטישער געשיקטקייט, און ווי מיט אַלעס וואָס פּאַרד האָט געפּלאַנט און געטהאָן איז עס בלויז געווען א פּלאַן ווי זיך רייך צו מאַכען, גרויס צו מאַכען און פּאָפּולער צו מאַכען.

און ווי געזאָגט, האָט נאָך פּאַרד עד היום אנהענגער אין זיין מאסעל שאולס פּלאַן. אָבער ווי מיר האָבען שוין אויבען אנגעוויזען זיינען עס אַזוינע וואָס האָ־בען דעם פּלאַן גאַרניט שטודירט אָדער גאַר אַזוינע וואָס האָבען פּערזענליכע אינטערעסען צו ווילען אז פּאַרד זאָל איבערנעהמען מאסעל שאולס, שוין ניט ריידענדיג פון די פּשוט׳ע פאַרמער, וועלכע זיינען פערפיהרט געוואָרען פון די פּאַרד פּראָפּאַגאנדאַ און מיינען, אז פּאַרד איז דער אמת׳ער וואונדער מענש וואָס קען אַלעס טהאָן און וואָס איז עהרליך און אויפריכטיג.

אז עס זיינען געווען טויזענדע וואָס האָבען אַרויסגעקוקט אויף דעם, אז פּאַרד זאָל איבערנעהמען מאסעל שאולס, ווייל זיי האָבען אין דעם געזעהן גרוי־סע פּראָפיטען פאַר זיך אַליין, איז שוין לאַנג בעוויזען געוואָרען. דאָס זיינען געווען די לאַנד־בעזיצער אין יענעם געגענד, וועלכע האָבען שוין בעצייטענס אנגעהויבען טרייבען שווינדלערישע ריעל־סטייט געשעפטען. דער לעזער געדענקט נאָך פּיעלייכט ווי א געוויסע שייקע פון אַזוינע בייטעל־שניידער זיינען געבראַכט געוואָרען אין געריכט אויף דער קלאַגע אז זיי האָבען פערקויפט ״לאָטס״ און

אזוי שטיקער לאַנד אין אַלאַבאַמא, איינרייידענדיג דעם עולם אז דורך פּאַרד וועט די געגענד פערוואַנדעלט ווערען אין אַן אינדוסטריעלען צענטער און פּאַלגליך וועט דאַס לאַנד דאַרט ווערען טייער. אויף אַזאַ אופן האַט מען פערקויפט זומ־פּען און פּעלזען און לאַנד וואָס איז גאַר אויף דער מאַפּע ניט געווען.

יאַ, דיעזע שווינדלער האָבען געהאַט אַ גוטע אורזאַכע צו וועלען, אַז פּאַרד זאָל קריגען מאַסעל שאולס. די פּאַרד פּראָפּאַגאַנדאַ איז פאר זיי געווען אויסגע־צייכענט, פּונקט ווי פאר פּאַרד'ן זעלבסט, וועלכער, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, האָט זיך דורך מאַסעל שאולס קונה שם געווען, טראָץ דעם וואָס דער שווינדעל דערפון איז אַזוי קלאָהר און אַזוי בולט בעוויזען געוואָרען אין דער פּרעסע און אין קאָנגרעס.

## 9. — פאָרד'ס מלחמה פּראָפיטען

**דער בלוטדורשטיגער פאַסיפיסט, וועלכער האָט זיך אזוי לעכערליך געמאכט מיט זיין "פרידענס־עקספּעדיציע" נאָך איירופּא, האָט געמאכט צעהנדליגע מיליאָנען אין מלחמה און טראָץ זיינע פאַרשפּרעכענס אז ער וועט דיזע מיליאָנען ניט נעהמען פאַר זיך האָט ער זיי ארונטערגעלאָזט אין קעשענע. — די אנקלאגע אין סענאט געגען פאָרד'ן.**

---

פאָרד מאכט דעם אנשטעל אז ער איז גאט די נשמה שולדיג, אז ער איז די עהרליכקייט אליין און אז זיין געלד איז כשר פערדיענט. פאָרד'ס "עהרליכ־קייט" קען מען אבער אם בעסטען זעהן פון די ריזיגע מלחמה־פּראָפיטען וואס ער האָט געמאכט, פון די מיליאָנען בלוטיגע דאָלערס מיט וועלכע ער האָט אנגע־שאָטען זיינע קעשענעס.

דער סקאנדאל מיט די פאָרד מלחמה פּראָפיטען איז גוט בעוואוסט, אבער די ברייטע מאסען זיינען נאָך אלץ איינגעגלויבט אין פאָרד'ן. און עס איז גאָר ניט קיין וואונדער. פאָרד האָט שוין אכטונג געגעבען אז זיין פּראָפּאגאנדא־מאשין זאָל מהאָן די געהעריגע ארבייט און אז אין די מוחות פון אמעריקאנער פאָלק זאָל איינגעפּרעסט ווערען, אז ער, פאָרד, איז א כשר'ע נשמה און אז ער האָט קיינמאָהל ניט ארונטערגעלאָזט אין קעשענע א פון מלחמה־פאַרדיענטען דאָלער.

ווען פאָרד וואָלט געווען א געוועהנליכער מלחמה־פּראָפיטירער, וואָלט עס נאָך ניט געווען אזא סקאנדאל. זיינען דען אין אמעריקא געווען קארג מלחמה־פּראָפיטירער? און וויפיעל פון די ניי־אויפגעקומענע עשירים און פון די אלטע קענען זאָגען, אז זייערע הענד זיינען ריין פון די מלחמה־פאַרדיענסטען?

פאָרד האָט אבער געהאלטען אין שרייען די גאנצע צייט, אז ער וועט זיך קיינמאָהל ניט ערלויבען צו מאכען א סענט פון דער מלחמה. פאָרד האָט עס אומצעהליגע מאָל ערקלערט אין דער עפענטליכקייט און האָט ווי אימער אכטונג געגעבען, אז זיינע ווערטער זאָלען ניט פאַרפעהלען צו טרעפען אין ציעל, אז דער עולם זאָל איהם טאקע גלויבען. אונטער אזוינע אומשטענדען איז עס שוין מעהר ווי היפּאָקריסטטווא ווען דער זעלבער פאָרד האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין ניט קיין קלענערער און אפשר נאָך א גרעסערער מלחמה־פּראָפיטירער ווי אנדערע. דאָס איז איינפאכער שווינדעל.

דער סקאנדאל ווערט נאך גרעסער ווען מען נעחמט אין אנבעטראכט אז פארד האט געהאט געשפיעלט די ראלע פון א פאסיפיסט, פון איינעם וואס איז כלומרשט גרייט צו ברענגען גרויסע געלד און פערזענליכע קרבנות אום צו פארמיטען די וועלט פון מלחמות. האט דאך פארד אזוי היפאקריטיש זיך ארויסגעווארפען אויף די אידען, ווי ער האט זיי אנגערופען די "אינטערנאציאנאלע באנקירען", אויס'ן אויסרייד אז זיי זיינען פעראנטווארטליך פאר אלע מלחמות. האט ער דאך פיעלע מאל געהאט ערקלעהרט, אז ער איז געגען די אידען מעהר פאר אלץ צוליעב דעם וואס זיי זאלען זיין די יעניגע וואס ברייננען מלחמות אויף דער וועלט. פארד האט דא זיך געצייגט אלס א גרויסער ליעבהאבער פון פריעדען, אלס אייכער וואס איז גרייט צו געהן אין קריעג מיט א גאנצען פאלק אבי כלומרשט צו רעטען די גאנצע וועלט פון ווייטערע מלחמות.

פארד האט דאך אויך זיין פאסיפיזם זאגאר געבראכט צו איינעם פון די לעכערליכסטע קלימאקסען ווען ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף דער קאמי־טראגישער "פריעדענס-עקספעדיציע" אין ווינטער פון 1915—1916. די פיאסקא פון זיין "פריעדענס-עקספעדיציע" איז אפשר א קאפיטעל פאר זיך און דארף צייגען פארד'ן ניט נאר אלס איגנאראמוס, נאר אלס לעכערליכען דומקאפ.

די וואס קענען פארד'ן זיינען ניט איינזיג צווישען זיך וועגען פארד'ס ווירקליכע מאטיוון אין ארגאניזירען די "פריעדענס-עקספעדיציע". מאנכע זיינען נאך אלץ מיט דער מיינונג, אז פארד איז אריינגענארט געווארען אין זאך, אז מען האט איהם פארפיהרט, אז מען האט איהם איינגערעדט, אז ער קען זיך ווירקליך פאראייביגן זיין נאמען ווען ער וועט קומען מיט זיין פריעדענס-שיף קיין אייראפא און אויף זיין רוף וועלען די סאלדאטען פערלאזען די "טרענטשעס" און דער וועלט-פריעדען וועט צוריקגעשטעלט ווערען. פארד דער תם און דער אומוויסענדער האט געגלויבט אז דאס איז אלעס מעגליך.

אבער וועלכע מיינונג עס זאל ניט זיין די ריכטיגע, פארד ווערט דא אלענפאלס צוגענאגעלט ענטוועדער אלס א תם וואס האט זיך געלאזט מאכען צום נארען פאר דער גאנצער וועלט אדער אלס אבזיכטליכער וועלט-פאיאץ.

דערווייל האט ער זיך אבער מיט דעם געהאט עטאבלירט זיין רעפוטאציע אלס פאסיפיסט און פיעלע האבען געגלויבט אז וואס, וואס, פארד איז אם וויינינגסטענס איינער פון די ווניגע וואס זיינען געגען קריעג.

פארד האט זיין פאסיפיזם אויך ארויסגעצייגט ביי פיעלע אנדערע געלעגענהייטען און האט ניט ביי איין געלעגענהייט זיך ארויסגעזאגט געגען קריעג און געגען מיליטאריזם. די מאסען האבען געגלויבט בלינד אין פארד'ס עהרליכ־

קייט, הויפטזעכליך, ווען ער האט געהאלטען אין פערזיכערען, אז ער וועט קיינמאל ניט זיך ערלויבען צו מאכען א דאלער פון קריעג.

איז אבער געקומען דער מאמענט ווען אמעריקא איז אריין אין קריעג און פארד האט אנגעהויבען קריגען גרויסע מלחמה־"ארדערס". פארד האט זיך פון דיזע ארדערס ניט ענטזאגט און האט ערקלעהרט אז איצט ווען אמעריקא איז אריין אין קריעג וועט ער זיין אזא פאטריאט ווי אנדערע און וועט טהאן אלעס וואס ער קען צו העלפען אמעריקא געווינען דעם קריעג. ער האט אבער הייליג פערשפראכען אז ער וועט די מלחמה־פראפיטען ניט נעהמען פאר זיך, נאר וועט זיי צוריקקעהרען צו דער רעגיערונג.

פון אנפאנג האט פארד אין גאנצען געווארפען די שולד פאר מאכען געלד פון מלחמה אויף זיינע שותפים. מיט דעם האט פארד זיך ווידער געצייגט אלס איינער וואס האט אימער האלט אנדערע צו בעשולדיגען אין דעם וואס ער אליין טהוט אום אליין צו ערשיינען אין א גינסטיגע ליכט. ער האט אבער אפען פראקלאמירט אז יעדער דאלער וואס ער האט געמאכט פון דער מלחמה וועט ביי איהם ניט פארבלייבען.

אזא עפענטליכע ערקלעהרונג האט פארד געמאכט אין דעם קאמפיין־בוך וואס ער האט ארויסגעלאזט ווען ער איז אין 1918 "געלאפען" פאר סענאטאר. אין א ספעציעלען בוך וועגען העגרי פארד וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אונטער דער אויפזיכט פון מרס. פארד איז אויך ערקלעהרט געווארען, אז די מלחמה־פראפיטען וועלען צוריקגעגעבען ווערען צו דער רעגיערונג.

מען האט אנגענומען אז פארד מיינט וואס ער זאגט און אז ער וועט טאקי האלטען ווארט, אויב ער האט עס שוין ניט געהאלטען. געהאנדעלט האט זיך אום א סומע פון ניט וועניגער פון ניין־און־צוואנציג מיליאן דאלער. דאס איז די "אומבאדייטענדע" סומע וואס פארד האט געמאכט אין ריינעם פראפיט פון דער מלחמה. מאנכע זאגען, אז די סומע איז געווען נאך פיעל גרעסער. אבער לאמיר שוין אננעהמען אז ווי פארד האט אליין צוגעגעבען, אז די סומע איז געווען נייך־און־צוואנציג מיליאן דאלער.

ווען מען האט אנגעהויבען נאכפרעגען זיך אויב פארד האט טאקי די סומע צוריקגעקעהרט צו דער רעגיערונג פון וועמעס קאסע דאס געלד איז געקומען, האט פארד געהאט די חוצפה צו זאגען, אז ער האט עס טאקי געטהאן. דאס איז אבער געווען פאלש. פארד האט די נייך־און־צוואנציג מיליאן קיינמאל ניט צוריקגעקעהרט צו דער רעגיערונג. ער האט דאס געלד ארונטערגעלאזט צו זיך אין קעשענע.

אז פארד האט דאס געלד קיינמאל ניט צוריקגעקערט איז עפנטליך ער־קלערט געווארען פון דעם טרעזשורי דעפארטמענט אין וואשינגטאן. דאס איז אויך עפנטליך ערקלערט געווארען אין סענאט וואו דער אנטיסעמיטישער אטאמאביל־מאגנאט איז ביטער אטאקירט געווארען פאר זיין היפאקריסטווא.

און פארד איז געבליבען אומפארשעהמט און האט די גאנצע געשיכטע ארונ־טערגעשלונגען. ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג וואס דער סקאנדאל איז ארויס אין דער עפענטליכקייט. מסתמא האט ער געהאפט, אז זיינע פרעס־אגענטען וועלען שוין וויסען ווי צו פארדעקען דעם סקאנדאל, ווי צו שיטען זאמד אין די אויגען, ווי דאס איז אימער זייער שטייגער אין פוצען פארד'ן און אין דערצעהלען זיינע גרויסע שבחים וועלכע ער האט קיינמאל ניט פערדיענט.

אבער אויב פארד'ס אגענטען איז טאקי געלונגען מעהר וויניגער צו פארבא־האלטען די פאקטען פאר די ברייטע מאסען, איז אבער אין סענאט און אויך אין דער פרעסע דער סקאנדאל מיט די מלחמה פראפיטען ניט אין גאנצען פאר־שטיקט געווארען.

אין סענאט זיינען פיעלע אטאקעס געמאכט געווארען אויף הענרי פארד'ן. מען האט איהם דארט ניט נאר אויפגעווארפען די מלחמה־פראפיטען, נאר אויך האט מען איהם דערמאהנט, אז ער איז דער פאטער פון א "סלעקער". פארד, וועלכער אטאקירט אידען אלס מענשען וואס זיינען אומטריי די לענדער אין וועלכע זיי געפינען זיך, האט אליין צוריקגעהאלטען זיין זוהן פון געהן אין מלחמה. ווי אימער האט עס פארד געטהאן דורך אנדערע. מען איז געגאנגען מאהנען פאר זיין זוהן עדזעל "עקזעמפשאן", און מען האט ניט אפגעלאזט ביז וואנען עדזעל האט געקראגען "עקזעמפשאן". ווען עס איז געקומען צו געהן אין מלחמה האט פארד זיך געמאכט פאר א געוואלדיגען פאטריאט און געלאזט וויסען אז אום די מלחמה זאל שנעלער קענען געוואונען ווערען איז זיין זוהן נויטיג אין די פאבריקען וואו מען האט דאן געארבייט אויף מלחמה־"ארדערס".

וואס עס איז וועגען פארד'ן געזאגט געווארען אין סענאט וועט זיין גענוג צו געבען א כאראקטעריסטישען אויסצוג פון א רעדע וואס סענאטאר מאזעס פון ניו העמפשייר האט געהאלטען אין סענאט אין יאנואר 1922. צווישען אנדערעס האט דער סענאטאר געזאגט פאלגענדעס:

"אין 1918 איז הענרי פארד געהאלטען געווארען, ווי ער ווערט נאך איצט אויך געהאלטען, פאר א ליעבליכען, אבוואהל א קליין קעפיגער אינדוסטריעלער מכשף; א פערזאן וואס קען מאכען אטאמאבילען אבער ניט קיין געזעצען; דער באזיצער פון א ריזיגען פארמעגען, אבוואהל זיין אינטעלעקטועלער פארמעגען איז זעהר קליין. מען האט איהם אויך געקענט אלס געצענדיענערישען וויירוך־

רויכערער אין דעם טעמפּעל פון וואודראו ווילסאָן. ער האָט ניט געהאַט קיין פּאָליטישען רעקאָרד. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען צום שטימקאַסטען. עס איז קיינמאָל ניט באַוויזען געוואָרען אַז ער איז געווען בעקאַנט מיט אירגענד וועלכע געזעלשאַפטליכע פראַגע. דעם כשוף פון זיין אינדוסטריעלען ערפאָלג האָט מען געהאַלטען פאַר אַ קמיע אין אַפּעלירען צו די שטימגעבער (אין 1918 ווען פאָרד איז געלאָפען אַלס סענאַטאָר. ד. ל. מ.) און זיין פאָרעהרונג פאַר פּרעזידענט ווילסאָן האָט איהם געגעבען אַ פרייען פּאַספּאָרט אין ווייסען הויז פון וואַנען מען האָט געוואָלט דיזען פּראָפיטירערישען פאָטער פון אַמעריקאַ'ס גרעסטען סלעקער אריינזעצען אין סענאַט".

פאָרד איז אַלזאָ צוגענאָגעלט געוואָרען צום וואַנד ניט נאָר אַלס קליין־קעפּיגער מענשעלע, נאָר אויך אַלס מלחמה־פּראָפיטירער און פאָטער פון "גרעס־טען סלעקער". דער זעלבער סענאַטאָר מאָזעס האָט אין זיין רעדע אָבער אויך אָנגעדייטעט אויף דער מעגליכער ערקלערונג ווי אַזוי פאָרד'ן איז געלונגען צו פאַרבאַהאַלטען דעם פאַקט וועגען זיינע פאַרשלונגענע מלחמה־פּראָפיטען און וועגען זיין זוהן וואָס איז ניט געגאַנגען אין קריעג.

די מעגליכע ערקלערונג איז אין פאָרד'ס פעהיגקייט צו שרייען "כאַפּט אַ גנב" ווען מען יאָגט זיך נאָר נאָך איהם אַליין. סענאַטאָר מאָזעס האָט עס באַוויזען מיט דעם וואָס וועהרענד פאָרד האָט איינגעלעגט די וועלט וועגען סענאַטאָר ניובערי, וועלכער האָט איהם באַזיעגט אין די וואַהלען פון 1918, שרייענדיג אַז ניובערי האָט אויסגעגעבען ריעזיגע סומען צו קויפען זיך זיין פּלאַץ אין סענאַט, האָט פאָרד אַליין אויסגעגעבען גרויסע סומען פאַר'ן זעלבען צוועק און טאַקי אויך צו באַגראָבען זיין זיעגרייכען אָפּאָנענט.

דער סענאַטאָר פון ניו העמפּשייר האָט דערצעהלט וועגען די סטראַשונקעס וואָס פאָרד האָט געמאַכט אין אַ בריעף וואָס איז צושיקט געוואָרען צו די סע־נאַטאָרען, אַז אויב זיי וועלען ניט טהאָן זיין, פאָרד'ס, פערלאַנג, און אויסשליסען ניובערי'ן פון סענאַט וועט ער זיי אַלעמען רואינירען פּאָליטיש.

פאָרד האָט אַלזאָ מיט דעם געשריי אַז ניובערי איז דער שווינדלער פאַרבאַ־האַלטען זיין אייגענעם שווינדעל און מיט זיין שטענדיגען געשריי, אַז די אינ־דוסטריאַליסטען זיינען ניט עהרליך, אַז דאָס לאַנד ווערט געפיהרט פון וואָלל סטריט, האָט ער פאַרבאַהאַלטען זיין אייגענע אומעהרליכקייט אין אַרונטערלאָזען צו זיך אין קעשענע די מיליאָנען פּראָפיטען וואָס ער האָט געמאַכט פון קריעג.

זיין קאַמפּף געגען די אידען איז גאַנץ מעגליך אויך געווען ניט מעהר ווי אַן אַנדער געשריי פון "כאַפּט אַ גנב", זוכענדיג צו פאַרבאַהאַלטען זיינע אייגענע חטאים און פאַלשקייטען.

# 10. — פאָרד און זיינע קאָנקורענטען.

אין א פריהעריגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין געזעהן ווי פאָרד איז ניט אנדערש אין זיינע געשעפטס מעטאָדען פון אלע אנדערע "טראַסטניקעס" און מאָנאָפּאָליסטען און אז ער איז אויך ניט בעסער פון זיי. אויב פאָרד אונטער־שיידעט זיך אין עפּעס פון אלע אנדערע מאָנאָפּאָליסטען איז עס אין דעם וואָס קיין אנדערער, פיעלייכט, וויל אז אלץ זאָל אויסשליסליך געהערען צו איהם אויף אזוי פיעל ווי דאָס איז דער פאַל מיט העברי פאָרד.

ראקפעלער איז ניט דער אייגענטהימער פון דער סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאני. ראקפעלער באנוגענט זיך מיט א מאיאָריטעט פון דעם "סטאָק" פון דער קאָמ־פּאני וואָס גיט איהם קאָנטראָל. דאָס זעלבע איז אויך מיט די אנדערע גרויסע אונטערנעהמער. אלע האָבען זיי שותפים. פאָרד וויל אָבער פון אלץ זיין דער פולער אייגענטימער, און ער האָט אזוי לאנג מאַנעווורירט ביז ער האָט אלע "שעהר־האָלדערס" פון אלע זיינע אונטערנעהמונגען ארויסגעזעצט און איז איצט דער איינציגער אייגענטימער פון אלע זיינע אינדוסטריען. פאָרד האַסט אקציען קאָמפּאניעס. ער זאָגט כלומרשט אז דאָס איז דערפאַר וואָס אקציען קאָמפּאניעס גיבען א געלעגענהייט אז מענשען וואָס טהוען גאָר ניט זאָלען ציהען פּראָפּיטען און דאָס שאַפט א קלאַס פון פּאַראַזיטען. דאָס איז אָבער ניט די אמת'ע אור־זאַכע. ווארום דער פאַקט איז דאָס פאָרד האָט פארשטויסען פון זיין קאָמפּאני די יעניגע "שעהר האָלדערס" וועלכע האָבען גראדע געארבייט אין דער קאָמפּאני און געארבייט נאָך מעהר ווי ער, פיליכט. ער האָט פערשטויסען די יעניגע וואָס האָבען די פאָרד מאָטאָר קאָמפּאני און די אלע אנדערע אינדוסטריען וואָס ער קאָנטראָלירט אויפגעבוים.

אויב פאָרד וויל קיינע "שעהר־האָלדערס" איז עס ניכער דערפאַר וואָס ער ווייס אז אויב יעמאנד האָט א "שעהר" האָט יענער אויך געוויסע רעכטע. יענער קען זיך מישען אין די ביזנעס זאַגאָר ווען ער איז אין דער מינדערהייט און פאָרד וויל ניט אז אימיצער אנדערש זאָל איהם קענען זאָגען דעות, זאָל קענען טהיילען מיט איהם די פּראָפּיטען.

פאָרד באזיצט איינפאך א מאַניא צו זיין דער זעלבסט הערשער, דער "צאַר" פון זיינע אינדוסטריען, און אין דעם צייגט ער זיך ניט נאָר אין זיין

פולער קליינליכקייט נאר אויך אין זיין אמת'ער ניט דערוואקסענקייט, אין זיין אפגעשטאנענקייט פון דעם מאדערנעם גייסט וואס ציעלט גראדע צו קאאפע־ראציע.

אבער אויב פארד האט זיך ארויסגעציינט אומדאנקבאר און קליינליך אין בעהאנדלען זיינע שותפים, די יעניגע וואס איהם האבען געהאלפען רייך און גרויס ווערען, האט ער זיך ארויסגעציינט צו זיין פאלשטענדיג ברוטאל אין בעהאנדלען זיינע קאנקורענטען און סתם פארמיטלער און פיעלע אנדערע וואס זיינען איהם געקומען אין וועג אדער האבען זיך צופעליג אן איהם אנגעשלאגען. פארד איז ווי דער "מולך", ער פערשלינגט אלעמען און מיט א טייפליך־שער בייזוויליגקייט.

ביטערע קלאגען ווערען געמאכט געגען העגרי פארד פאר דער ארט און ווייזע ווי ער האט בעהאנדעלט קלענערע און שוואכערע פאבריקאנטען. די לעצ־טע זיינען גראדע ניט געווען פון די וואס זיינען איהם געשטאנען אין וועג. זיי זיינען געווען אזוינע ביי וועמען פארד פלעגט קויפען געוויסע טהיילען צו די אויטאמאבילען וואס ער פאבריצירט. פארד האט זיי אזוי ברוטאליזירט און אזוי הארצלאז בעהאנדעלט אז פיעלע פון דיעזע קלענערע פאבריקאנטען זיינען איינ־פאך רואינירט געווארען.

פארד פלעגט זיי ארויספרעסען די נשמה, פלעגט זיי צאהלען די ערגסטע פרייזען. ער האט מיט זיי קיינמאל קיין איינזעהעניש ניט געהאט, האט קיינמאל זיי ניט בעהאנדעלט מענשליך.

מיט מאנכע פון דיעזע קלענערע פאבריקאנטען איז פארד נעגאנגען נאך ווייטער. ער האט זיי ערמוטהיגט אויפצובויען גרויסע פאבריקען, אריינצונעמען נייע מאשינען און אנצושטעלען גרויסע צאהלען ארבייטער. פארד האט געמאכט ביי זיי בעשטעלונגען און פערשפראכען צו געבען זיין נאך גרעסערע בעשטע־לונגען. אויף דעם סמך פון דיעזע בעשטעלונגען האבען יענע געמאכט ריעזיגע "אינוועסטמענטס". אבער פארד האט זיי אפילו קיין ווארנונג ניט געגעבען אז ער געהט אויפהערען מיט זיי צו האנדלען און האט זיי אין מיטען דערינען איבערגעלאזט און דערמיט זיי איינפאך רואינירט.

עס איז אבסאלוט קיין ענטשולדיגונג ניט געווען ווארום פארד זאל אזוי האנדלען מיט קלענערע און שוואכערע פון זיך, סיידען דאס איז געווען א רע־זולטאט פון אינסטינקטיווע ברוטאליטעט, פון זיין אינערליכען און נאטירליכען געפיהל יענעם צו טהאן לתכעיס, יענעם צו רודף'ן עד חרמה, זאגאר ווען ער האט דערפון ניט קיין דירעקטע נוצען.

## דער אמת וועגן העגרי פֿאָרד

פֿאָרד האָט זיך געמעגט האָבען זיינע אורזאכען ווארום ער האָט אויפגע־הערט האנדלען מיט יענע פֿאבריקאנטען. ער האָט אָבער ניט געהאט קיינע אורזאכען ווארום זיי צו ערמוטהיגען פריהער צו מאכען גרויסע "אינוועסט־מענטס" און ווארום זיי ניט צו געבען אירגענד וועלכע ווארנונג אז ער וועט אָפשניידען מיט זיי האנדעלס פֿארבינדונגען.

פֿאָרד האָט דאָ געהאנדעלט ניט בעסער ווי ער האנדעלט מיט זיינע אָנגע־שטעלטע אין זיינע פֿאבריקען און אָפיסעס וועמען ער קען גאָר אָהן א ווארנונג אין א מיטען העלען טאָג ארויסשטעלען אין גאס. אזוי האנדעלט א צאר וועלכער קימערט זיך ניט אום קיינעמס געפיהלען, וועלכער וויס נאָר אז זיין ווארט איז געזעץ און אז זיין ווילען מוז געשעהן.

פֿאָרד וויס אויך מסתמא אז וואָס ער זאָל ניט טהאָן, וואָס פֿאר א נבלה ער זאָל ניט בעגעהן, ער וועט שוין האָבען ווער עס זאָל איהם רעכטפֿערטיגען אין די אויגען פון פֿאלק און אז פֿאר דער וועלט זאָל ער גאָר פרעזענטירט ווע־רען אלס דער וואוילער און גוטער, דער אידעאלער און געוויסענהאפטער מענש וואָס האָט נאָר איין זארג אין לעבען און דאָס איז, ווי זיינע מיטמענשען צו פֿערלייכטערען די גרויסע לאסטען וואָס דאָס לעבען לעגט אויף זיי ארויף.

פֿאָרד'ס קליינליכקייט און ברוטאליטעט וועלען אָבער אַם בעסטען זיך אָפּ־שפיגלען אין דעם פֿאָלגענדען פֿאל וועלכער ווערט מיט אלע פּרטים בעשריבען פון ע. ג. פּיפּ.

פֿאָרד'ס קרבן אין דיזען פֿאל איז געווען א געוויסער הערי שלי. דיזער הערי שלי איז פילע יאהרען געווען א ציי‎טונגס פֿארקויפער און האָט געארבייט שווער פֿאר א לעבען. ער איז שפעטער אנגעקומען צו פֿאָרד'ן אלס ארבייטער און האָט דארט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פֿלייס.

לעבען פֿאָרד'ס גרויסע אָפיסעס געפינט זיך א שטיקעל פּלאַץ פון וואָס פֿאָרד האָט בעשלאָסען צו מאכען א נוץ, ווי ער טהוט אימער מיט אלעם וואָס האָט א ווערטה און וואָס קען אויף עפּעס אויסגענוצט ווערען.

פֿאָרד האָט איינגעזעהן אז דער פּלאַץ פּאַסט זיך פֿאר אן אויטאָמאָביל סטאַנציע וואו אויטאָמאָביליסטען זאָלען קענען קריגען זייערע בעדערפעגישען ווי גאזאָלין, אויל און אלע אנדערע מכשירים.

פֿאָרד האָט שוין געהאט דעם פּלאַץ אויספּארדונגען צו דריי פֿערשיעדענע פּערזאָנען און אזוי ווי קיינער פון זיי האָט ניט געהאט געמאכט קיין ערפֿאלג אויף'ן פּלאַץ איז הערי שלי אָנגעבאָטען געוואָרען דעם פּלאַץ פֿאר א גאַנץ בעדייטענדער סומע. הערי שלי איז געווען א מענשעל מיט גוטע געשעפטס פֿע־

חיגקייטען און ער איז געווען זיכער אז ער וועט יא מאכען אן ערפאָלג און ער איז דארום געווען גרייט צו אונטערשרייבען א קאָנטראקט מיט דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאני, אויף דריי יאָהר, פארפליכטענדיג זיך צו צאָהלען פאָרד'ן א מאָנאטליכען רענט פון הונדערט זעקס און זעכציג דאָלאר און זיעבען און זעכ־ציג סענט.

דעם קאָנטראקט וואָס שלי האָט אונטערגעשריבען איז איהם גאָר ניט איינגעפאלען צו לעזען. צו וואָס זאָל ער עס האָבען געטהאָן? א קאָנטראקט איז א קאָנטראקט און אגב האנדעלט ער דאָך עפּעס מיט פאָרד'ן און ער האָט געוויס ניט געהאט קיין אורזאכע מורא צו האָבען אז אין קאָנטראקט וועט ארייגגע־שטעלט ווערען אזוינס וואָס קען איהם שאדען.

שלי האָט זיך ענערגיש גענומען צו זיין נייער אונטערנעהמונג און עס איז איהם אוועק ניט שלעכט. ער האָט באלד געעפענט א צווייטע סטאנציע און דאן א דריטע. שפּעטער האָט ער אויך אריינגענומען זיינע ברידער אין די ביזנעס און אלע צוזאמען האָבען זיי ארויפגעארבייט צו א צעהנדליג סטאנציעס.

אלעס איז געגאנגען כשורה און שלי האָט ניט געהאט קיין אורזאכע זיך צו בעקלאָגען אויף פאָרד'ן. אין די פאבריקען וואו קיין זאך ווערט ניט געלאָזט געהן אין ניעוועץ ווערט אויך געמאכט א פּראָדוקט מיט'ן נאָמען בענזאָל וואָס איז א מין געמישטער אויל און ווערט בענוצט פאר געוויסע צוועקען. פון דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאני האָט מען שלי'ן געפרעגט אויב ער וויל אויך אריינ־נעמען פאָרד'ס בענזאָל צו פערקויפען און שלי האָט זיך דערפון ניט ענטזאגט.

ער איז געווען א גוטער געשעפטסמאן און האָט דעם בענזאָל אָנגעהויבען צו פערקויפען. שלי האָט שוין דאן געהאַט פיער ברידער מיט איהם אין די ביזנעס און אלע האָבען געהאָלפען פערקויפען פאָרד'ס בענזאָל.

באלד האָבען אָבער זיינע "קאָסטאָמערס" אָנגעהויבען זיך בעקלאָגען אז די פאָרד בענזאָל טויג ניט, אז דער פּראָדוקט איז שלעכט געמאכט און איינער נאָר'ן צווייטען האָט עס אויפגעהערט צו קויפען. מאנכע זיינען געגאנגען נאָך ווייטער. זיי זיינען געקומען מיט טענות צו שלי'ן. זיי האָבען גענוצט פאָרד'ס בענזאָל און האָבען איבער דעם געהאט חיזקות, אלזאָ האָבען זיי געוואָלט אז שלי זאָל זיי גוט מאכען פאר די הזיקות וואָס זיי האָבען געליטען. שלי איז זאָגאר געשלעפּט געוואָרען אין געריכט איבער דעם. אלס גוטער געשעפטסמאן האָט ער איינגעזעהען אז ער מוז אויפהערען האלטען פאָרד'ס בענזאָל, ווען ניט וועט ער פערלירען אלע זיינע קאָסטאָמער. און שלי האָט אויפגעהערט נעמען ביי פאָרד'ן דעם בענזאָל.

ער האָט געמיינט אז דאָס וועט זיך אריבער אזוי זיך. וואָרום וואָס וועט ען פאָרד האָבען צו איהם נאָכדעם ווי ער האָט אזוי שווער געארבייט אום עם בענזאל צו פערקויפען? אָבער באלד איז געקומען פון פאָרד׳ן א אויפ־פאָדערונג אז ער מוז צוריק אָנהויבען האלטען דעם בענזאל. און מיט דעם האָט זיך פאָרד נאָך ניט בענוגענט. ער האָט ניט נאָר געפאָדערט אז שלי זאָל האל־טען דעם בענזאל אין דער סטאנציע וואָס שטעהט אויף פאָרד׳ס באדען נאָר אויך אין די אנדערע 9 סטאנציעס פון וועלכע זיינע ברידער זיינען די בעלי בתים. שלי האָט גע׳טענה׳עט אז וואָס אנבעלאנגט זיין אייגענע סטאנציע קען ער דעם בענזאל ניט אריינעהמען ווייל ער האָט מורא אז ער וועט פערטרייבען זיינע קאָסטאָמער און וועט דעם פראָדוקט בכלל ניט קענען פערקויפען. און וואָס אנבעלאנגט צווינגען זיינע ברידער צו פערקויפען פאָרד׳ס בענזאל קען אודאי קיין רייד ניט זיין ווייל ווען ער זאָל אפילו וועלען וועלען יענע עס ניט וועלען און יענע האָבען אויף א דעה.

אויף דעם האָט מען פון פאָרד׳ן גאָר ניט געענטפערט, נאָר מען האָט איהם געגעבען "נאָטיס" אז אין דרייסיג טעג צייט מוז ער אָפליידיגען די פאָרד סטאנ־ציע. שלי האָט פון אָנפאנג געמיינט אז דער "נאָטיס" מיינט גאָר ניט. ער האָט דאָך עפּעס געהאט א קאָנטראקט מיט פאָרד׳ן אויף דריי יאָהר. ער האָט זיך א כאפּ געטהאָן צום קאָנטראקט און ערשט דאן האָט ער אויסגעפונען אז אין לאנ־גען דאָקומענט געפינט זיך טאקי א פּונקט וואָס גיט פאָרד׳ן אלע רעכטע, זאָגאר איהם ארויסצוואווארפען ווען ער וויל עס נאָר ווערענד ער, שלי, איז צו איהם געבונדען די גאנצע צייט.

שלי האָט איינגעזעהען די אומגערעכטיגקייט פון דעם קאָנטראקט און איהם האָט שוין פערדראָסען וואָרום ער האָט עס ניט געלעזען איידער ער האָט אונ־טערגעשריבען אָבער עס איז געווען צו שפּעט.

שלי האָט דאָן, איבערלעזענדיג דעם קאָנטראקט צום ערשטען מאָהל, אויך אויסגעפונען אז דאָרט געפינען זיך אנדערע פּונקטען צום גונסטען פון הענרי פאָרד, נעמליך אז יענער קען איהם אָפּשניידען דעם צופאָהר וואָס וועט מיינען אז קיינער וועט צו זיין סטאנציע ניט קענען צופאָהרען און פאָלגליך וועט ער די ביזנעס במילא מוזען אויפגעבען.

שלי איז אָבער געווען א שטיקעל עקשן און האָט בעשלאָסען אז ער וועט פאָרד׳ן ניט אָפּלאָזען און וועט מיט איהם געהן אין געריכט. און אזוי איז אוועק א סדרה פון פּראָצעסען.

פאָרד האָט אָבער דערווייל ניט געשוויגען און זעהענדיג אז שלי לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאשע האָט ער אָנגעהויבען מיט איהם א צו להכעיס פּאָליטיק

און דאָס וואָס צוקריעגטע שכנים פלעגן זיך אמאָל טהאָן איינע צו די אנדערע אין קליינע שטעדטלאך האָט פאָרד בעשלאָסען צו טהאָן צו שלי׳ן.

איבערנאכט איז ארום שלי׳ס סטאנציע אויסגעבויט געוואָרען א וואנט וואָס האָט די סטאנציע כמעט אין גאנצען אָפּגעשניטען פון די פארבייפאָהרער. שלי האָט אָבער ערשט דאַן בעשלאָסען ניט אויפצוגעבען און האָט אזוי לאנג גע־קעמפּפט אין גערירכט ביז וואנען ער האָט טאקי געוואונען.

ריכטער ארטהור דזש. טאטעל פון דעם פעדעראלען דיסטריקט געריכט, וועלכער האָט די ענטשיידונג ארויסגעגעבען געגען פאָרד׳ן, האָט געהאַט בע־מערקט פאָלגענדעס ביים ארויסגעבען די ענטשיידונג:

״דאָס קוקט אויס ווי א צאָם וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען פון אן אלטער פרוי וועלכע איז אין כעס געוואָרען אויף איהר שכן. איך בין דאָרט פארבייגעפאָהרען מיט אן אבענד צוריק. עס איז די פליכט פון דיזען געריכט צו זעהן אז מענשען זאָלען ניט נעמען דעם געזעץ אין זייערע אייגענע הענד. דאָס איז ניט דער וועג ווי דאָס ווערט געטהאָן אין דעטראָיט״.

פאָרד האָט אָבער יאָ געהאַט גענומען דעם געזעץ אין זיינע אייגענע הענד און ער האָט יאָ אויפגעשטעלט דעם צאָם וואָס, ווי ריכטער טאטעל האָט בע־מערקט, אן אלטע פרוי בויט לעבען איהר שכנ׳ס פענסטער ווען זי ווערט אין כעס. וואָרום די קליינליכקייט פון דער אלטער פרוי, וועגען וועלכער דער ריכ־טער האָט גערעדט, האָט אויך פאָרד און ער איז אימער גרייט צו פיהרען מלחמה מיט יעדען וואָס ריהרט איהם אָן און ווען ער פיהרט מלחמה איז קיין זאך פאר איהם ניט צו געמיין, קיין זאך פאר איהם ניט אומפּאַסענד.

דער לעזער וועט אפשר וועלען זאָגען אז דאָס אלעס איז ניט געטהאָן גע־וואָרען מיט פאָרד׳ס וויסען און אז אימיצער פון דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני איז דאפיר געוועזען פעראנטוואָרטליך. אויב יעמאנד מיינט אזוי, דאַן קען ער ניט פאָרד׳ן. וואָרום פאָרד איז גראָדע דער מענש וואָס איז קאָפּאבעל אויף אזוינע קליינליכקייטען.

אגב לאָמיר דאָ איבערגעבען ..ם פאקט אז שלי׳ס סטאנציע געפינט זיך פונקט געגענאיבער דעם אָפיס וואו פאָרד קומט אלע טאָג אדער עטליכע מאָל א וואָך און פאָרד האָט ניט נאָר אלעס געזעהן נאָר האָט טאקי פון אלעס גע־וואוסט און אודאי אליין געגעבען דעם בעפעל וואָס עס זאָל געטהאָן ווערען. אָט דאָס איז פאָרד...

## 11. — פאָרד׳ס דאָלאר פסיכאָלאָגיע.

---

אויטאָמאָביל מאגנאט האָט איין מאסשטאב און דאָס איז דער דאָלאר. — קוקט אויף אלעס און אלעמען דורך די ברילען פון דאָלאר. — איז דער גרעסטער מאדים צו פארשטעהן די פאָלקס פסיכאָלאָגיע פון דאָלאר שטאנדפונקט.

---

אויב מען וואָלט געדארפט האָבען א "במקום" פאר דעם אמעריקאנער "דאָלאר־צייכען", דער "$", וואָלט מען ניט געקענט געפינען קיין בעסערען ווי דעם נאָמען "פאָרד". פאָרד איז די פערקערפערונג פון דאָלאר. ער איז דעם דאָלאר׳ס בעסטער רעפּרעזענטאנט.

פאָרד איז פראָסט און אומוויסענד, אָבער ער איז דער גרעסטער, דען ווען עס קומט צום דאָלאר. ער איז דער גרעסטער "וויסענשאפטסמאן" ווען עס קומט צו געלד.

"ער, פאָרד, איז קיינמאָל ניט געגאנגען אין קיין קאָלעדזש", בעמערקט וועגען איהם סעמיועל ס. מארקים אין זיין בוך איבער דעם אויטאָמאָביל מאגנאט, "ער וויים אָבער אלעס וואָס מען דארף וויסען וועגען פסיכאָלאָגיע אויף אזוי ווייט ווי דאָס האנדעלט זיך נאָר וועגען דאָלאר".

יאָ, פאָרד איז דער גרעסטער דאָלאר פסיכאָלאָג וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן און דאָס פיליכט איז די אמת׳ע אורזאכע ווארום ער איז אזוי רייך. פאָרד קען אנדערש ניט זעהען ווי דורך דער ליכט פון דאָלאר. ער פערשטעהט ניט קיין מענשליכע נשמות, און וויל זיי ניט פערשטעהן; ער רעכענט זיך ניט מיט קיין העכערע זאכען אין לעבען און וויל זיך מיט זיי ניט רעכענען. דער דאָלאר איז דער איינציגער מאסשטאב מיט וואָס ער מעסט מענשען און זאכען, און דער דאָלאר איז דאָס איינציגע צו וואָס ער שטרעבט. אויב אפילו מיר זאָלען שוין אָננעמען אז זיין דורשט פאר מאכט און זיין אמביציע צו ווערען פרעזידענט און אזוי א גרויסע פאָליטישע פיגור צייגט אויך אויף אנדערע נייגונגען אין דעם אויטאָמאָביל מאגנאט. אגב זאָל דאָ בעמערקט ווערען אז ווען פאָרד רעדט וועגען פאָליטישע ענינים טהוט ער עס אויך פון דעם דאָלאר שטאנדפונקט. ווארום העכער פון דאָלאר קען ער זיך ניט אויפהויבען...

געבענדיג אן אפשאצונג פון פאָרד׳ס גייסטיגען מהות, פון זיין אינערליכקייט, דערצעהלט מארקים וועגען דעם ווי פאָרד׳ס ערפאָלג דארף אין א

גרויסער מאס צוגעשריבען ווערען צו זיין פעהיגקייט צו פערשטעהן ווי אם לייכטעסטען צו געפינען א צוטריט צו די קעשענעס פון דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער.

פארד'ס מאטא אין די ערשטע יאהרען איז געווען, און איז נאך איצט אויך, צו האלטען אן אויג אויף דער קעשענע פון דורכשניטליכען מענשען. עס איז ניט געווען פארד'ס אידעאליזם וואס האט איהם באוואויגען צו פראדוצירען א ביליגען אויטאמאביל. דאס איז ניט געווען זיין אמביציע צו פערזארגען די מענשען מיט קליינע איינקינפטע וואס האט איהם געבראכט אויפ'ן געדאנק אז די "פארדלער" מוזען דערדוצירט ווערען אין פרייז. דאס איז געווען דער רעזולטאט פון זיין דאלאר פסיכאלאגיע, פון זיין פעהיגקייט אימער אויף אלעס צו קוקען פון דעם דאלאר שטאנדפונקט. פארד האט בעגריפען אז אום ער זאל קענען מאכען אן ערפאלג מוז ער האבען אן אויטאמאביל וואס זאל קענען פער־קויפט ווערען צום דורכשניטליכען מענשען. ווארום בלויז אין דיזען פעלד זיינען ניט געווען קיין קאנקורענטען. פאר טהייערערע אויטאמאבילען זיינען געווען אנדערע. אזא אויטאמאביל מוז זיין וואס ביליגער און אום ער זאל זיין וואס ביליגער מוז ער קענען פראדוצירט ווערען וואס אם שנעלסטען און פארד האט מיט דעם דאלאר פסיכאלאגיע זיינער געפונען דעם וועג דערצו.

ער האט אלעס סטאנדאריזירט. אנגעהויבען בויען איין מין אויטאמאביל, מיט איין מין מאשינעריע אונטער איין מין סיסטעם פון ארבייט. ווארום אוי־סער א דאלאר פסיכאלאג איז פארד אויך איינער פון די וואס וואלט גאנץ אמעריקא און טאקי אויך די גאנצע וועלט געוואלט זעהען "סטאנדאריזירט": אלע שיך זאלען געמאכט ווערען אויף איין קאפול, אלע היט זאלען געמאכט וועד־רען לויט איין מאס און פאסאן און אלע קליידער זאלען געמאכט ווערען לויט איין מוסטער — אלע יונים זאלען האבען איין פנים.

פארד איז דער מענש וואס האט ניט קיין אויג פאר שעהנקייט, וואס רע־כענט זיך ניט מיט קיין זאך וואס געהט ארויס פון די ראמען פון פראדוקציאן און געלד. ער ווייס נאר אז זוען אלעס ווערט פראדוצירט לויט איין מוסטער קאסט די פראדוקציאן ביליגער, דאן קען דער פרייז פון די ארטיקלען זיין קלע־נער און א גרעסערע .צאהל מענשען וועלען די ארטיקלען קענען קויפען און פאלגליך וועט מען טהאן גרעסערע געשעפטען און מען וועט פערדיענען מעהר געלד.

דערפאר איז ער אימער בעשטאנען אז דער אויטאמאביל זיינער מוז זיין פון איין מין, און אז ער מוז פראדוצירט ווערען וואס לייכטער און וואס שנעלער און וואס ביליגער. ווען ער האט אריינגענומען די בעסטע און די מאדערנסטע

מאשינען האָט ער אויך געזעהען אַז די ארבייטער זאָלען זיין די שנעלסטע און זעהט אימער די פּראָדוקציאָן צו פארגרעסערען. וואָרום וואָס גרעסער די פּראָדוק־ציאָן אַלץ ביליגער קאָסט איהם דאָס פּראָדוצירען פון אַן אויטאָמאָביל און פאָלג־ליך קען ער דעם אויטאָמאָביל פערקויפען פאַר אַ קלענערען פּרייז. דאָס, וויעדער, מיינט אַז די אויטאָמאָבילען פערקויפען זיך אַלץ אין אַ גרעסערער צאָהל און די פּראָדוקציאָן דארף דאַן פארגרעסערט ווערען אום נאָכצוקומען די פארגרעסערטע נאָכפראַגע אויף די אויטאָמאָבילען און אַזוי האַלט די "בּיזנעס" אין וואַקסען און צו פאָרד'ן האַלט אין איין שטראָמען אַ גרויסער גאָלדענער שטראָם וואָס מאַכט איהם רייכער און מעכטיגער.

דער דאָלאַר פּסיכאָלאָג האָט דאַ אַלעס קלאָהר אויסגערעכענט פון דעם דאָ־לאַר שטאַנדפּונקט און האָט מקריב געווען די נשמות פון זיינע ארבייטער, די געפיהלען פון זיינע אָנגעשטעלטע. ער האָט זיי אַלעמען פאַר מאַשינען געמאַכט, האָט זיי אַלעמען "סטאַנדאַריזירט" ווי זיי וואָלטען געווען ניט מעהר ווי די "ראָבאָטס" פון דער בּעריהמטער דראַמאַ וואָס איז מיט אַ יאָהר צוריק געשפּילט געוואָרען אויף בּראָדוויי. אין יענער דראַמאַ זיינען די "ראָבאָטס" געווען די פאַנטאַזיע פון דעם פערפאַסער. ער שטעלט זיך פאָר די צייט ווען מענשען וועלען געמאַכט ווערען קינסטליך, דורך אימיצענס ערפינדונג און זיי וועלען ניט באַזיצען קיין דענקונגס קראַפט און וועלען בּלויז קענען טהאָן פיזישע ארבייט. זיי וועלען דאַרום ווערען די שקלאַפען פון מענשען, טהאָן פאַר איהם אַלע אַר־בּייטען און זאָגאַר געהן פאַר איהם פיהרען מלחמות. אָבער אויך די "ראָבאָטס", צייגט אונז דער דראַמאַטורג, האָבען ענדליך אָנגעהויבען דענקען און האָבען רעוואָלטירט.

פאָרד האָט אָבער לכתחילה גענומען דענקענדע און פיהלענדע מענשען און זיי געמאַכט פאַר "ראָבאָטס", פאַר גולמים און וויל פון זיי אָוועקנעהמען דאָס לעצטע בּיסעל דענקונגס קראַפט און וויל זיי אין גאַנצען מאַכען פאַר מאַ־שינען.

און געטהאָן האָט ער עס אום פון זיי אַרויסצופּרעסען מעהר ארבייט, פון זיי אַרויסצוקריגען מעהר געלד. דאָס האָט זיך פּונקט אַריינגעפּאַסט אין זיין גאַנצען פּלאַן וואָס זיין דאָלאַר פּסיכאָלאָגיע האָט אויסגעאַרבּייט. און זיין דאָלאַר פּסיכאָלאָגיע איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט זיינע ארבייטער בּעלוינט מיט ניט מעהר ווי מיט אַ פּאָאַר דאָלאַר מעהר. פאָרד וואָס קוקט אויף אַלץ נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון דאָלאַר מעסט אַלעמען מיט דעם דאָלאַר מאַסשטאַב און מיינט אַז מיט'ן דאָלאַר קען ער אָפּקויפען יענעמ'ס גייסט און דענקונגס אַפּאַראַט.

פאָרד זעלבּסט איז צו פאַרדאָלערט געוואָרען אַז ער זאָל קענען בּעגרייפען

די שעהענרע שטריכען פון לעבען, אז ער זאל קענען זעהען עפעס העכערעס אין דער מענשליכער נשמה.

פארד אליין האט מיט א צייט צוריק געהאט געמאכט א פארזוך צו זיין אביסעל אנדערש. ווען ער האט זיינע ארבייטער אנגעהויבען עקספלואטירען אויף א גרויסען מאסשטאב און ער האט איינגעזעהען אז ער מוז עפעס פאר זיי טהאן, האט ער זיי ניט נאר געהאט צוגעווארפען עטליכע דאלאר מעהר אין וואכענטליכע וויידזשעס, נאר האט אויך געהאט איינגעפיהרט זיין "סאציאלאגישען" דעפארטמענט אין זיינע פאבריקען און אנגעשטעלט דר. סעמיועל ס. מארקיס אלס הויפט פון דיזען דעפארטמענט. דאס האט געזאלט זיין א פערזוך די ארבייטער צו דערהויבען גייסטיג, זיי צו ענטוויקלען און זיי צו מאכען ניט נאר פאר בעסערע ארבייטער נאר אויך פאר בעסערע מענשען. פארד האט דאן פרובירט ניט נאר צאהלען זיינע ארבייטער מיט דאלארס נאר אויך מיט רעספעקט, מיט מענשליכע בע־האנדלונג. אבער דאס איז נאר געווען אויף א קורצער צייט. ווייל אזא בעהאנד־לונג איז ניט געווען אין פארד'ס קאלעע. דאס איז ניט געווען אין איינקלאנג מיט פארד'ס דאלאר פסיכאלאגיע און דער סאציאלאגישער דעפארטמענט איז שוין לאנג פערשוואונדען. אלעס וואס האט געקענט מיינען די דערהויבונג פון די ארבייטער גייסטיג איז אפגעשאפט געווארען. פארד האט מארקיס'ן אפען ער־קלעהרט אז ער האלט נאר אז מענשען ארבייטען פאר'ן דאלאר און בכן דארף מען זיי בעצאהלען ניט מעהר ווי מיט דאלארס און פון זיי ארויסקריגען אזוי פיעל דאלארס ווי עס איז נאר מעגליך. פארד, ועלכער האט פאר א קורצער צייט פון זיינע "ראבאטס" געוואלט מאכען מענשען האט חרטה געקראגען און האט זיינע מענשען געמאכט פאר "ראבאטס". דאס פאסט זיך בעסער פאר זיין דאלאר פסיכאלאגיע.

צו פערשטעהן נאך בעסער פארד'ס דאלאר פסיכאלאגיע און זיין ניט דער־וואקסענקייט צו זעהן די שעהנערע און אידעאלערע זייט פון לעבען וועלען מיר ווייטער ציטירען מארקיס'ן, וועלכער, האבענדיג געווען אזוי נאהענט צו פארד'ן קען איהם פיליכט מעהר ווי אימיצער אנדערש:

"העגרי פארד האט מיליאנען אין רעזערוו", שרייבט דר. מארקיס, "ער קומט קיינעם ניט קיין דאלאר — און דאך איז ער האפענונגסלאז פארזונקען אין חובות...

"אויב פארד'ס חובות וואלטען געווען אזעלכע וועלכע קענען אויסגעצאהלט ווערען דורך אנשרייבען א טשעק, וואלטען זיי שוין לאנג אויסגעצאהלט געווא־רען. דאס זיינען אבער אנדערע סארטען חובות..."

און מארקיס ערקלעהרט דאן וואס ער מיינט דערמיט. ער דערצעהלט אונז,

אז דאָס וואָס מיר האָבען שוין דערצעהלט אין די פריהערדיגע קאפּיטלען, וועגען פֿאַרד'ס אומדאנקבארקייט צו מענשען וואָס האָבען איהם געהאָלפען אין זיין ערפאָלג און וואָס האָבען איהם געדיענט מיט לייב און זעעלע. פֿאַרד האָט זיי איינעם נאָכ'ן צווייטען בעזייטיגט און ניט אזוי בעזייטיגט נאָר פּשוט ארויסגעוואָרפען אזוי אז יענע זיינען אויף אייביג פיליכט געבליבען מיט פערוואונדעטע נשמות, מיט א דערנידעריגטען שטאָלץ.

די ברוטאליטעט דערפון האָבען מיר שוין בעשריבען. מיר האָבען שוין געצייגט פֿאַרד'ן אין ליכט פון דעם "צאר" וואָס טרעט אלעמען אונטער זיינע פיס און וויל קיינעם ניט לאָזען קיין קאָפּ אויפהויבען.

דאָ איז אָבער אויך פאראן די פסיכאָלאָגישע זייט דערפון, א מענשליכע זייט, און דאָס איז מארקים אונז מגלה. פֿאַרד, דער דאָלאר פסיכאלאג, פערשטעהט גאר ניט אז ער איז נעגען יענע בעגאנגען אן עוולה. ער זאָגט אז ער האָט יענע בעצאָהלט אין דאָלארס פאר אלעס וואָס זיי האָבען פאר איהם געטהאָן און דאָס איז מעהר ווייניגער אמת. ער פערשטעהט ניט אז עס איז פאראן עפּעס העכערעס פון דאָלארס און אז פאר טרייע דיענסט, איבערגעבענהייט, פריינדשאפט און אזוי מענשליכע בעציהונגען קען ניט בעצאָהלט ווערען אין געלד.

איינער וואָס בערויבט א פרוי'ס ליעבע קען קיינמאָל איהר ניט בעצאָהלען מיט געלד פאר איהר צובראָכען הארץ, און איינער וואָס דיענט יענעם און אָפּפערט זיך פאר איהם קען זיין בעלוינונג ניט קריגען אין געלד.

פֿאַרד פערשטעהט עס ניט. ער זעהט ניט העכער פון דעם דאָלאר און ער האלט אז ער האָט אלעמען געהעריג בעלוינט ווען ער האָט זיי צוגעוואָרפען די דאָלארס, און דאָס אויך פיעל ווייניגער ווי זיי זיינען ווערטה געווען. ווארום ער אליין זוכט אויך ניט מעהר ווי די דאָלארס און גלויבט ניט אין קיין אנדער זאך ווי אין דער מאכט פון דאָלאר.

אז איהר וועט לאָזען רעדען פֿאַרד'ן זעלבסט אדער בעסער געזאָגט זיינע פרעס אגענטען וועט איהר נאטירליך הערען א גאנץ אנדער פזמון. פֿאַרד מאכט דעם אנשטעל אז געלד איז ביי איהם גאָר ניט, אז ער זיכט ניט קיין געלד. פֿאַרד טרעט זאָגאר ארויס אלס דער בעקעמפּפער פון דעם איצטיגען געלד סיסטעם. ער אליין וועט אָבער בעשטעהן אז פאר זיינע אויטאָמאָבילען זאָל מען צאָהלען מיט בארעס געלד און מיט געלד טאקי וואָס האָט א גאָלד־ווערטה.

פֿאַרד איז דער מענש וואָס זעהט ניט די העכערע ווערטהען פון לעבען און ער קען זיי נים זעהן. א מענש וואָס זיצט ביין שליוז פון אן אומענדליכען

שטראָם פֿון גאָלד קען ניט זעהן קיין אנדער זאַך ווי גאָלד, פֿאַר זיינע אויגען מוז אימער זיין דער שיין פֿון גאָלד און ער קען זיך ניט רעכענען מיט קיין אנדער זאַך ווי מיט גאָלד.

די דאָלאַר פּסיכאָלאָגיע איז פֿערד׳ס שטאַרקסטע אייגענשאַפֿט און עס וואָלט גאָר געווען נאַריש צו ערוואַרטען אַז ער זאָל אונטער די אומשטענדען זיין עפּעס אנדערש פֿון דעם וואָס ער איז. די צרה איז נאָר וואָס אַט דער זעלבער פֿערד ווענדעט אָן די זעלבע דאָלאַר פּסיכאָלאָגיע אויך פֿאַר אנדערע זאַכען, פֿאַר העכערע זאַכען אין לעבען און פֿאַר אַזוי זאַכען וואָס ער פֿערשטעהט זעהר ווייניג און זוכט אויף אַלץ צו לעגען זיין אייגענעם שטעמפּעל. און אין דעם ליעגט טאַקי די פֿערד געפֿאַהר.

פֿאָרד, וועלכער איז איצט איינער פֿון די רייכסטע אין דער וועלט, איז געווען אָרים און האָט יאָהרען לאַנג געקעמפּפֿט ביטער פֿאַר זיין שטיקעל ברויט. ער האָט געהאַט אַ ביטערען קאַמפּף איידער ער האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג אין לעבען, איידער זיינע „פֿאָרדלאַך״ זיינען בעריהמט געוואָרען. פֿאָרד איז אויסגעלאַכט און פֿערשפּאָט געוואָרען. און דאָס האָט איהם געמאַכט אַזוי פֿערביסען, דאָס האָט איהם געמאַכט אַזוי זשעדנע פֿאַר׳ן דאָלאַר דאָס איצט נאָך זיין גרויסען ערפֿאָלג קען ער זיך פֿון דעם ניט בעפֿרייען. די דאָלאַר פּסיכאָלאָגיע האָט זיך אין פֿאָרד׳ן אריינגעפֿרעסען און האָט איהם אין גאַנצען איבערגעוועלטיגט.

## 12. — די לעגענדע וועגן פארד'ס פילאנטראפיע.

**פארד גיט נים קיין סענט אויף וואהלטהעטיגע צוועקען. — ווייזט צוריק אלע אפיעלען פאר צדקה. — האט אין זיין לעבען געגעבען בלויז 17 דאלאר און האט אויף דעם חרטה. — שטוינענדע פאקטען וועגן פארד האספיטאל אין דעטראיט.**

וואס איהר זאלט ניט זאגען וועגן די אמעריקאנער מולטי־מיליאנערען, זיי זיינען כמעט אלע אהן אויסנאהמע פילאנטראפיש און גיבען מיליאנען, אפטמאל הונדערטע מיליאנען אויף פארשיעדענע וואהלטהעטיגע צוועקען. נעהמט ראקפעלער'ן, צום ביישפיעל. זיין וואהלטהאט האט כמעט קיין פאר־גלייך און ראקפעלער גיט פאר אזוינע זאכען וואס זיינען אויסשליסליך אלטרואיסטיש.

פארד מיט אלע זיינע הונדערטע מיליאנען האט פאקטיש קיין סענט ניט געגעבען אויף וואהלטהאט און באריהמט זיך נאך מיט דעם. באריהמען באַ־ריהמט ער זיך פאר זיינע נאהענטע פריינד. די דרויסענדיגע וועלט, אבער, איז אונטער'ן איינדרוק אז פארד איז א גרויסער פילאנטראפ און אז ער איז א גוואלדיגער פזרן. אזוי אם וועניגסטענס שטעלען איהם פאר זיינע פרעס־אגענטען, און דער עולם גלויבט.

אויף דער אויטהאריטעט פון זיין געוועזענעם פריינד מארקים האט פארד אין זיין לעבען געגעבען אויף וואהלטהאט ניט מעהר ווי 17 דאלאר און דאס האט ער אויף דעם חרטה. פארד מאכט עס נאטירליך חזיר־כשר־פיסעל און זאגט אז ער גיט ניט קיין צדקה, ווייל ער גלויבט ניט אין דעם, ווייל ער איז געגען דעם. צדקה איז ערנידעריגענד, זאגט ער, און פארזיכערט אז זיין אויפ־גאבע איז די נויטהבאדערפטיגע צו געבען "דזשאבס" אנשטאט "טשאריטי".

אויב פארד וואלט אבער אזוי געהאנדעלט בלויז מיט די וואס קענען געשטעלט ווערען צו דער ארבייט וואלט עס אפשר נאך געווען א שעהנע זאך. עס איז אמת אז פארד נעמט אריין אין זיינע פאבריקען פיעלע קאליקעס, בלינדע און אנדערע הילפלאזע מענשען. דאס טהוט ער אבער אויף א ריין געשעפטליכען באזיס און נעמט אריין נאר אזוינע וואס קענען צוגעפאסט ווערען צו געוויסע ארבייטען און וועלכע קענען דערנאך פראדוצירען מעהר ווי געזונדע מענשען.

פארד טהוט אלזא גאר ניט פאר די זאגענאנטע הילפלאזע אויסער דאס

וואָס איהם צאָחלט זיך. אויף ווי ווייט דאָס צאָהלט זיך איהם וועט זיין גענוג אָנצוואווייזען אויף א געוויסען פאַל פון א בלינדען וועלכער איז אריינגענומען געוואָרען אין פאָרד'ס פאבריקען און איז געגעבען געוואָרען א געוויסע ארבייט וואָס איז געווען צוגעפּאסט צו איהם.

אין א טאָג ארום איז געקומען דער פאָרמאן פון יענעם דעפּארטמענט און געזאָגט אז די אנדערע צוויי וואָס האָבען מיט'ן בלינדען געארבייט האָבען מעהר ניט וואס צו טהאָן, ווייל דער בלינדער טהוט אָפּ די גאַנצע ארבייט אַליין נאָך דערצו, ציינענדיג ווי מונטער און פלייסיג ער איז.

אָט דאָס איז דער סאָרט "טשאריטי" וואָס פאָרד טהוט פאר הילפלאָזע און פאר וואָס ער וויל זיך נעהמען קרעדיט אלס פילאנטראָפּ. זאָל אָבער איינער זיין וואָס קען ניט טהאָן קיין ארבייט אין גאַנצען אָדער פאָרד זאָל פאר איהם אין זיינע פאבריקען ניט האָבען קיין ארבייט, דאַן קען יענער שטארבען אין גאס און פאָרד'ן וועט עס ניט קימערען. ער גלויבט ניט אין "צדקה"...

מארקים דערצעהלט אונז ווייטער אז פאָרד'ס טיהרען ווערען איינמאָל אָפּגעשלאָגען פון הונדערטע דעלעגאציעס וואָס קומען ביי איהם בעטען נדבות פאר טויזענדע און איינע וואָהלטהעטיגע אונטערנעהמונגען. זיי מוזען אָבער אַלע אוועקגעהן מיט ליידיגען. די טויזענדע בריעף וואָס קומען אָן ווערען דאָס רוב אפילו ניט געעפענט.

אבער לאָמיר דאָ ציטירען איינעם וואָס האָט געמאכט א ספּעציעלען אונ־פּארטייאישען שטודיום וועגען פאָרד'ס "פילאנטראָפּיע" צו זעהן ווי ברייט־הערציג" דער אויטאָמאָביל מאגנאט איז.

דער דאָזיגער וואָס האָט עס געטהאָן איז דזשאָרדזש עדוואַרד לינדאָן, וועלכער האָט מיט א קורצער צייט צוריק וועגען דעם אלעם באשריעבען אין דער "ברוקלין איגעל".

"אן אונערמיעדליכע און אין גאַנצען אומפּארטייאישע אויספאָרשונג", שרייבט מר. לינדאָן, "האָט פארפעהלט ארויסצוברענגען אפילו אן איינציגען פאַל פון ווירקליכער פילאנטראָפּיע. וואָס ווען מען שטודירט עס גרינדליכער זאָל ניט ציינען דעם עגאָאיסטישען מאָטיוו וואָס ליעגט הינטער דעם....

"איינס נאָכ'ן צווייטען זיינען די ווייט און ברייט אדווערטייזטע וואָהל־טהאטען פון פאָרד'ן אין ביזנעס און אין געזעלשאפטליכע טהעטיגקייטען אויס־געפאָרשט געוואָרען און קיין איינציגער פאַל האָט אויסגעהאלטען א שטרענגען עקזאמען. דאָס דאַרף ניט מיינען אז קיינער האָט גאָר ניט געניאָסען פון פאָרד'ן. עס מיינט אָבער יא אז קיינער האָט ניט געניאָסען פון פאָרד'ן, ווען פאָרד זעלבסט האָט דערפון גאָר ניט געהאט".

א קאנקרעטער און אויך שטויגענדערביישפיעל איז דער פארד האספיטאל אין דעטראיט. דיעזער האספיטאל איזווירקליך איינער פון די גרעסטע אין לאנד און איז געבויט געווארען פון פארד'ן. דער אויטאמאביל מאגנאט איז זעהר שטאלץ מיט דיעזען האספיטאל און זיינע פרעס־אגענטען האלטען כסדר אין אנצייגען אויף דיעזען האספיטאל ווען זיי ווילען לאזען וויסען דער וועלט אז פארד איז א גרויסער פילאנטראפ.

אבערפלעכליך הייסט עס אז פארד האט דעם האספיטאל געבויט מיט זיין אייגען געלד און האלט דעם האספיטאל אויס אויף זיין חשבון. איז דאך, דאכט זיך, שעהן און גוט. וועט אבער זיין אינטערעסאנט זיך צו באקאנען מיט די ווירקליכע פאקטען. פאר דיעזע פאקטען האבען מיר צוויי אויטאריטעטען: מארקיס'ן און דעם אויבענדערמאהנטען מר. לינדאן.

פארד וואלט קיינמאל דעם האספיטאל ניט געבויט. לכתחילה איז דער פארזוך געמאכט געווארען צו מאכען עס פאר א שטאדטישען האספיטאל. א קאמיטע פון פראמינענטע פערזאנען פון דעטראיט האבען עס זיך געהאט אונטערנומען צו שאפען דאס געלד פאר'ן האספיטאל. פארד איז צוגעצויגען געווארען צו דער קאמיטע פאקטיש געגען זיין ווילען. מען האט איהם געמאכט "טשערמאן". און פארד איז געווען א גוטער טשערמאן כל זמן מען האט געלד געשלעפט פון אנדערע. ער אליין האט זיך מיט קיין געלד ניט גערוקט. די קאמיטע איז אבער נים געווען ערפאלגרייך אין שאפען די געהעריגע סומע וואס מען האט געדארפט האבען פאר'ן האספיטאל און אין די צייטונגען פון דעטראיט און אויך אין די צייטונגען פון אנדערע שטעדט האט מען וועגען דעם פיעל געשריעבען. ספעציעל האט מען אנגעהויבען "קיבעצען" פארד'ן. סטייטש אזא עושר און אזא "פילאנטראפ". ווי קומט עס אז ער דערלעגט ניט פון זיין אייגענער קעשענע דאס וואס עס פעהלט אום מען זאל קענען אנגעהן מיט דער ארבייט? פארד האט זיך אבער ניט גערוהרט פון ארט.

ער האט אבער ענדליך דערפיהלט דעם שטארקען "קיבעץ" און האט זיך געפונען אין א פאזיציע וואס ער האט שוין מעהר ניט געקענט בלייבען מיט א פארמאכטע האנד. האט פארד דאן געגעבען דאס געלד וואס האט געפעהלט? צו טהאן דאס וואלט דאך געמיינט געבען געלד אויף א שטאדטישען האס־פיטאל. עס וואלטען דאך געווען דירעקטארען און "טראסטיעס" און פער־שיעדענע אנדערע דעה זאגער. און דאס איז געווען פונקט דער היפוך פון דעם וואס פארד קען פארטראגען. ווי אין אלעם האט פארד באשלאסען אז אויב ער גיט שוין יא געלד פאר'ן האספיטאל, מוז ער זיין דער פאלשטענדיגער בעל־

הבית פון איהם און דעם האספיטאל קאנטראלירען. דער האספיטאל מוז ווע־רען זיין פערזענליכער אייגענטהום. קיין אנדער טאר האבען א דעת.

און פארד האט געלאזט וויסען לאמר אזוי צו זאגען:

ער וועט טאקי דערענדיגען דעם האספיטאל, אבער דער האספיטאל מוז ווערען זיין אייגענטהום און ער האט געשטעלט דעם באדינג, אז אויב די אלע אנדערע וואס האבען געגעבען געלד פאר'ן האספיטאל ווערען זיין וויליג צו צוריקנעמען וואס זיי האבען געגעבען דאן וועט ער דעם האספיטאל איבערנעמען פאר זיך. און אזוי האט פארד פארענדיגט דעם האספיטאל אלס דער "פארד האספיטאל".

האט פארד דא אפשר געוואלט צייגען אז ער קען אלעס טהאן אליין און וויל האבען די פולע מצוה צו זיין קרעדיט?

ניין. פארד האט שוין דא געזעהען ווי אזוי דער האספיטאל קען ווערען א גלענצענדע "אינוועסטמענט". דאס געלד וואס ער האט אריינגעלעגט וועט ניט געהן לאיבוד. עס וועט זיך צאהלען. און ער האט זיך געמאכט אלס זיין אויפגאבע צו מאכען דעם האספיטאל עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג.

און עס איז ארויסגעגעבען געווארען דער באפעהל אז דער האספיטאל מוז זיך צאהלען און מען האט געמאכט אז דער האספיטאל צאהלט זיך טאקי.

דער האספיטאל האט אנגעהויבען פארוואלטעט ווערען אויף דעם זעלבען קאלט־בלוטיגען און אויסגערעכענטען און אונ'ברחמנות'דיגען שטייגער ווי די פארד פאבריקען. קיין פאציענט ווערט ניט אריינגענומען סיידען דאס געלד ווערט באצאהלט אין פאראויס. אויב יעמאנד האט ניט צו באצאהלען, קען ער אין האספיטאל ניט אריינקומען.

ווען א רוף קומט פאר אן אמבולאנס ווערט צוזאמען מיט'ן אמבולאנס געשיקט אן "אינוועסטיגייטאר". דער דאזיגער אינוועסטיגייטאר אונטערזוכט דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דעם חולה, ווען דער לעצטער ווערט געבראכט אין האספיטאל, גיט מען איהם א רעכענונג וואס ער מוז באצאהלען. די פרייזען זיינען גלייכע פאר אלעמען, אבער זיי זיינען אזעלכע וואס אן ארבייטער אדער אזוי איינער וואס איז ניט קיין גרויסער פארדיענער, קען עס ניט "אפארדען".

און פארגעסט ניט, אז דער האספיטאל איז געבויט געווארען אלס אן אנ־שטאלט פאר ארימע און דארף נאך איצט אויך הייסען דער האספיטאל פאר די ארימע.

אבער פאר ארימע אדער ניט, פארד מוז זיין געזיכערט פון "ביזנעס" שטאנדפונקט מיט זיין קאפיטאל און די פרייזען מוזען דארום זיין הויכע, און נאר די וואס קענען צאהלען קענען דארום קריגען די מעדיצינישע הילפע וואס

דער האָספּיטאַל אַפּערט. וואָס זאָלען טהאָן די אָרימע? דאָס איז ניט פאָרד'ס עסק. ער "גלויבט" דאָך ניט אין "טשאַריטי"...

דאָן האָט דער האָספּיטאַל אַן אנדער "מַעלה" וואָס איז ווידער כאַראַק־טעריסטיש פון דעם אנטיסעמיטישען אויטאָמאָביל־מאַגנאַט. קיין אנדערע, אויסער ווי די סטאַף־דאָקטוירים און געוויסע "וויזיטינג" דאָקטוירים, קענען פונקציאָנירען אין האָספּיטאַל. דיעזע אַלע דאָקטוירים זיינען נאַטירליך די יעניגע וואָס זיינען באַשטימט און אויסגעקליעבען געוואָרען פון פאָרד'ן. אויב יעמאַנד וויל אהין לאָזען רופען זיין אייגענעם דאָקטאָר אָדער איינעם אין וועל־כען ער האָט צוטרויען, טאָר ער ניט. פאָרד האָט דעם האָספּיטאַל, "סטאַנדאַ־רייזירט", ווי ער האָט עס געטהאָן מיט זיינע אויטאָמאָבילען.

דאָס איז אָבער אַלץ מיט אנדערע. פונקט ווי ער, פאָרד אַליין, פאָהרט ניט אין זיין אייגענעם בּיליגען "פאָרדעל", אַזוי ווען עס זיינען קראַנק געווען מיטגליעדער פון זיין אייגענער משפּחה, איז ערלויבט געוואָרען צו רופען אַנ־דערע דאָקטוירים. פאַר אנדערע איז עס אָבער פאַרבאָטען.

אָט דאָס איז דער האָספּיטאַל וואָס פאָרד האָט געבויט און פאַר וועלכען זיינע פּרעס־אַגענטען מאַהנען גרויס קרעדיט פאַר'ן "פילאַנטראָפּישען" אויטאָ־מאָביל מאַגנאַט. עס איז דער בעסטער ביישפּיעל פון פאָרד'ס פילאַנטראָפּיע.

"אויב איך שטיץ דיעזען האָספּיטאַל דאַן מוז איך איהם קאָנטראָלירען", האָט פאָרד אַמאָל געזאָגט צו מאַרקיס'ן. און דאָס איז וואָס פאָרד טהוט מיט אַלעם פאַר וואָס ער גיט, אויב ער גיט אין גאַנצען.

צוערשט מוז עס זיין זיינע. ער מוז עס קאָנטראָלירען. צדקה מיינט דאָך אָבער אַוועקגעבען, און דאָס איז פונקט דער היפּוך פון דעם וואָס פאָרד וויל. ער קען זיך מיט קיין געלד ניט שיידען און דערפאַר קען ער ניט געבען קיין זאַך אויף צדקה. דאַן האָט ער דעם כּלל אַז יעדעם מוז זיך באַצאָהלען. יעדעם מוז זיך אויסהאַלטען זעלבּסט. אַלעם מוז זיין פּראַקטיש פון אַ געַ־שעפטס־שטאַנדפּונקט, מעג עס זיין אַ פאַבריק אָדער אַ האָספּיטאַל.

מאַרקיס דערצעהלט אַז די אַפּיעלען וואָס ווערען יעהרליך געמאַכט צו פאָרד'ן פאַר וואָהלטהאַט באַטרעפען אַ סומע פון פיער מיליאָן דאָלאַר. ווען פאָרד וואָלט געווען דער אמת'ער בעל צדקה וואָלט ער, לויט זיין פאַרמעגען און לויט זיינע איינקינפטע, געקענט געבען נאָך פיעל מעהר ווי דיעזע פיער מיליאָן דאָלאַר און דאָס זאָל אפילו ביי איהם זיך ניט אָנזעהן. פאָרד האָט אָבער פאַרשטאָפּט זיינע אויערען און פאַרשטעלט זיינע אויגען און הערט ניט די אַפּיעלען און זעהט ניט די נויטה, און ווען מען רעדט צו איהם לאַכט ער מיט אַ מעפיסטאָפעלישען געלעכטער און זאָגט אַז ער "גלויבט" ניט אין "טשאַריטי"...

## 13 — פֿערד'ס אומוויסענהייט

**איז געגליבען דער פּראָסטער פֿארמער וואָס ער איז געווען. — פּרובירט אמאָהל לעזען א ביכעל אָבער מוז אלע ווילע אריינקוקען אין "דיקשאָנערי". — ווי ער האָט געצייגט זיין אומוויסענהייט פֿאר דער גאנצער וועלט. — געאָרג בראנדעס'עס מיינונג וועגען פֿערד'ן.**

דערפֿאר וואָס העברי פֿערד איז געבארען און ערצויגען געוואָרען אויף א פֿארם ווילען זיינע חסידים איהם פֿארגלייכען מיט די אלע ווירקליך גרויסע מענשען וועלכע אמעריקא האָט ארויסגעגעבען און וועלכע זיינען געבארען געוואָרען אויף פֿארמס. מאנכע וואָגען זאָגאר צו פֿארגלייכען דעם אנטיסעמיט פֿון "דיערבאָרן" צו אייבראהאם לינקאָלן, איינער פֿון אמעריקא'ס גרעסטע גייסטער. זיי פֿארגעסען, אָדער פֿארלייקענען, דעם פֿאקט, אז די אלע גרויסע מענשען וואָס זיינען געקומען פֿון פֿארמס האָבען זיך געהאָט אויפגעהויבען הויך איבער זייער סביבה און האָבען אפּטמאָהל מיט זייער אייגענעם פֿליים זיך ערוואָרבען א גרויסע בילדונג. לינקאָלן, צום ביישפּיעל, איז ניט נאָר געוואָרען גרויס אין גייסט, נאָר איז דורך שווערער ארבייט און אפּפּערוויליגקייט געוואָרען א גרויסער דענקער, געלעהרטער און פּאָליטיקער.

אונזער איצטיגער פּרעזידענט קולידזש איז אויך א "פֿארמער". ער האָט אָבער גענאָסען א גרויסע בילדונג, האָט דורכגעמאכט איינע אוניווערזיטעטען. פֿאָרד איז אָבער געווען און איז געבליבען דער פּראָסטער און אומוויסענדער פֿארמער וואָס ער איז געווען. ווען ניט פֿאר זיינע עשירות וואָלט פֿאָרד נאָך איצט אויך ניט געווען העכער פֿון דעם געוועהנליכען פֿארמער וועלכער קען קוים אונטערשרייבען זיין נאָמען און וועלכער קען קוים "דורכבראָדזשען" א צייטונג און מוז א צעהנדליג מאָל זיך כאפּען צום "דיקשאָנערי" אײדער ער קען דורכלעזען א זייטעל אין א בוך.

פֿאָרד איז געגאנגען אין סקוהל אפשר ביז א יאָהר 17, ווי אלע פֿארמער "באָיעס", אָבער ווי זיינע אייגענע ביאָגראפֿערס דערצעהלען, האָט ער זיך דאָרט גאָר ניט אויסגעלערנט. די גאנצע לעהרע איז בעשטאנען אין אביסעל לעזען און שרייבען. פֿאָרד האָט אָבער זאָגאר דיזע קליינע תורה זיך ניט אויסגעלערנט ווי עס בעדארף צו זיין. זיינע ביאָגראפֿער פֿארזיכערען אונז, אז דאָס איז געווען דערפֿאר וואָס זיין מח איז אימער געווען פֿארנומען מיט מעכאנישע זאַ־

כען. פאַרד, צום ביישפּיעל, פלעגט נאָר וועלען בויען און "מייסטערווערן" און האָט אימער געזוכט דעם סוד פון דעם זייגער וואָס, ווי זיינע ביאָגראַפערס אליין גיבען איבער, ער האָט נאָך ניט געוואוסט ווען ער איז שוין געווען א בחור פון א יאָהר 17, וואָס ציינט אגב אז פאַרד האָט אפילו נים ארויסגעצייגט קיין אמת'ע מעכאַנישע פעהיגקייטען. זיינע מעכאַנישע פעהיגקייטען האָט מען נאָר געקענט זעהן אין דעם וואָס ער האָט אימער געוואוסט ווי צו פערריכטען אן אקער און אנדערע פאַרם אינסטרומענטען.

פאַרד האָט שפּעטער קיינמאָל זיך ניט געזוכט צו בילדען און צו באַריי־כערען זיין וויסען און איז עד היום געבליבען אומוויסענד ווי ער איז עם אימער געווען.

מארקים דערצעהלט אז פאַרד כאַפּט זיך אמאָל לעזען א ביכעל און קוקט זאָגאָר אמאָל אריין אין עמערסאָן'ס שריפטען. אָבער ווי ער האָט אליין זיך מודה געווען, איז ער אויף עמערסאָן'ן שטארק ברוגז ווארום ער קען קוים איבער־לעזען א שורה און ניט דארפען אָנקומען צום "דיקשאָנערי".

אָבער דער זעלבער מארקים בעט, אז מען זאָל ניט קריגען דעם איינדרוק אז פאַרד איז א גרויסער לעזער פון ביכער אָדער פון וואָס ניט איז. ער האָט פיינט בילדונג און לאכט פון די געבילדעטע.

מארקים באַמערקט אז פאַרד איז אפשר ניט דער איינציגער פּראָסטאַק צווישען די אמעריקאַנער אויפגעקומענע עשירים. דער אונטערשיעד איז אָבער וואָס יענע ווייסען אז זיי זיינען גראָבע יונגען און אויב זיי וועלען עס ניט וועלען ארויסציינען פאַר דער וועלט וועלען זיי אָבער ניט זוכען ארויסצוזאָגען מיינונגען וועגען ענינים וועגען וועלכע זיי האָבען ניט קיין אהנונג. פאַרד'ס חוצפּה גרייכט אָבער אזוי ווייט דאָס ער זאָגט ארויס מיינונגען וועגען אלעם אין דער וועלט, און דער עיקר, ער דענקט אז ער איז עם קאָמפּעטענט צו טהאָן. און אין דעם ליגט טאקי די געפאהר, הויפּטזעכליך ווען די דרויסענדיגע וועלט פערגעסט גאָר אָפּט, אָדער ווייס עס אין גאנצען ניט, אז פאַרד איז אומוויסענד און קען דארום ניט זיין קאָמפּעטענט צו ריידען וועגען אירגענד וועלכע פראַגע מיט אינטעליגענץ.

און אַט דער אומוויסענדער פאַרד וואָגט זאָגאָר ארויסצוזאָגען א מיינונג וועגען דער ביבעל און וועגען טויזענדער אנדערע ענינים. פאַרד האָט, צום ביישפּיעל, שוין געהאט זיך ארויסגעזאָגט אז די ביבעל דאַרף איבערגעשריבען ווערען. אָבער אין דיזען פאַל האָט ער אפשר נאָך קלעהרער ארויסגעצייגט זיין פּראָסטקייט. פאַרד האָט געוואָלט אז די ביבעל זאָל איבערגעשריבען ווערען אין א לייכטערע און מעהר פערשטענדליכע שפּראַך. יאָ, די איצטיגע ענגלישע איבערזעצונג פון דער ביבעל איז פאַר דעם פּראָסטען פאַרמער ווי פאַרד איז, צו

שווער און צו הויך... אגב לאָמיר דאָ אויך פערטרויען א סוד אז דאָס איז אויך געווען ניט מעהר ווי א שפּיצעל פון זיינע פּרעס־אגענטען צו געבען פאָרד׳ן פרייע ״פּובליסיטי״. ווארום צו ריידען וועגען איבערשרייבען די ביבעל איז אן עניין וואָס רופט ארויס דיסקוסיעס און פאָרד איז צוליעב דעם ברייט און ווייט אדווערטייזט געוואָרען.

פאָרד׳ס אומוויסענהייט גרייכט אָפּטמאָל צו לעכערליכקייט. מארקיס גיט איבער א פאַקט וועגען דעם אנטיסעמיטישען אַטאָמאָביל מאגנאַט וואָס דאַרף איינמאָל פאר אלע מאָל איהם צונאָגלען אלס א פּראָסטער דאַרפס־פּויער, וועל־כער טראָגט זיך ארום, אָדער האָט זיך געהאט ארומגעטראָגען, מיט די באָגרי־פען פון הונדערט אָדער מעהר יאָהר צוריק.

ווען ער האָט נאָך געהאט זיינע שותפים, אין די ערשטע יאָהרען וואָס זיינע אַטאָמאָבילען האָבען אָנגעהויבען צו געהן, האָט פאָרד בשום אופן ניט געוואָלט צושטימען אז דאָס געלד וואָס די קאָמפּאניע קריגט אריין זאָל געלעגט ווערען אין א באַנק. פאָרד האָט אַנדערש ניט געוואָלט ווי אז די קאָמפּאני זאָל זיך אויסבויען א גרויסען און שטאַרקען געוועלב און דאָרט פארבאַהאַלטען דאָס געלד.

״עס וועט קלינגען אומגלויבליך״, שרייבט מאַרקיס, ״צו דערצעהלען אז פאָרד, וועלכער ווערט געהאַלטען אלס א מאָדערנער צויבערער פון פינאַנץ, האָט געקענט זיין אזוי אונפּראַקטיש, אזוי אונוויסענד וועגען זאַכען וועגען וועל־כע ער שיינט איצט שוין צו זיין גוט אינפאָרמירט, צו פערלאַנגען צו בויען א געוועלב אין דער פאַבריק וואו מען זאָל האַלטען די ריוחים״.

פאָרד, דער פּראָסטער פאַרמער, האָט מורא געהאַט פאַר די בענק און האָט געוואָלט בעסער האַלטען געלד באַגראָבען אָדער אין זאַק אָדער אזוי ערגעץ בע־האַלטען . . .

פאָרד ווייס שוין איצט מעהר וועגען דיזע ענינים. ער ווייס שוין וועגען פּראָצענט און וועגען מאַכען געשעפט מיט געלד, וועלכע ער קען ניט פאַר־ברויכען. אָבער די אומוויסענהייט פון דעם פאַרמער איז נאָך ביי איהם פאַר־בליבען און דער האָס צו בענק טראָגט ער נאָך עד היום. מיט דעם ערקלעהרט זיך אפשר דער פאַקט וואָס ער איז אזוי פאַרביסען געגען די באַנקירען און גראָדע די אידישע באַנקירען, אָבוואָהל ער אליין איז שוין לאַנג געוואָרען א באַנקיר. אָבער וואָס אַנבעלאַנגט זיין איצטיגען האָס צו די באַנקירען איז עס אפשר מעהר פּאָזע ווי עפּעס אַנדערש. פאָרד וויל צייגען, אז נאָר ער איז דער ווירקליכער פּראָדוצירער און ניט די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען, ספּעציעל די באַנקירען. א שטיק אומוויסענהייט שטעקט דאָ אָבער אין דעם אַלענפאַלס, ווי עס שטעקט אויך

א שטיק אומוויסענהייט אין זיין בלומרשט'ער נייער טהעאָריע, אז מען דאַרף דעם געלד־סיסטעם שטעלען אויף א גאַנץ אַנדער באזיס ווי גאָלד.

פאָרד'ס אומוויסענהייט איז געצייגט געוואָרען פאַר דער וועלט ווען דער אַטאָמאָביל מאַגנאַט איז גענומען געוואָרען אויפ'ן קרייץ־פאַרהער ביי דעם פּראָצעס וואָס ער האָט געהאַט פאַרפיהרט מיט עטליכע יאָהר צוריק געגען דער שיקאַגאָ "טריביון". די "טריביון" האָט פאָרד'ן, אין א לייט־אַרטיקעל, אַנגערופען אַנאַרכיסט. פאָרד האָט די צייטונג פאַרקלאָגט פאַר שאַדענערזאַץ, און אויף אזא אופן האָט דאָס לאַנד געהאַט צום ערשטען מאָל די געלעגענהייט צו זעהען פאָרד'ן אויפ'ן עדות־שטוהל אין א געריכט.

פאָרד האָט זיך אַרויסגעצייגט אזוי אומוויסענד דאָס ער האָט ניט געוואוסט ווען דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער קריעג איז פאָרגעקומען. ער האָט אויך ניט געוואוסט דעם אונטערשייד צווישען אַרנאָלד בענעט און בענעדיקט אַרנאָלד. פאָרד האָט אויך ניט געקענט ענטפערען אויף פיעלע אַנדערע פראַגען אויף וועלכע יעדער אַמעריקאַנער סקוהל קינד קען ענטפערען און פאַר וואָס אַן אויסלענדער וואָס וואָלט אויף זיי ניט געקענט ענטפערען וואָלט אויסבראַקירט געוואָרען פון ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער.

אָבער דיזער אומוויסענדער פאַרמער דענקט איצט אַז ניט נאָר איז ער א גוטער אַמעריקאַנער בירגער, נאָר אויך אַז ער איז ראוי צו זיין דער פּרעזידענט פון לאַנד, און טויזענדע און מיליאָנען זיינען אזוי פאַרבלענדט, אַז זיי מיינען אויך אַז פאָרד איז פּאַסענד צו זיין פּרעזידענט, און האָט דעם נויטיגען וויסען און די געהעריגע פעהיגקייט צו פיהרען אזא רעפּובליק ווי די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

אין פאַרבינדונג מיט פאָרד'ס פּראָצעס געגען דער שיקאַגאָ "טריביון" דערצעהלט ע. ג. פּיפּ, אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען ווי אזוי פאָרד'ס לאַיער האָט פּרובירט קנעלען מיט זיין קליענט אום איהם אַריינצוהאַקען אין מח איניגע פאַקטען וועגען דער היסטאָריע פון אַמעריקאַ.

פּיפּ דערצעהלט ווי אזוי פאָרד'ס שפּיאָנען זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען אויסצוגעפינען וואָס די לאַיערס פון "טריביון" פּלאַנען צו טהאָן און זיי זיינען געקומען מיט'ן רעפּאָרט, אַז זיי האָבען בדעה פאָרד'ן צו נעהמען אויפ'ן צימבעל און איהם שטעלען פראַגען וועגען דער געשיכטע פון אַמעריקאַ, כדי צו צייגען פאַר דער דזשורי זיין אומוויסענהייט. דאָס, אגב, צייגט ווי פאָרד באַגעהט זיך אין ערגיץ ניט אָהן זיינע שפּיאָנען.

פאָרד'ס לאַיער האָט זיך דאַן גענומען צו דער שווערער אויפגאַבע פון קנעלען מיט פאָרד'ן, און פּיפּ דערצעהלט דערביי פון העכסט קאָמישע עפּיזאָדען. פאָרד פלעגט זיך בריקען ווי א חדר־אינגעל ווען דער רבי וויל איהם אַריינקלאַפּען

אין קאפ א פרשה חומש אדער א שטיקעל חיי אדם. פארד האט עם בשום אופן ניט געקענט באנעהמען און עם טאקי ניט געוואלט באנעהמען.

אזוי איז פארד, ווי מיר וויסען שוין פון פריהערדיגע קאפיטלעך, א גאנץ קנאפער פריינד פון באזוכער. דאן אבער ווען דער לאיער האט איהם געהאל־טען אויפ׳ן בענקעל און מיט איהם געקנעלט וועגען היסטאריע, פלעגט פארד מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט אויפנעהמען יעדען איינעם וואס פלעגט נאר אז עפען טהאן די טהיר פון דעם צימער וואו דער לאיער האט איהם געהאלטען.

”אה, קומט נור אריין, זעצט זיך!“ פלעגט פארד אויסרופען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט. דער דאזיגער וואס איז אזוי פון פארד׳ן איינגעלאדען געווארען, פלעגט עס נאטירליך האלטען פאר א גרויסע עהרע און ער האט שוין אודאי געהאט געמיינט, אז פארד האט פלוצלינג אויף איהם אז אויג געווארפען און וויל איהם גליקליך מאכען. אין דער אמת׳ן איז עס בלויז געווען פאר פארד׳ן אז אויסרייד זיך צו בעפרייען פון דעם לאיער, וועלכער איז בעשטאנען אז ער מוז איהם אריינקלאפען אין קאפ געוויסע פאקטען וועגען אמעריקא׳ס פערגאנ־גענהייט. ווען דער לאיער האט דערזעהען אז עס האלט שלעכט און פארד וועט זיך גאר ניט אויסלערנען, האט ער אנגעזאגט, אז קיינער זאל ניט וואגען אריינצוקומען אין צימער. דאס האט אבער אויך ניט געהאלפען. פארד פלעגט אלע ווייל אויפשפרינגען פון שטוהל, צולויפען צום פענסטער און זיך פארקוקען ווי א צובאלעוועטער חדר־אינגעל.

דער קאמישער ספעקטאקעל וואס פארד האט מיט זיך פארגעשטעלט אין געריכט וויסען מיר שוין. פארד האט דארט געהאט די חוצפה צו ערקלעהרען, אז היסטאריע איז נארישקייט. ער האט פאראיינס אויך ארויסגעזאגט דעם אמת, אז ער פערזענליך קען זיך גאנץ גוט באגעהן ניט וויסענדיג קיין זאך. ער דארף בלויז א פייף טהאן און האבען צו זיין דיענסט אלע געלעהרטע און עקספערטען. פארד האט מיט דעם קלאהר געמאכט אז ווען מען האט מיליאנען קען מען אלעס טהאן און זיך אלעס פערגינען, זאגאר צו זוכען ווערען פרעזידענט.

אט דיזע עקספערטען האבען עס טאקי פארד׳ן געהאלפען פארבלענדען אלעמענס אויגען און פארבאהאלטען פאר דער וועלט זיין אמת׳ע אומוויסענהייט. דיזע עקספערטען זוכען איצט אויך צו מאכען דעם איינדרוק, אז פארד איז פא־סענד פאר׳ן פרעזידענטען־שטוהל.

אן אינטערעסאנטע אפשאצונג וועגען פארד׳ס דומהייט און אומוויסענהייט האט געגעבען דער וועלט־בעריהמטער אידיש־דענישער ליטעראטור־קריטיקער געארג בראנדעס. די מיינונג האט בראנדעס געהאט ארויסגעזאגט צו דעם

אידיש־ענגלישען זשורנאליסט חערמאן בערנשטיין, וועלכער האט אונז דיזען פאקט איבערגעגעבען.

דאס איז געווען ווען בערנשטיין איז אנגעקומען אין דענעמארק מיט פאָרד׳ס "פריעדענס־שיף". בערנשטיין האט זיך געטראָפען מיט בראנדעס׳ן אין קאָפּענהאגען.

"איך האב אימער געגלויבט", האט בראנדעס געזאגט, "אז אמעריקאנער מיליאנערען זיינען קלוגע און פערשטעהען די מענשליכע נאטור, אבער אז זיי ווערען פארפיהרט פון זייערע אדוואקאטען. אבער הענרי פאָרד איז פאר מיר א רעטעניש. אויב מען וואלט געגעבען א פרייז פאר דומהייט, וואלט דענעמארק דיזען פרייז געקענט געווינען, אבער מיר האבען קיינעם ניט אין דענעמארק וואס זאל זיין אזוי נאאיוו ווי אייער הענרי פאָרד.

"אלע מענשען מיט פערשטאנד זיינען פאר פריעדען, אבער ניט אלע וואס זיינען פאר פריעדען האבען פערשטאנד. הענרי פאָרד׳ס עקספּעדיציע האט אין דער אמת׳ן געשאדעט די פריעדענס אידעע, ווארום איצט וועלען אלע בלויז שמייכלען ווען פריעדען וועט דערמאָהנט ווערען". אט אין דיזער ליכט איז פאָרד געזעהן געוואָרען פון איינעם פון די גרעסטע דענקער וואס די וועלט פאַר־מאָגט. אט אזא איינדרוק מאכט דער אומוויסענדער פאָרד אויף מענשען מיט ווירקליכער אינטעליגענץ און מיט געשמאק און מיט א באגריף פון די העכערע ווערטהען אין לעבען.

דאס פראקטישע לעבען האט פאָרד׳ן פיעל געלערנט וואס אנבעלאנגט די געשעפטס־וועלט, הויפּטזעכליך זיינע אייגענע געשעפטען. אין אלגעמיין און אויסער זיינע געשעפטען, איז ער נאך אלץ דער זעלבער וואס ער איז אימער געווען, און מעגליך נאך אומוויסענדער ווי אימער, ווייל איצט איז ער שוין פאלקאם איינגעגלויבט אין זיך און אין זיינע דומהייטען.

פאָרד טראָגט זיך נאך אלץ ארום מיט דער אידעע פון א מעכאנישע קוה, פונקט ווי ער האלט נאך אין עקספּערימענטירען מיט סטריט קארס וואס זאלען לויפען אויף געזאלין, און קליינע לאָקאָמאָטיווען וואס זאלען שלעפּען גרויסע צוגען.

פאָרד האט די אידעע וועגען א מעכאנישע אדער קינסטליכע קוה נאך פון דאן ווען ער איז געווען א פארם־אינגעל און האט געטראכט ווי גוט עס וואלט געווען אז מען זאל האבען א מאשין וואס זאל געבען מילך און מען זאל ניט דארפען קארמענען קיין קיה, ניט דארפען זיי געהען מעלקען, א. ז. וו.. דער ערפאלג וואס ער האט געהאט מיט זיין אטאמאביל מאכט איהם איצט צו גלויבען,

אז אויך זיינע אנדערע אידעען זיינען פראקטיש און דורכפיהרבאר און קיינער קען איהם גאר ניט איבערציייגען אז ער איז אומגערעכט, אפילו ניט די עקספע־רימענטען וואס ווערען געמאכט אין זיינע לאבאראטאריעס.

און אט דיזער אומוויסענדער מענש וואגט ניט נאר ארויסצוזאגען מיי־נונגען וועגען אלעס אין דער וועלט, נאר לאזט אויך אונטער זיין אויפזיכט ארויסגעבען ביכער און שרייבען ארטיקלען און ארויסגעבען אינטערוויוס, און די וועלט קריגט דעם איינדרוק, אז פארד האט ניט נאר וואס צו זאגען און לערנען די וועלט נאר קען טאקי די קונסט פון שרייבען און וייס ווי זיינע געדאנקען און לעהרען איבערצוגעבען דורכ'ן געשריבענעם ווארט.

דער "דיערבארן אינדעפענדענט" גיט וועכענטליך אן אבטיילונג וואס רופט זיך "פארד'ס אייגענע פיידזש". די געזאמעלטע ארטיקלען פון דיזער "פיידזש" זיינען שוין ארויסגעגעבען געווארען אין א בוך, און עס דארף הייסען, אז פארד איז צו אלע מעלות אויך א פערפאסער פון ביכער. פארד האט איצט אויך ארויסגעגעבען א ספעציעלען בוך אין וועלכען ער פרובירט ארויסזאגען פילא־זאפישע געדאנקען און געבען אלעמען עצות. אט אזוי האלטען זיינע געדונגענע פרעס־אגענטען אין שיטען די וועלט זאמד אין די אויגען און א פארווך צו פארבאהאלטען פארד'ס אומוויסענהייט.

# 14 — פארד'ס פראפאגאנדא מאשין

**45,000 באצאהלטע אגענטען פארקויפען ניט נאר פארדס אטאמאבילען נאר האלטען אויך אין "בומען" איהם פאר פרעזידענט. — ווי פארד האט ארויפגעלייגט א צוים אויף דער פרעסע. — זיין כונה אין איבערנעהמען דעם "דירבארן אינדעפענדענט".**

פון דעם וואס מיר האבען שוין ביז אהער געשריבען וועגען הענרי פארד און זיין טהעטיגקייט, האט דער לעזער קלאר געזעהן אז דער "לייט־מאטיוו" פון דעם אטאמאביל מאגנאט'ס קאריערע איז "פובליסיטי" — פרייע און ניט באצאהלטע "פובליסיטי". אין אנדערע ווערטער — פראפאגאנדא, און פראפאגאנדא פון דעם סארט וואס שיט זאמד אין די אויגען, וואס קאלירט די פאקטען אדער פאבריצירט זיי אין גאנצען.

איצט ווילען מיר דעם לעזער אביסעל נעהענטער באקאנען מיט פארד'ס פראפאגאנדא מאשין. ווארום מען קען קיינמאל ניט וויסען דעם פולען אמת וועגען פארד ניט צו זיין בעקאנט מיט דער מאשינעריע — די אונטער־אירדישע מאשינעריע — וואס איז בעשאפען געווארען צו פערשפרייטען פראפאגאנדא וועגען הענרי פארד, צו דאס איז מיט דער כונה צו אדווערטייזען די "פארדלעך" אדער צו בומען פארד'ן פאר פרעזידענט.

אימיצער האט אמאל געזאגט אז פארד איז דער "נאפאלעאן" פון אינדירעקטער פראפאגאנדא. דאס וואס ווערט געזאגט און געשריבען וועגען הענרי פארד, קומט זעלטען דירעקט פון איהם. אלעס קומט צו דער פרעסע און צום פובליקום אינדירעקט. ווארום פארד האט שוין לאנג אויסגעפונען אז צו פארשפרייטען פראפאגאנדא וועגען זיך אינדירעקט איז א פיעל בעסערע מעטאדע ווי דאן ווען דאס קומט דירעקט. ווייל דער עולם קען זיך נאך כאפען אז דאס איז פראפאגאנדא, "פובליסיטי", און אנהויבען צווייפלען אין דעם אמת פון דעם וואס ווערט געשריבען און דערצעהלט.

און מיט דעם אונטערשיידט זיך טאקע דער אדווערטייזער פון דעם פראפאגאנדיסט. דער אדווערטייזער, אויסער וואס ער בעצאהלט פאר אדווערטייזען זיך, נעהמט ער אויף זיך די פולע פעראנטווארטליכקייט פאר דעם וואס ער זאגט. מען זעהט פון וועמען דאס קומט. מען וויים וועמען צו האלטען פעראנטווארטליך. דער אדווערטייזער קען אמאל איבערטרייבען, אבער אויב

ער וויל ווירקליך געווינען דעם צוטרויען פון פובליקום, דאן מוזען אלע פאקטען וואס ווערען אנגעגעבען, זיין באזירט אויף דער ווירקליכקייט. דער פראפאגאנדיסט, און דער עיקר דער אינדירעקטער פראפאגאנדיסט, קען זיך ערלויבען אלע ליגענס און שווינדלערייען איינפאך דערפאר וואס ער ציינט זיך קיינמאל ניט ארויס אלס דער דאזיגער וואס טראגט די פעראנטווארטליכקייט פאר דעם אלעם וואס ווערט געזאגט און געשריבען. ער קען זיך דאן ערלויבען אלעס וואס אין דער וועלט, און אויב ער פאלט אמאל אריין, דאן קען ער גלייך ארויס מיט אן אפלייקענונג. דיזער מין פראפאגאנדיסט איז אימער אויף דער זיכערער זייט. ער איז דער "פאראזיט" פון דער אמעריקאנער פרעסע, לעבט אויפ'ן קהל'שען חשבון און לאכט טייפליש פון אלעמען.

די פארד פראפאגאנדא מאשין איז נאך בעשאפען געווארען מיט יאהרען צוריק אום צו פארנעהמען דעם פלאץ פון דעם פארד אדווערטייזינג דעפארטמענט. פארד איז אמאהל געווען א גרויסער אדווערטייזער. ער האט אבער מיט אמאל איינגעזעהן אז עס וועט זיין "פראקטישער" און אפשר אויך ביליגער צו געווינען זיך פלאץ אין די צייטונגען דורך "פובליסיטי" איידער דורך בעצאהלטע אדווערטייזמענטס, און א בעוואוסטער "פובליסיטי"-אגענט איז נעדונגען געווארען, וועמעס אויפגאבע איז געווען צו קריגען פאר פארד'ן פלאץ אין די נייעס שפאלטען פון די צייטונגען אנשטאט צו צאהלען פאר אדווערטייזמענטס.

און אזוי האט עס זיך אנגעפאנגען א סדרה פון פראפאגאנדעווען. דאס האט געפאדערט א נייע טאקטיק, נייע מעטהאדען און נייע מיטלען. א גרויסע און מעכטיגע פראפאגאנדא מאשין האט געמוזט געשאפען ווערען. מען האט געמוזט אנהויבען פארשפרייטען געשיכטעס וועגען פארד'ן און זיי אריינגעבען אין די צייטונגען, און דאס האט געווירקט, ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהן, אויף אזוי וויים דאס עס איז בעשאפען געווארען א לעגענדע. פארד האט אויף אזא אופן ניט נאר בעקאנט געמאכט זיינע אטאמאבילען, נאר אויך זיך זעלבסט. אויסער די "פארדלעך" איז אויך פארד זעלבסט געווארען בעריהמט. די פראפאגאנדא איז אלזא געווען ווירקזאמער און בעסער ווי געוועהנליכע בעצאהלטע אדווערטייזמענטס.

אין פערלויף פון אייניגע יאהר איז פארד געווארען א "נאציאנאלע" פיגור, א דאנק אט דיזער פראפאגאנדא, און ווען ער איז שוין געווען בעריהמט, איז דאס איבריגע שוין געווען לייכט. פארד האט שוין זאגאר געקראגען די אמביציע צו ווערען פרעזידענט.

אבער ווי ארבייט די פארד פראפאגאנדא מאשין? פארד האט אין לאנד

ניט ווייניגער פון 9000 אויטאָריזירטע אגענטען. יעדער אגענט האט אונטער זיך אין דורכשניט ניט ווענ'גער פון פיער אנגעשטעלטע, וואָס מיינט, אז פאָרד האט אונטער זיך אן ארמיי פון 45,000 מאַן. דיזע ארמיי האט די אויפגאבע צו פערקויפען פאָרד'ס אַטאָמאָבילען. עס איז שוין אָבער בעוויזען געוואָרען, אז אויסער פערקויפען "פאָרדלער" האבען זיי אויך די אויפגאבע צו "בומען" פאָרד'ן.

דיזע אלע אגענטען זיינען די אַדערען דורך וועלכע עס צירקולירט די פאָרד־פּראָפּאגאנדא איבער'ן לאנד און וועלכע זיינען איצט די הויפּט פאקטארען אין "בומען" פאָרד'ן פאַר פּרעזידענט.

פאָרד האט א גרויסע צאָהל רייזענדע אגענטען איבער'ן לאנד. זיי אלע פאָהרען אָפיציעל צו באַקאַנען די פארמערס און די מאסען מיט די פאָרד־פּראָדוקטען, די אַטאָמאָבילען, די "טראַקטאָרס" און די "טראַקס". פּראַיינס האלטען זיי אָבער אין פּראָפּאגאנדירען וועגען פאָרד'ס גרויסקייט. אויסער ביזנעס האבען זיי אויך א פּאָליטישע מיסיאָן.

אָפיציעל דאַרף עס הייסען, אז פאָרד האלט ניט אויס קיינע "פּובליסיטי"־אגענטען, קיינע פּראָפּאגאנדא־דעפּארטמענטס. מען ווייס אָבער, אז פאָרד האלט אויס גרויסע "פּובליסיטי" - ביוראָס אין דעטראָיט, ניו יאָרק, וואשינגטאָן, שיקאַגאָ און פיעלע אנדערע שטעדט. איהר קענט בשום אופן ניט אויסגעפינען אָפּיצעל ווער עס זיינען זיינע אגענטען, ווער עס ארבייט פאַר איהם.

ליעבאלד, פאָרד'ס רעכטע האנד, הייסט אָפיציעל פאָרד'ס סעקרעטער מען ווייס אָבער, אז זיין הויפּט־ארבייט באַשטעהט אין אנפיהרען די פּראָפּאַגאנדא־מאשין און איצט דעם פאָרד־"בום" פאַר פּרעזידענט. דיזער ליעבאלד האט עס אויך געהאט אָרגאניזירט די גאנצע אנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאנדא וואָס פאָרד פיהרט אַן זייט יאָהרען.

די פּראָפּאַגאנדא ווערט אנגעפיהרט מיט אזא פּאָלקאָמענהייט וואָס האט צו זיך קיין פארגלייכען ניט. קיין רעגירונג אין דער וועלט האט אזא גרויסע און אזא פּאָלקאָמענע פּראָפּאגאנדא מאשין ווי דאס איז דער פאַל מיט הענרי פאָרד.

אלעס איז סיסטעמאַטיזירט און אלעס איז אין פּאָראויס אויסגעפּלאַנט. קיין שריט ווערט ניט געמאכט וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם אלגעמיינעם פאָרד פּלאַן, וואָס מיינט אדוועטייזען די פאָרד אונטערנעהמונגען פון איין זייט, די פאָרד פערזאָן פון צווייטען זייט, און ועל כולם שטארקער מאַכען פאָרד'ס מעגליכקייטען צו ווערען פּרעזידענט.

ע. ג. פּיפּ, וועלכער איז איינער פון די בעוואוסטעסטע זשורנאַליסטען און וועלכער איז געווען דער אָריגינעלער רעדאַקטאָר פון פאַרד׳ס "דיערבאָרן אינדעפּענדענט", פערזיכערט אונז אַז פאַרד האָט אָפּגעקויפט דעם "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" מיט׳ן אַבזיכט צו מאַכען דערפון אַ גרויסע נאַציאָנאַלע וואָכענשריפט און מיט דעם האַלטען אַ בייטש איבער דער פּרעסע פון לאַנד.

פאַרד האָט שוין, משמעות, איינגעזעהן אַז די פּרעסע, אָם ווענינגסטענס אַ געוויסער טהייל פון איהר, וועט ווען ניט איז אַנהויבען אַרויסטרעטען נעגען איהם. אַ זאַך וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט פּאַסירט פריהער, אָבער וואָס איז געוואָרען אַ גאַנץ אָפּטערע ערשיינונג די לעצטע צייטען. געוויסע צייטונגען האָבען אָנגעהויבען שרייבען אַזוינס, וואָס איז ניט צו זיין גונסטען. פאַרד האָט דאָרום געוואָלט בעשאַפען אַ גרויסע אייגענע צייטונג דורך וועלכער ער זאָל זיך אימער קענען אָפּרעכענען מיט יענע צייטונגען, וועלכע וועלען אַרויסטרעטען נעגען איהם. ער האָט געוואוסט אַז ווען ער האָבען אַן אייגענע צייטונג, וועט ער אימער קענען פערמאַכען זיינע געגנער די מיילער.

און אַז פאַרד מאַכט אַלע אַנשטרענגונגען צו מאַכען דעם "דיערבאָרן אינ־דעפּענדענט" פאַר אַ נאַציאָנאַלע צייטונג, פאַר זיין פערזענליכען אָרגאַן, איז צו זעהן דערפון וואָס אַלע זיינע אויבענדערמאַהנטע אַגענטען זיינען מיט אַ צייט צוריק דורך אַן אָפּיציעלען צירקולאַר אויפגעפאָדערט געוואָרען צו שאַפען אַזוי פיעל "סובסקריבערס" פאַר דער צייטונג וויפיעל עס זיינען פאַראַן אייגענטהימער פון פאַרד אַטאָמאָבילען.

פאַרד האַלט עס פאַר אַ מעגליכקייט. ער רעכענט אַז יעדערער וואָס קויפט אַ פאַרד אַטאָמאָביל דאַרף אויך קענען געמאַכט ווערען פאַר אַ סובסקרייבער פון דעם "אינדעפּענדענט". דאָס וואָלט מיינען אַז די צייטונג זאָל קריגען אַ "סירקולייישאַן" פון מיליאָנען, און מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ מאַכט אַזאַ צייטונג וואָלט דאַן געהאַט אין לאַנד אויף דער עפענטליכער מיינונג.

די אַגענטען ווערען אין דעם אָפּיציעלען צירקולאַר דערמאַהנט אַז דער "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" איז אַ "פאַרד פּראָדוקט", און פּונקט ווי אַלע פאַרד פּראָדוקטען דאַרף דער "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" פון די אַגענטען "געפּושט" ווערען. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, יעדער אַגענט ווערט פּשוט געצוואונגען צו פערשפּרייטען פאַרד׳ס לייב־אָרגאַן, דורך וועלכען די שענדליכסטע כּלבולים ווערען פערשפּרייט אויף אירען, פּונקט ווי זיי זיינען געצוואונגען צו פערקויפען פאַרד׳ס אַטאָמאָבילען.

גראָדע האָט זיך פאַרד׳ן ניט איינגעגעבען אין דיזען פאַל. די צייטונגעל זיינע האָט טאַקע צוגעקראָגען אַ סך לעזער. זי איז אָבער נאָך ווייט פון ווערען

א גרויסע נאציאָנאלע צייטונג, און עס שיינט אז זי וועט עס קיינמאָל ניט ווערען ניט אכטענדיג אויף דעם וואס פאָרד האט דאָרט זיין אייגענע "פּיידזש". איהר איינפלוס איז אבער דאָך בעדייטענד, ספּעציעל צווישען פאַרמערס, און די אנ־טיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדא וואס זי פאַרשפּרייט און האלט נאָך אין פאַר־שפּרייטען האט גראדע געשלאָגען שטאַרקע ווארצלען אין לאַנד.

פיפּ דערצעהלט אונז אז פאָרד'ס כוונה אין פּערסלאַגען דער "שיקאַגא טריביון" איז אויך געווען אום אנצולערנען די צייטונגען וועלכע וואגען געגען איהם ארויסצוטרעטען. די "טריביון" איז געווען פון די ערשטע וואס האט גע־וואגט פאָרד'ן אנצוגרייפען און פאָרד האט בעשלאָסען דאס ניט צו פערשוויי־גען. ער האט די צייטונג פערקלאָגט. גראדע האט פּאסירט אז דורך דעם פּראָ־צעס, דורך וועלכען ער האט געציעלט ארויפצולייגען א צוים אויף דער פרעסע, האט ער זיך געמאכט צום נאַרען און האט פאַר דער וועלט געצייגט זיין אונ־וויסענהייט, ווי מיר האבען שוין בעשריבען אין א פאריגען קאַפּיטעל. דאס איז געווען ווידער איינע פון פאָרד'ס טעות'ן. אבער די כוונה איז געווען "גוט", און פאָרד'ס מעטאָדע פון לייגען א צוים אויף דער פרעסע ווערט דורך דעם גאַנץ דייטליך געזעהן.

עס איז א פאַקט אז די צייטונגען פון דעטראָיט וואגען קיינמאָל ניט צו שרייבען א שלעכט וואָרט געגען פאָרד'ן. קיינמאָל ערשיינט דאָרט ניט א וואָרט פון קריטיק געגען דעם אַטאָמאָביל מאַגנאַט און עס איז א בעוואוסטע זאך אז די הויפּט אורזאכע איז דאס וואס פאָרד האלט אימער א בייטש איבער זיי דורך דעם וואס ער סטראַשעט זיי, אז אויב מען וועט שרייבען געגען איהם, וועט ער אנהויבען ארויסגעבען אן אייגענע צייטונג.

די צייטונגען פערשווייגען דארום זאגאר אזוינע פאַקטען וואס האבען א דירעקטע שייכות מיט די פּאָליטיק פון מישיגען און דעטראָיט. מען ווייס, צום ביישפּיעל, אז פאָרד האט דורך זיינע אגענטען ניט דערלאָזען אז אין מישי־גען זאָל אנגענומען ווערען א געזעץ צו לייגען א שטייער אויף גאַזאָלין. אזא טעקס וואָלט ערלייכטערט די לאַסט פון שטייערען פון די אָרימע. פאָרד האט אבער מורא געהאט אז דאס וועט שאַדען די אַטאָמאָביל ביזנעס און האט דעם "ביל" געטויטעט. פאָרד איז אויך פערענטוואָרטליך דאַפיר וואס אנדערע רע־פאָרמען זיינען געטויטעט געוואָרען אין מישיגען. די צייטונגען פון דעטראָיט און פון גאַנצען שטאַאט האבען אבער וועגען דעם קיינמאָל ניט דערמאָהנט א וואָרט. זיי האבען מורא פאַר דער פאָרד בולאָווע, וואס ווערט געהאלטען אי־בער זייערע קעפּ.

קיינע פאַקטען וואס זיינען ניט צום גונסטען פון פאָרד'ן ווערען דער־

מאַכנט. ראַגעגן וועט אין דער פּרעסע אַריינגעהן אַלעס וואָס איז פּאַרד'ן צום גונסטען. אַט דאָס איז דער רעזולטאַט פון פּאַרד'ס פּראָפּאַגאַנדא מעטאָדען.

פּאַרד האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט געקויפט פאַר דריי מיליאָן דאָלאַר באָנדס פון דער שטאָדט רעגיערונג פון דעטראָיט. געקויפט האָט ער די באָנדס מיט איין פּראָצענט ווייניגער ווי דאָס האָבען געוואָלט האָבען די באַנ־קירען. פּאַרד איז אין דער פּרעסע שטאַרק פערלויבט געוואָרען אַלס אַ מענש פון וואָהלטהאַט. אין דער אמת'ן האָט עס פּאַרד געטהאָן בלויז דערפאַר וואָס דאָס געלד האָט געדאַרפט פערברויכט ווערען אום צו ציהען בייע קאַר ליניעס צו זיינע פאַבריקען. פּאַרד האָט אַלזאָ פון געלד גענאָסען מעהר ווי עס איז ווערטה געוועזען די קליינע סומע וואָס ער האָט פערלאָרען דורך נעהמען זיי אויף אַ קלענערען פּראָצענט. אין דער פּרעסע איז אָבער ניט דערמאָהנט געוואָרען קיין וואָרט וועגען די קאַר ליניען.

אין דער פּרעסע ווערט אויך קיינמאָל ניט דערמאָהנט וועגען די צעהנ־דליגע פּראָצעסען וואָס פּאַרד פיהרט געגען אַנדערע און וואָס אַנדערע פיהרען געגען איהם. אַ בעוואוסטער ריכטער פון דעטראָיט האָט אַמאָל געזאָגט אַז פּאַרד האָט מעהר "קעיסעס" אין געריכט ווי אימיצער אַנדערש. אין דער פּרע־סע ווערט אָבער וועגען דעם ניט דערמאָהנט. עס איז אויך קיינמאָל ניט איבער־געגעבען געוואָרען וואָס דער ריכטער האָט געזאָגט וועגען פּאַרד'ן. וואָרום לויט די פּאַרד פּראָפּאַגאַנדא פּלענער דאַרף פּאַרד אימער ערשיינען אַלס דער גוטער, דער וואוילער און דער מענש וואָס מיינט נאָר די טובה פון אַנדערע.

ווי געזאָגט, קומט די פּאַרד פּראָפּאַגאַנדא מעהרסטענס אינדירעקט. די געשיכטעס וועגען פּאַרד'ן קומען אָפּטמאָל פון קוועלען וואָס קיינער קען זיך נאָר ניט כאַפּען אַז פּאַרד איז פאַר זיי פערראַנטוואָרטליך.

אין דעטראָיט האָט זיך לעצטענס אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער סינדיקאַט צו פערשפּרייטען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשה'לעך וועגען פּאַרד'ן. די מעשה'לעך דאַרפען זיין אַנעקדאָטען און אַזוי טשיקאַווע געשיכטעס וואָס זאָלען דאַרטען פּאַרד'ן שטעלען אין אַ גינסטיגער ליכט. דיעזע מעשה'לעך ווע־רען איצט צושיקט צו אַלע צייטונגען אין לאַנד און זיי ווערען פערקויפט צו גוטען געלד. וואָרום פּאַרד האָט זיך שוין אַזוי בעריהמט געמאַכט, אַז אַלעס וואָס ווערט וועגען איהם געזאָגט און געשריבען ווערט גערן אויפגעכאַפּט פון די צייטונגען.

פּאַרד'ס פּראָפּאַגאַנדא דעפּאַרטמענט האָט אין דיעזען הינזיכט ווירקליך אויפגעטהאָן וואונדער. און דער וואונדער איז נאָך גרעסער וואָס איצט, ווען עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען געפינען אַזוינע וואָס ווילען צושטערען די פּאַרד

לעגענדעס, שטויסען זיי זיך אָן אין דער אייזערנער וואנט פון דעם בלינדען איינ־גלויבען פון פאָלק אין פאָרד'ן. די פאָרד לעגענדען לאָזען זיך ניט לייכט צו־שטערען. די מאסען ווילען מעהר ניט גלויבען קיין וואָרט וואס זיינע קריטיקער זאגען.

אָבער דאָס מיינט ניט דוקא אז די ארבייט פון צושטערען די פאָרד לע־גענדען איז ארויסגעוואָרפען. דאָס מוז געטהאָן ווערען. און וואס שווערער דאָס איז, אַלץ מעהר אָנשטרענגונג דאַרף געמאכט ווערען דאָס צו טהאָן. וואָרום וואס מעהר ליכט עס וועט געוואָרפען ווערען אויף פאָרד'ן, וואס מעהר עס וועט בעקאַנט ווערען דער אמת וועגען איהם, אַלץ לייכטער וועט עס זיין אויסצו־וואָרצלען די לעגענדען.

פּראָפּאגאנדא מוז געשלאָגען ווערען מיט פּראָפּאגאנדא, הויפּטזעכליך ווען די פאָרד פּראָפּאגאנדא איז איצט געוואָרען אזוי געפעהרליך ניט נאָר פאַר אי־דען, ווענען ער אטאקירט אָהן אויפהער און אונ'ברחמנות'דיג, נאָר אויך פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסען פון לאנד. ניט נאָר אידען, נאָר גאַנץ אמעריקא דאַרף זיך רעכענען מיט דער פאָרד געפאהר, וועלכע מוז בעזייטיגט ווערען.

# 15 — פארד'ס היפאקריטסטווא

**ווי ער זוכט צו פארדרעהען די פאקטען און נוצט אלעס אויס פאר פראפאגאנדא צוועקען. דער סקאנדאל מיט דער לינקאלן מאטאר קאמפאניע.**

אין דעם נויארקער "סאנדעי אמעריקאן", איז מיט א צייט צוריק ערשינען אן אינטערוויו מיט הענרי פארד. פון דיזען אינטערוויו נעהמען מיר ארויס פאלגענדען טשיקאווען פאראגראף:

"איך פערזענליך," האט פארד געזאגט, "וואלט ניט געגעבען קיין איינציגען דאלער פאר פראפאגאנדא. איך וואלט אבער געגעבען א מיליאן דאלער פאר פאקטען. מיר ליידען פון א גרויסען מאנגעל פון פאקטען, אבער מיר האבען איבער־גענוג פראפאגאנדא צו פערבעהאלטען די פאקטען".

הייסט עס, אז פארד איז א געוואלדיגער ליעבהאבער פון פאקטען, פון אמת, און א פארביסענער שונא פון פראפאגאנדא. ער וואלט א דאלער ניט געגעהען פאר פראפאגאנדא, אבער א מיליאן פאר פאקטען. אזוי זאגט ער אליין אפען פאר דער וועלט און שטעלט זיך אין ליכט פון אן אמת־זוכער, פון א שונא פון ליגענס. דאס איז די גרעסטע היפאקריסטסטווא וואס אימיצער האט ווען עס איז אומפאו'שעהמטערהייט געצייגט אין דער עפענטליכקייט.

פארד, דער גרעסטער פראפאגאנדיסט, מאכט דעם אנשטעל פון א שונא פון פראפאגאנדא; פארד וואס גיט אוים ריזיגע סומען צו פארדעקען דעם אמת, צו שיטען זאמד אין די אויגען די גאנצע וועלט, ערקלעהרט זיך אלס איינער וואס וויל נאר פאקטען!!!

אבער לאמיר אליין געהען צו די פאקטען און זעהען אויף ווי ווייט פארד זוכט די פאקטען צו פארדעקען און גיט זיך אפ בלויז מיט פראפאגאנדא און ניט ווי ער זאגט, אז ער וואלט קיין דאלער ניט געגעבען פאר פראפאגאנדא, נאר לאזט זיך קאסטען ריזיגע סומען פאר דיזען צוועק.

מיר ווען צוערשט צוריקקעהרען צו דער אייזענבאהן וואס פארד קאנטראלירט איצט און וועגען וועלכע מיר האבען שוין פריהער געהאט דערמאהנט. פארד'ס אגענטען האבען דיזע אייזענבאהן אויסגענוצט צו פארשפרייטען פראפאגאנדא פאר פארד'ן. עס האט געזאלט הייסען, אז פארד האט איבערגענומען אן אייזענבאהן, וועלכע איז פאקטיש געווען באנקראט און האט איהר, אונטער

זיין פערוואלטונג, געמאכט פאר א באצאהלענדע אונטערנעהמונג. פארד אליזא, האט עס געדארפט הייסען, איז ניט סתם א וואונדער־מענש, נאר א זשעניאלער אייזענבאהן פערוואלטער, און מען האט פאר איהם געוואלט גרויס קרעדיט. דאס איז אבער געווען ניט מעהר ווי פראפאגאנדא צו פארדעקען די פאקטען.

די פאקטען, ווי זיי ווערען איבערגעגעבען פון עקספערטען, זיינען אז פארד האט די אייזענבאהן ניט געמאכט בעסער און האט ניט געצייגט קיין בעסערע מעטהאדע ווי צו פערוואלטען אייזענבאהנען, נאר האט בלויז געטהאן א שפיצעל אום צו קענען צייגען דער וועלט ווי אזוי ער קען פון אלעס מאכען אן ערפאלג. פארד האט נעמליך אוועקגענומען זיין אייגענע פראכט פון אלע אנדערע ליניעס אויף זיין אייגענער ליניע, מיט'ן רעזולטאט דאס זיין אייגענע אייזענבאהן האט אנגעהויבען טהאן גרעסערע און בעסערע געשעפטען. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז וואס אנבעלאנגט זיינע אייגענע אינטערעסען האט ער דורך דער אייזענבאהן געפונען א וועג ווי אזוי צו איבערלעגען געלד פון איין קעשענע אין דער אנדערער, אנשטאט צו צאהלען פאר פראכט פרעמדע, צאהלט ער זיך אליין. ער האט אבער בשום אופן ניט געצייגט ווי אזוי צו פערוואלטען אן אייזענבאהן בעסער ווי אנדערע און האט קיינע נייע מעטאדען ניט ענטדעקט.

האט אבער פארד דערצעהלט די פאקטען צו דער וועלט? ניין! זיינע אגענטען האבען געטהאן אלעס די פאקטען צו פארדעקען און האבען בלויז פארשפרייט פראפאגאנדא און איינגערעדט דעם עולם אז פארד האט אויפגעטהאן וואונדער און דוקא פאר'ן לאנד האט עס געזאלט הייסען. און געטהאן האט מען עס ניט בלויז צו ארוועטייזען איהם און זיינע אונטערנעהמונגען, נאר צו מאכען פון איהם א גרויסע פאליטישע פיגור. ווארום פון דער אייזענבאהן האט מען געשלאגען און מען שלאגט נאך פיעל קאפיטאל פאר פארד'ס "בום" פאר פרעזידענט.

דאס איינענע איז געווען מיט מאסעל שאולס וואס פארד האט געוואלט און וויל נאך עד היום ארייגקריגען. פארד האט פארדרעהט די פאקטען און אנגעפיהרט, און פיהרט נאך אן א ריזיגע פראפאגאנדא, וועלכע האט אויך א פאליטישען אונטערשלאג.

איצט קומען מיר צו נאך א וויכטיגען פאל וואס צייגט בולט פארד'ס היפאקריטסטווא און זיין טענדענץ צו פארבאהאלטען פאקטען פאר פראפאגאנדא צוועקען.

דאס איז דער סקאנדאל מיט דער לינקאלן מאטאר קאמפאניע. פארד איז איצט ניט נאר דער אייגענטהימער פון זיין אייגענער אטאמאביל פירמא —

די פארד מאטאר קאמפאניע, נאר אויך די לינקאלן מאטאר קאמפאניע, וועלכע ער האט מיט א פאר יאהר צוריק אפגעקויפט.

די לינקאלן מאטאר קאמפאניע פראדוצירט דעם לינקאלן אטאמאביל וועלכע איז בעסער און טהייערער פון די ביליגע "פארדלער".

פארד האט די לינקאלן מאטאר קאמפאניע אויסגעקויפט ווען די פירמא איז צוגעדריקט געווארען צום וואנט און האט געהאלטען ביים באנקראטירען. אין דער געשעפטס-וועלט פאסירען אזוינע פעלע הונדערט מאל א טאג און קיינער מאכט דערפון קיין וועזען און קיינעם פאלט גאר ניט איין צו שלאגען דערפון קאפיטאל. פארד זוכט אבער פון אלץ צו מאכען א וועזען ווען דאס לאזט זיך נאר און וויל פון אלץ שלאגען קאפיטאל. האט מען אנגעהויבען פויקען אין די צייטונגען אז פארד האט געצייגט מיט'ן אפקויפען די לינקאלן מאטאר קאמפאניע דעם גרעסטען "וואהלטהאט". עס האט געזאלט הייסען, אז ער האט עס נאר געטהאן אום צו טהאן א טובה די יעניגע וואס האבען אריינגעלעגט געלד אין דער לינקאלן מאטאר קאמפאני און עס געהאלטען ביים פערלירען.

עס איז געזאגט געווארען אז פארד'ן איז אנגעבאטען געווארען צו קויפען די לינקאלן מאטאר קאמפאניע פאר א סומע פון פינף מיליאן דאלער. פארד האט אבער ערקלעהרט, אז ער וועט געבען אכט מיליאן דאלער, און די אורזאכע זאל האבען געווען וואס ער האט געוואלט אז די "שעהר-האלדערס" פון דער קאמפאניע זאלען ניט פארלירען קיין געלד.

די מעהרסטע "שעהר-האלדערס" פון דער לינקאלן מאטאר קאמפאניע זיינען געווען ארימע מענשען און עס האט דארום געזאלט זיין א נאבעלער טהאט פון פארד'ן אנצובאטען מיט דריי מיליאן מעהר און בלויז דערפאר וואס ער האט געוואלט אז די ארימע "שעהר-האלדערס" זאלען ניט פארלירען קיין געלד.

די מעשה וואלט בלעבען געווען זעהר א שעהנע, אויב זי וואלט נאר געווען אן אמת'ע. פארד האט זיך ברייט און וויט אדווערטייזט אויף דיזען חשבון טראץ דעם וואס דער אמת איז גאר פונקט דער היפוך.

דעם אמת ווי אזוי פארד האט געקויפט די לינקאלן מאטאר קאמפאניע איז דערצעהלט געווארען ניט פון קיין אנדערען ווי פון ריכטער ארטהור דזש. טאטעל פון פעדעראלען דיסטריקט געריכט אין דעטראיט. ריכטער טאטעל איז געווען דער יעניגער וואס האט געהאט די אויפגאבע צו פערקויפען די לינקאלן מאטאר קאמפאניע, וועלכע איז געווען שוין אין די הענד פון א "רעסיווער". ריכטער טאטעל האט געהערט פון די אלע גיט געשטויגענע און ניט געפלויגענע גע-שיכטעס וואס די פארד אגענטען פארשפרייטען וועגען אנטיסעמיטישען אטא-

מאָביל־מאַגנאַט בנוגע זיין "נאָבעלע האַנדלונג" אין איבערנעהמען די לינקאָלן מאָטאָר קאָמפּאַניע און למען האמת האָט ער עס אָפּגעלייקענט פון ריכטער־שטוהל.

ווי ריכטער טאַטעל האָט ערקלעהרט איז גאָר די געשיכטע געווען פאַרקעהרט. פאָרד האָט דוקא געוואָלט ארויסקריגען די לינקאָלן מאָטאָר קאָמפּאַניע פאַר פינף מיליאָן דאָלער און האָט זיך בענוצט מיט אלע מעגליכע מיטלען צו קריגען די קאָמפּאַניע פאַר דיזען פּרייז, אַבוואָהל ער האָט גוט געוואוסט און אלע אנדערע האָבען געוואוסט, אז די קאָמפּאַניע איז ווערטה פיעל מעהר. אויב פאָרד האָט עס ניט געקראָגען פאַר'ן פּרייז פון פינף מיליאָן איז עס געווען בלויז צו פערדאַנקען ריכטער טאַטעל, וועלכער האָט אין די אינטערעסען פון די "שעהר־האָלדערס" זיך ענטזאָגט צו פאַרקויפען די קאָמפּאַניע פאַר ווייניגער ווי אכט מיליאָן דאָלער.

דאָס האָט אָבער פאָרד'ס אגענטען ניט צוריקגעהאַלטען פון פאַרשפּרייטען דעם ליגען און פאָרד'ס היפּאָקריטסטוואָ איז אזוי גרויס, אז ער קען עפּענטליך ערקלעהרען אז ער וויל בלויז פאַקטען און ניט קיין פּראָפּאַגאַנדאַ...

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. ווען פאָרד האָט איבערגענומען די לינקאָלן מאָטאָר קאָמפּאַניע האָט ער ניט נאָר ערקלעהרט, אז ער טהוט עס אין די אינטערעסען פון די אָרימע "שעהר־האָלדערס", נאָר אויך אז ער וועט יעדען פון די שעהר־האָלדערס אויסצאָהלען. פאָרד האָט עס אָבער קיינמאָהל ניט געטהאָן. ער האָט וועגען דעם אין גאַנצען זיך געמאַכט ניט ווּיסענדיג.

נאָך עפּעס, פאָרד האָט פּראָבירט מאַכען דעם איינדרוק אז די לינקאָלן מאָטאָר קאָמפּאַניע איז גאָר ניט ווערטה געווען און אז דאָס געלד וואָס ער האָט פאַר איהר בעצאָהלט איז בלויז געווען צו העלפען די "שעהר־האָלדערס". אין דער ווירקליכקייט איז די קאָמפּאַניע ווערטה געווען מיט פיעלע מיליאָנען מעהר ווי ער האָט פאַר איהר ב'צאָהלט.

נאָך דאַן ווען פאָרד האָט די קאָמפּאַניע איבערגענומען האָט זי אריינגעבראַכט ריוח אויף זעקס מיליאָן דאָלער א יאָהר, און עס הייסט, אז אין ווייניגער ווי צוויי יאָהר האָט פאָרד ארויסגענומען דאָס געלד וואָס ער האָט פאַר איהר בעצאָהלט און מאַכט איצט מיליאָנען פּראָפיט. ער וואָגט אָבער צו דערצעהלען דער וועלט, אז ער האָט עס געטהאָן בלויז אויס "וואָהלטהאַט".

ווען די לינקאָלן מאָטאָר קאָמפּאַניע איז געשטאַנען צום פאַרקויפען זיינען געווען איינינע אנדערע וואָס האָבען אריינגעבראַכט "בידס" איבערצונעהמען די קאָמפּאַני. פאָרד האָט אָבער אַנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען זיינע קאָנקורענטען צו פאַרטרייבען. ער האָט זיי געסטראַשעט מיט פּראָצעסען, און אזוי ווי ער איז געווען דער שטאַרקערער און דער רייכערער,

האבען יענע מורא געהאט זיך מיט איהם אנצופאנגען און די לינקאלן מאטאר קאמפאניע האט זיך ארייגגעגליטשט אין זיינע הענד פאר א פרייז וואס איז געווען א העלפט פון דעם וואס זי איז ווערטה געווען.

אויסער דעם וואס פארד האט פארפעהלט אויסצוצאהלען די "שעהר-האלדערס", טראץ דעם וואס ער האט עס עפענטליך געהאט פארשפראכען צו טהאן, האט ער דערצו אויך שענדליך בעהאנדעלט די אריגינעלע ארגאניזאטארס פון דער קאמפאניע און די וועלכע האבען די לינקאלן מאטאר קאמפאניע אויפ-געבויט. דאס זיינען געווען די לעלאנדס, בעוואוסטע אטאמאביל פאבריקאנטען.

די לעלאנדס זיינען די בויער פון דעם בעוואוסטען קאדילאק אטאמאביל און אויך פון אנדערע אטאמאבילען. זיי האבען ארגאניזירט די לינקאלן מאטאר קאמפאני און פאר איהר געשאפען א קאפיטאל פון פיעלע מיליאנען וואס זיינען געקומען פון די קעשענעס פון מענשען מיט קליינע קאפיטאלען.

עס איז געווען די פארשטענדיגונג, און פארד האט עס עפענטליך ערקלעהרט ווען ער האט איבערגענומען די לינקאלן מאטאר קאמפאניע, אז די לעלאנדס וועלען בלייבען אין דער קאמפאני. פארד איז געגאנגען אזוי ווייט ווי צו ער-קלעהרען, אז ער וועט אונטער קיינע אומשטענדען ניט דערלאזען אז די לעלאנדס זאלען אוועקגעהן. עס איז אבער ניט אוועק קיין איינציגע מאנאטען נאכדעם ווי די קאמפאניע איז איבערגענומען געווארען פון פארד׳ן און די לעלאנדס האבען געקראגען צו וויסען, אז מען דארף זיי מעהר ניט האבען. און געגעבען צו וויסען האט מען זיי אין דער אמת׳ער פארד פארמע און סטיל. מען האט זיי פון אנפאנג איינפאך געוואלט צווינגען צו רעזיגנירען. די לעלאנדס וואלטען אליין ניט געוואלט בלייבען מיט פארד׳ן, זיכער ניט קיין איינגעבעטענע. זיי האבען אבער געפיהלט זייער פעראנטווארטליכקייט צו די "שעהר-האלדערס" און האבען עס געהאלטען אלס זייער פליכט צו בלייבען מיט דער קאמפאניע אום צו זעהן אז די "שעהר-האלדערס" זאלען קריגען אויסגעצאהלט ווי פארד האט עס געהאט פארשפראכען און ווי זיי זיינען בעשטאנען אז ער זאל טהאן.

דאס האט די לעלאנדס אבער גאנץ ווייניג געהאלפען. ווארום ווען פארד האט איינגעזעהן, אז זיי געהען ניט אוועק מיט "גוטען", האט ער זיי איינפאך ארויסגעשטעלט אין גאס, ווי ער האט עס שוין געטהאן מיט צעהנדליגע אנדערע.

דערביי וועט אויך זיין אינטערעסאנט צו דערצעהלען וועגען די אומשטענדען ווי אזוי די לינקאלן מאטאר קאמפאני איז געבראכט געווארען אין דער לאגע, אז זי זאל אויספארקויפט ווערען, אין אנדערע ווערטער, ווי אזוי זי איז צוגע-דריקט געווארען צום וואנט און איז געבראכט געווארען צום שוועל פון באנ-קראט. די רעגירונג האט פון דער לינקאלן מאטאר קאמפאני אנגעהויבען מאה-נען פינף מיליאן דאלער וואס זאל איהר האבען געקומען אויס׳ן חשבון פון

איינקונפטס־שטייער. די פערוואלטער פון דער לינקאלן מאטאר קאמפאני האבען דער רעגירונג איבערציייגט, אז די פינף מיליאן דאלער קומען איהר ניט. די רעגירונג האט אבער באנייט איהר פאדערונג און די לינקאלן מאטאר קאמפאני איז ניט געלאזט געווארען צורות.

ווען די קאמפאניע איז געווארען געענגט אין געלד האבען איהרע פערוואלטער געהאט אראנזשירט פאר א הלואה פון צעהן מיליאן דאלער. אבער גראדע איז אין מיטען ווידער געקומען די פאדערונג פון דער רעגירונג פאר די פינף מיליאן דאלער און ווען דאס האט זיך דערטראגען צו די באנקירען וואס האבען געוואלט געבען די הלואה האבען זיי חרטה געקראגען און די לינקאלן מאטאר קאמפאני איז געבליבען הענגען אין דער לופט און איז איבערגעגעבען געווארען אין די הענד פון א "רעסיווער".

עד היום איז נאך ניט אויפגעקלעהרט געווארען ווי אזוי די רעגירונג האט געקענט האלטען אין פארפאלגען די קאמפאני ווען עס איז שוין איינינגע מאל געווען באוויזען אז דאס געלד קומט ניט. עפעס איז די גאנצע געשיכטע פאר־דעכטיגט און מען איז געניינגט צו גלויבען, אז עפעס האט דא געשטעקט יעמאנדס האנד אום די קאמפאני צו ברייגען צום שוועל פון באנקראט, כדי עס זאל זיך דערנאך געפינען אימיצער איהר אפצוקויפען און מאכען דערביי מיליאנען פראפיט...

אלענפאלס איז די געלעגענהייט געגעבען געווארען פארד'ן און פארד האט די געלעגענהייט אויסגענוצט אויפ'ן בעסטען וועג ווי ער האט עס נאר געקענט. די פאקטען זיינען פארלייקענט געווארען. די וועלט האט געקראגען א פאלשען איינדרוק און דער פאלשער איינדרוק איז געבליבען זאגאר נאכדעם ווי ריכטער טאטעל האט די אמת'ע פאקטען בעקאנט געמאכט אין געריכט.

און ווען מען לעגט צו צו דער לינקאלן מאטאר אפערע אויך די מאסעל שאולס אפערע, די פארד פראפאגאנדא אין פארבינדונג מיט דער אייזען־באהן און די טויזענד און איינע אנדערע געשיכטעס, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געווארען אין א גאנץ אנדער ליכט און אימער אין א ליכט צום גונסטען פון העניר פארד, דאן זעהט מען קלאהר די היפאקריטסטווא פון דעם מאגנאט פון "דירבארן", וועלכער האט אויפ'ן זעלבען היפאקריטישען אופן אויך אטאקירט די אידען, און האלט זיי נאך אין אטאקירען פארגלאצענדיג דערביי די אויגען און מאכענדיג דעם אנשטעל, אז ניט נאר מיינט ער טאקי וואס ער זאגט וועגען די אידען, נאר אויך אז ער טהוט דערמיט א "גרויסע דיענסט" דאס לאנד און די גאנצע וועלט און טאקי אויך די אידען זעלבסט. ווארום פארד'ס היפא־קריטסטווא געהט אויף אזוי ווייט דאס ער וואגט צו באטאנען דעם פאקט, אז ער איז די אידען קיין שונא ניט און אז אין דער ווירקליכקייט איז ער נאר זייער "בעסטער פריינד"...

# 16 — פארד דער "דר. דזשעקעל און מר. האיד"

וויַ דער אטאמאביל-מאגנאט לאזט זיך ניט דערקענען. — זיין דאפעלטע פערזענליכקיים. — זיינע ווילדע קאפריזען.

די בעסטע כאראקטעריסטיקע פון הענרי פארד גיט דר. סעמיועל ס. מארקיס, וועלכער האט דעם אטאמאביל מאגנאט געקענט פיעלע יאהרען און איז מיט איהם געווען זעהר אינטים. ווארום אויב מיר ווילען ווירקליך וויסען ווער פארד איז פערזענליך, דאן מוזען מיר זיך ווענדען צו אזוינע ווי מארקיס. עס זיינען פאראן בלויז געצעהלטע מענשען וואס האבען געהאט די געלעגענהייט צו דערנעהנטערען זיך צו פארד'ן און איהם קענען האבען געלערנט ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. פאר אלע אנדערע איז פארד אומצוטריטליך און בעהאלט זיך אויס פון דער וועלט אבזיכטליך.

מארקיס דערצעהלט אז פארד איז זעהר פארזיכטיג ניט צוצולאזען אז יעמאנד זאל איהם קענען צו פיעל. אזוי שנעל ווי ער געפינט אויס אז יעמאנד פאנגט איהם אן צו דערקענען אזוי הויבט ער אן טהאן זאכען וואס דארף יענעם ארונטערפיהרען פון גראדען וועג, איהם פארטומלען און איבערלאזען אין צווייפעל.

"איהר קענט מיר שוין צו גוט. פון איצט אן און ווייטער וועל איך אכטונג געבען אז קיין אנדערער זאל ווערען אזוי אינטים מיט מיר ווי איהר זייט עס געווען". דאס זיינען די ווערטער וואס, לויט מארקיס'ן, פארד האט אמאל געהאט געזאגט צו איינעם וואס איז מיט איהם געווארען אינטים און וואס האט פארד'ן געהאט געלערנט דורך און דורך. פארד האט זיך משמעות געהאט שטארק דערשראקען ווען ער האט באגריפען אז אם וויניגסטענס פאר איינעם שטעהט ער אין זיין גאנצער נאקעטקייט און דיזער איינער קען נאך ארויסטראגען צו דער דרויסענדיגער וועלט דעם פולען אמת וועגען איהם.

דאס האט פארד'ן ניט געשמעקט. דאס איז געווען אן ענטטוישונג פאר איהם. די וועלט קען זיך נאך דערוויסען דעם פולען אמת און איהם זעהען אין די ריכטיגע קאלירען. און ער האט גאנץ אפען ערקלעהרט, אז ער וועט שוין אויף ווייטער זיין פארזיכטיגער און קיינעם ניט אריינלאזען אין זיין פער־טרויען, קיינעם ניט צולאזען נאהענט צו זיך.

אבער ווי זאגט דער זעלבער מארקיס, וואס מעהר איינער פרובירט זיך

בעהאַלטען, אַלץ מעהר געפינט מען איהם אויס און מיט אַלע זיינע פאַרזוכען צו שיצען זיך אונטער א מאַנטעל פון געהיימניספולקייט, איז פאָרד'ן ניט גע־לונגען צו פערבאַהאַלטען זיך, אַז וויינינגסטענס ניט פון אייניגע וואָס האָבען אַן אויג צו זעהן זאַכען און א חוש צו פאַרשטעהן מענשען. און מאַרקיס גיט אונז א מערקווירדיגע כאַראַקטעריסטיקע פון דעם אַנטיסעמיט פון "דיערבאָרן". די כאַראַקטעריסטיקע איז מערקווירדיג, ווייל פון מאַרקיס'ס אָפּשאַצונג קריגען מיר פון פאָרד'ן דעם באַגריף פון א פאַלשטענדיגען "דר. דזשעקעל און מר. הייד", א דאָפּעלטע פערזענליכקייט, א מענש און טייפעל צוזאַמענגענומען.

מיר זאָגען א "דר. דזשעקעל און מר. הייד", ווייל קיין אַנדער פראַזע גיט ניט אַרויס אַזוי בולט דעם כאַראַקטער פון חענרי פאָרד. "דר. דזשעקעל און מר. הייד" איז בעשאַפען געוואָרען אין דער רייכער פאַנטאַזיע פון דעם גרויסען ענגלישען שריפטשטעלער ראָבערט לואיס סטיווענסאָן. "דר. דזשעקעל און מר. הייד" זיינען איינע און די זעלבע. עס איז איין פערזאָן. דר. דזשעקעל איז פאַר דער וועלט דער בכבוד'ער, דער עדעלער, דער קולטור־מענש, אָבער דורך זיין אייגענער ענטדעקונג ווערט ער דורך דער פאַרמיטלונג פון א געהיימען געטראַנק פון צייט צו צייט פערוואַנדעלט אין א מר. הייד, א מענש וואָס איז ניט נאָר אַנדערש אין אויסזעהן, נאָר אויך אין כאַראַקטער. מר. הייד איז עקעלהאַפט אין אויסזעהן ברוטאַל און מערדעריש.

חענרי פאָרד דאַרף ניט איינגעהמען קיין געהיימען געטראַנק צו ווערען פערוואַנדעלט פון א דר. דזשעקעל אין א מר. הייד. דאָס געשעהט אַלע ווייליע און אָהן א באַשטימטע אורזאַכע. עס איז אין זיין נאַטור.

"די גרעסטע רעטעניש אין איהם (פאָרד'ן) איז די רעטזעלהאַפטע צוזאַ־מענמישונג פון ענטגעגענגעזעצטע נאַטורען", שרייבט מאַרקיס אין כאַראַקטע־ריזירען פאָרד'ן.

"אין פאָרד'ן", שרייבט מאַרקיס ווייטער, "ברויזט אַן אומענדליכער קאָנ־פליקט צווישען אידעאַלען, געפיהלען און אימפּולסען וועלכע זיינען אַזוי פאַר־שידען איינע פון די אַנדערע ווי טאָג פון נאַכט — א קאָנפליקט וועלכער גיט צייטענווייז דעם איינדרוק אַז צוויי פערזענליכקייטען שטרייטען אין איהם צו באַהערשען איינער דעם צווייטען און קיינער פון די צוויי קען ניט איבערגעוועל־טיגען דעם צווייטען".

מאַרקיס גיט אונז דאָ א ווייטערע שילדערונג וואָס גיט א פאָלקאָמענע באַשטעטיגונג אַז אונזער אייגענע כאַראַקטעריזירונג פון פאָרד'ן אַלס א "דר. דזשעקעל און מר. הייד" איז אויף קיין האָר ניט איבערטריבען.

"די ענדערונגען אין זיינע שטימונגען און דאָס ענדערען פון זיינע שטעלונ־

גען", שרייבט מארקיס, "זיינען דאס רוב באגלייט דורך דרויסענדיגע פֿארענדע־רונגען אין זיין פיזישען אויסזעהן. היינט שטעהט ער הויך, גלייך ווי א בוים, באוועגליך, פול מיט לעבען, צופרידען ווי א קינד און מיט א קינדישען גייסט פאר שפּיעלען זיך. פון זיינע אויגען קוקט ארויס א נשמה פון א גרויסען מענשען, א טרוימער, א אידעאליסט...

"אבער אויף מארגען קען ער שוין זיין פּונקט דער היפוך. ער וועט אויס־קוקען ווי איינער וואס איז איינגעשרומפּפען געווארען פון א לאנגער קראנקהייט. די פּלייצעס זיינען ארונטערגעלאזט און ווען ער געהט איז ער איינגעבויגען ווי איינער וואס געהט אויף די פוס־פינגער. זיין פּנים איז מיט טיפע קנייטשען און די קנייטשען זיינען אזעלכע וואס גיבען אייך ניט דעם איינדרוק פון אן אפּענהערציגען און עדעלען פּנים. די העפליכקייט איז אין גאנצען פון איהם פארשוואונדען. אין זיינע אויגען ברענט א פייער וואס איז אין גאנצען אנדערש פון דעם פייער וואס מען האט געזעהן מיט א טאג פריהער. ער האט דעם אויס־זעהן פון איינעם וואס איז אין גאנצען ערשעפּט, אבער ווערט דאך אנגעטריבען פון אן אונערשעפּליכע קראפט. הינטער דער פיזישער שוואכקייט שיינט צו זיין בעהאלטען אן אונערשעפּליכער קוואל פון נערווען־ענערגיע".

מארקיס דערצעהלט אונז, אז ווען דיזע ענדערונג קומט פאר אין פֿערד'ן ווייסען שוין די וואס זיינען ארום איהם, אז פּונקט ווי ווען דר. דזשעקעל איז פערוואנדעלט געווארען אין א מר. האיד, איז עס דער סיגנאל פאר א שטורם. דער שטורם וואס ברעכט דאן אויס אין פֿערד'ן איז מוה'דיג און ניט ווייניגער פארוויסטענד ווי א שטורם ערגעץ אין די שטורם־לענדער.

ווען פֿערד האט דיזע אנפאלען פון שגעונות, דאן נעהמט עס ניט לאנג און די גאנצע פֿערד־ארגאניזאציע ווערט אויפגעטרייסעלט ווי פון אן ערד־ציטער־ניש. און וואס דיזע שטורמס און ערד־ציטערנישען זיינען, קענען נאר האבען א באגריף די יעניגע וואס האבען זיי דורכגעמאכט.

פֿערד ווערט דאן ווי דער ווילדער און קאפּריזנער הערשער פון א ווילדען שבט אדער פון ערגיץ אן אריענטאליש לאנד. באפעהלען קומען מיט דער שנעלקייט פון א בליץ און דיזע באפעהלען מיינען איבערקעהרענישען אין דער פֿערד־ארגאניזאציע. גאנצע אבטיילונגען צוזאמען מיט די מענשען וואס זיינען דארט געווען באשעפטיגט ווערען ארויסגעשליידערט און דאס ווערט געטהאן מיט א מאדנער בייזוויליגקייט, מיט א כמעט אומבאגרייפליכער קאלטבלוטיגקייט. עס ווערען ניט נאר ארויסגעשליידערט מענשען וואס זיינען יאהרען־לאנג געווען באשעפטיגט, נאר אויך זייערע דעסקס אדער ווארשטאטען ווערען ארויסגעשליי־דערט, אפטמאהל מיט דער הילפע פון האק און זעג.

קיינע ערקלעהרונגען ווערען געמאכט און קיינע ענטשולדיגונגען געגעבען. עס איז דער "אוקאז" פון דעם "צארישען" אַטאָמאַביל מאגנאט און קיינער האט ניט די מאכט צו ווידערשפעניגען זיינע אוקאזען אָדער צו וואגען זיי ניט דורכצופיהרען.

די יעניגע וואָס וויסען שוין מעהר וויינינגער פון פֿאַרד'ס שגעונות, פון די מאָמענטען ווען דער דר. דזשעקעל ווערט א מר. האיד, בעהאלטען זיך ווי די פויגעלעך אין זייערע נעסטען און ווארטען ביז דער שטורם וועט פאַראיבער, אויב דער שטורם כאפט זיי ניט אין מיטען און זיי ווערען ניט פארניכטעט צוזאמען מיט זייערע נעסטען.

ווען דער שטורם איז פאַראיבער, ווען פֿאַרד'ס שגעונות ווערען בארוהיגט און ער באקומט צוריק זיין מענשליכקייט און זיין פערשטאנד, דאן קומען ארויס די יעניגע וואָס זיינען אַם נעהנטסטען צו איהם — די יעניגע וואָס זיינען אין צייט פון שטורם געווען בעהאלטען און מורא געהאט זיך צו ווייזען, — און פּרובירען אָפּראמען די ברוך־שטיקער, פארבאנדאזשירען די פערוואונדעטע, מאַכען גוט אויף ווי ווייט דאָס איז מעגליך דאָס וואָס פֿאַרד האָט אָהן א זינן און אָהן א פארוואָס קאליע געמאכט.

מאנכע פון די וואָס זיינען פּלוצלינג און אָהן אַ אורזאכע ארויסגעשליידערט געוואָרען פון זייערע שטעלען, ווערען שטילערהייט צוריקגענומען און מאנכע וואָס זיינען אויפ'ן באפעהל פון "צאר" טראנספערירט געוואָרען ווערען צוריקגעבראכט אויף זייערע אלטע פּלעצער. געוויסע דעפּארטמענטס וואָס זיינען אויף פֿאַרד'ס באפעהל פּלוצלינג אָפּגעשאפט געוואָרען ווערען צוריק איינגעפיהרט. מען הויבט אָן צוריקבויען דאָס וואָס איז פארניכטעט געוואָרען און דאָס איז אָפטמאהל ניט בלויז א פראזע, ווארום ווי אויבען דערמאהנט, קומען טאקי פאַר פיזישע פארניכטונגען אין צייט פון פֿאַרד'ס אַנפאלען. אפּיסעס ווערען צובראָכען און פארניכטעט, מאשינען ארויסגעוואָרפען און מען מוז נאכהער גאנץ מאכען וואָס איז פריהער צובראָכען געוואָרען.

אָבער זעלטען געלינגט אלעס גוט צו מאכען וואָס פֿאַרד האָט קאליע געמאכט. פּונקט ווי נאָך א שלאכט קען מען ניט אלע פון די פארוואונדעטע צוריק אויסהיילען. געגען פיעלע בלייבט פֿאַרד פארביסען און ענטזאגט זיך זיי צוריקצונעהמען און פיעלעס וואָס איז אבסאָלוט נויטיג פאר דער געשעפטס־ארגאניזאציע ענטזאגט ער זיך צוריק איינצופיהרען.

מארקיס דערצעהלט אונז אז נאָך אַזוינע שטורמס בלייבט די פֿאַרד־ארגאניזאציע אָפּגעשוואכט. מענשען פארלירען זייער גלויבען און צוטרויען.

ווען אַזוינע איבערקערענישען קומען פאר ווייסען נאר די וואָס שטעהען

נאהענט צו פארד׳ן פון וואנען דער שטורם נעהמט זיך. די גרויסע מאסע ארבייטער און אפים אנגעשטעלטע ווייסען זעהר ווייניג און די יעניגע אויף וועמען די בייטש פאלט מיינען גאנץ אפט, אז פארד זעלבסט איז אין גאנצען אומשולדיג און אז אנדערע זיינען דאפיר פעראנטווארטליך.

אין דער ווירקליכקייט קומט עס אבער אלץ פון פארד׳ן וועלכער ווי דאן ווען דר. דזשעקעל ווערט פערוואנדעלט אין א מר. האיד, איז אין די מאמענטען פון זיינע אנפאלען געפעהרליך, ברוטאל און אומ׳רחמנות׳דיג.

אבער אויב האבענדיג דאס אלעס אין זינען וועט יעמאנד מיינען, אז ער קען שוין דעם ווירקליכען פארד׳ן, האט ער ערשט דאן א טעות. פארד איז פול מיט ווידערשפרעכונגען. ער איז א מישמאש פון כאראקטער שטריכען.

דער זעלבער מארקיס, וועלכער קען דאכט זיך פארד׳ן אזוי גוט, זאגט אויף אן אנדער פלאץ, אז טראץ דעם וואס ער איז געוועזן מיט איהם אזוי אינטים און האט געהאט אזוי פיעל געלעגענהייטען איהם צו שטודירען, קען ער אבער דאך נימ געבען א גענויען בילד פון איהם. פארד איז איינפאך אזוי פערפלאנטערט און אומפארשטענדליך דאס ער שטעלט ווירקליך פאר א שווערע פראבלעמע פאר׳ן פסיכאלאג.

מארקיס זאגט, אז קיינע פון די פאטאגראפיעס פון פארד׳ן גיבען א ריכטיגען בילד פון איהם. ניט די קאמערא און ניט די האנד פון א מאהלער קענען ארויסברייגגען דעם אינערליכען פארד. פארד׳ס געזיכט איז אויסבעהאלטען, ווידערשפרעכענד, אומבאשרייבליך און איז ניט צום פאטאגראפירען און ניט צום מאהלען.

און פונקט ווי זיין פנים אזוי איז זיין אינערליכער אויסזעהן. מען קען עס ניט איבערגעבען אין א מענשליכע שפראך. פארד בייט זיך ווי דער וועטער און קען קיינמאהל ניט פארשטאנען ווערען ווי געהעריג.

ער ווערט באהערשט פון זיינע געפיהלען און איז אימפולסיוו, און אזוי ווי זיינע געפיהלען בייטען זיך פונקט ווי זיינע מיינונגען, קען מען קוים וויסען וואס ער איז אין דער ווירקליכקייט און וואס ער וועט טהאן אין דעם נעקסטען מאמענט.

ווארום אויב ער טהוט א זאך איינמאהל, קען ער א צווייטען מאל טהאן פונקט פארקעהרט. פארד איז אבער אין דער זעלבער צייט פארביסען, ראכעגייציג און וועט קיינמאהל ניט פארגעבען זיינעם א פיינד.

זיין אומוויסענהייט שפיעלט נאטירליך א גרויסע ראלע אין אלע זיינע טהאטען. ווארום אזא מענש ווי ער וואס ווייס ווייניג און קריגט זיין אינפאר־

מאציע פון אזוינע וואס האבן פערזענליכע אורזאכען איהם צו שמייכלען און צו שפיעלען אויף די סטרונעס פון זיין עגאאיזמוס, קען ווירקליך ווערען גע־פעהרליך ווי ער איז עס טאקי געווארען.

ער איז געווארען געפעהרליך נים נאר פאר די וועלכע ארבייטען אונטער איהם, נאר אויך פאר מיליאנען אנדערע, שוין נים ריידענדיג פון די אידען וועמעס פארביסענער שונא ער איז און הערט נים אויף זיי צו אטאקירען.

פאר דער וועלט איז פארד אימער געווען דער "דר. דזשעקעל", דער עדעלער, דער גוטער. פון דעם וואס ער באזיצט די צווייטע פערזענליכקייט פון א מר. האיד האט קיינער נים געוואוסט, און גאנץ ווייניג ווייסען עס נאך איצט אויך, און מיט דעם ווערט ער נאך געפעהרליכער ווייל די וועלט ווייס נים מיט וועמען מען האט דא צו טהאן, וואס פארד שטעלט מיט זיך פאר אין דער ווירקליכקייט.

דאס פאסיגסטע וואס קען אפשר געזאגט ווערען וועגען העברי פארד פער־זענליך איז דאס וואס מארקיס אליין זאגט. פארד איז ווי דער "פארדעל". דער אטאמאביל וואס ער האט באשאפען. ער איז אין גאנצען מעכאניש. עס פעהלען איהם די העכערע מאראלע ווערטהען, עס פעהלען איהם די העכערע מענשליכע געפיהלען, דער העכערער מענשליכער פארנונפט.

פון פארד'ן, פארענדיגט מארקיס, קען נאר געגעבען ווערען א רייהע פון איינדריקע וואס וועלען צוזאמענשטעלען א רייהע בילדער פון איהם, וועלכע וועלען זיין פערשידענארטיג און וואס אלע צוזאמען וועלען זיי געבען א באגריף פון דעם וואס פארד שטעלט מיט זיך פאר אין דער ווירקליכקייט. קיין איינציג בילד פון איהם קען נים געגעבען ווערען, ווייל פארד איז נים קיין איינציג און גאנצע פערזענליכקייט. עס איז נאך אפשר נים גענוג צו זאגען, אז ער איז א דאפעלטע פערזענליכקייט. ער איז אין דער ווירקליכקייט פיעלע אין איינעם, מיט דאס ביסעלע גוטעס וואס איז אין איהם פארדונקעלט און באהערשט פון דאס פיעלע שלעכטעס...

## 17. — פארד דער אידען־פרעסער

**זיינע אונפארשעהמטע אטאקעס אויף אידען וועלכע האלטען נאך אן. — זייער נייעסטע בלבולים אויף אידען. — אידען־העצעריי איז געווארען פארדים מאניא.**

דער גרעסטער שאנד־פלעק וואס הענרי פארד וועט אויף זיך אייביג טראגען, איז זיין אנטיסעמיטיזם. דיזען שאנד־פלעק וועט ער זאגאר מיטנעהמען מיט זיך אין קבר. ווארום ווען פון איהם וועט שוין מעהר קיין גערעכניש ניט זיין וועלען אידען איהם דערמאהנען צוזאמען מיט די המן׳ס, די טארקוועמאדאס, די קרושעוואנס און די אלע אנדערע פארביסענע שונאים וואס זיי האבען געהאט אין פארלויף פון זייער לאנגען גלות. אין דיזען הינזיכט האט פארד זיך פעראייביגט און אויב ער האט געזוכט אומשטערבליכקייט ווי יענער גריכישער שקלאף וועלכער, אום צו פעראייביגען זיין נאמען האט אונטערגעצונדען און פארניכטעט איינע פון די בארימטעסטע געביידען אין אלטען אטהענס, דאן האט פארד זיין ציעל ערדייכט. ער האט זיך מיט זיין אנטיסעמיטיזם איינגעקויפט "אומשטערבליכקייט".

פארד איז אהן צווייפעל דער געפעהרליכסטער שונא וואס אידען האבען ווען געהאט, שוין דערפאר אליין וואס זיינע מעגליכקייטען זיינען אומבאגרענעצטע. זיינע אטאקעס אויף אידען זיינען ניט באשרענקט צו דעם "דירבארן אינדעפענדענט" וואו זיי ווערען געדרוקט. פארד׳ס "פובליסיטי" מאשין גיט אכטונג אז דיזע אטאקעס זאלען געפינען פלאץ אין דער גאנצער פרעסע פון לאנד און אז זיי זאלען ברייט און ווייט דיסקוטירט ווערען. ווארום אייגענטליך האט פארד דעם "דירבארן אינדעפענדענט" געקויפט אום איהם צו פערוואנדלען אין זיין פערזענליכען ארגאן פון וועלכען די גאנצע פרעסע פון לאנד זאל ארויסנעהמען די גרויסע "תורה" וואס דער אנטיסעמיט זוכט צו פערשפרייטען.

און מיר האבען טאקי געזעהן ווי יעדעס ווארט וואס פארד האט געזאגט און זאגט געגען אידען ווערט צושפרייט איבער׳ן גאנצען לאנד און זאגאר ווייט איבער די גרענעצען פון לאנד. פארד איז געווארען דער "רבי" ניט נאר פון די אמעריקאנער אנטיסעמיטען, נאר אויך פון די אנטיסעמיטען פון אנדערע לענדער. איבעראל ווערט ער ציטירט און איבעראל נעהמט מען איהם פאר א ביישפיעל. אויב פארד אטאקירט די אידען איז דאך מסתמא ווירקליך דא פאר וואס זיי צו אטאקירען...

פּאָרד איז אָבער אויך געפּעהרליך צוליעב זיין פּערזענליכען כאַראַקטער. ער איז א נוקם ונוטר. ער איז אויך א געפעהרליכער "פייטער". האט ער זיך אונטער־נומען א זאך וועט ער עס ניט אויפגעבען און זייענדיג אזוי מעכטיג און אזוי אויטאָקראַטיש ווי ער איז, מעג מען זיך ריכטען אז זיינע אטאקעס אויף אידען וועלען אפשר קיינמאהל ניט אָפּגעשטעלט ווערען.

ווארום ווען אפילו פּאָרד אליין וועט פאַרזיכערען, ווי ער האט עס שוין געטהאָן, אז ער וועט אָפּשטעלען זיינע אטאקעס אויף אידען, קען מען זיך ניט פּאַרלאָזען אויף איהם, ווארום ווי דער לעזער האט שוין געזעהן פון די פריהער־דיגע קאַפּיטלען איז פּאָרד בכלל ניט דער מענש וועמעס ווארט מען קען גלויבען. ער קען פאַרשפּרעכען איין זאך און טהאָן פונקט דעם היפוך. ער איז אויך וואס מען וואָלט אין אידיש גערופען, א "להכעיס'ניק", איינער וואס האט ליעב זיך מיט יענעם צו רייצען, לאָזען יענעם זיך פרעגלען פאר זיינע אויגען אויפ'ן סקאַווראָדע. ער איז דארום קאַפּאַבעל צו פאַרשפּרעכען א זאך בלויז מיט דער כונה יענער זאָל נאכהער זיין נאך מעהר איבערראשט צו זעהן אז ער, פּאָרד, האט געטהאָן דעם היפוך.

אלס רעזולטאט פון דיזע כאַראַקטעריסטיקס וואס מיר האבען געזעהן אין פּאָרד'ן וואָלט מען שוין געדאַרפט גאַנץ וועניג בויען אויף זיינע פאַרשפּרע־כענס, אז ער וועט אידען מעהר ניט אטאקירען. מען וואָלט אין פאָראויס גע־קענט זאָגען, אז פּאָרד וועט ניט האלטען ווארט אויב ער האט אין גאַנצען גע־מיינט ערנסט ווען ער האט עס געהאט געזאָגט.

אָבער צו וואס זיך פּלפּול'ן ווען די פאקטען ריידען פאר זיך. פּאָרד האט טראָץ זיין פאַרשפּרעכען אָפּצושטעלען זיינע אטאקעס אויף אידען, די אטאקעס ניט אָפּגעשטעלט, און זיין "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" האלט נאך אלץ אין גיסען פּאָמוינִיצעס אויף די אידישע קעפּ.

אז ער וועט אָפּשטעלען זיינע אטאקעס אויף אידען האט פּאָרד ניט נאר געהאט ערקלעהרט אין זיין "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" און דורך דער אלגעמיי־נער פרעסע נאָר אויך אין א ספּעציעלען אינטערוויו מיט אַלען ל. בענסאָן, דער געוועזענער סאָציאַליסטישער קאַנדידאט פאר פּרעזידענט, וועלכער האט לעצ־טענס ארויסגעגעבען א ביאָגראפיע פון הענרי פּאָרד.

ווי בענסאָן גיט איבער, האט פּאָרד געהאט ערקלעהרט, אז ער וועט מעהר די אידען ניט אטאקירען דערפאר וואס ער זאָל האָבען איינגעזעהן, אז זיינע אטאקעס זיינען צו שעדליך. פּאָרד האט געזאָגט בענסאָן'ען, אז ער האט איינ־געזעהן, אז זיינע אטאקעס האָבען ארויסגערופען א שטאַרקען אנטיסעמיטיזם אין אמעריקא און ער האט מורא, אז דאס זאָל ניט פיהרען צו ערנסטע פאָלגען.

"אויב מיר זאָלען עס ווייטער אָנהאַלטען", האָט פאָרד געזאָגט צו בענסאָן'ען, "דאַן קען עפּעס פּאַסירען צו די אידען, און איך וויל ניט, אז זיי זאָל געשעהן שלעכטעס". וואָס פאָרד האָט מיט דעם געמיינט העכסט וואהרשיינליך איז, אז זיינע אטאקעס קענען נאָך פיהרען צו גוואַלדטהאַטען געגען די אידען, איינ־פאַך צו פּאָגראָמען, און דער אנטיסעמיט פון "דיערבאָרן", וועלכער איז בטבע א פייגלינג, האָט זיך דערשראָקען פאר זיינע אייגענע טייפלישע ארבייט און האָט פארזיכערט בענסאָן'ען, אז מעהר וועט ער אידען ניט אטאקירען.

אָבער ווי געזאָגט, האָט פאָרד זיינע אטאקעס אויף אידען קיינמאָהל ניט אָפּגעשטעלט אָדער זיי אָפּגעשטעלט און זיי גלייך באנייט.

ווארום מען דארף געדענקען אז זאָגאר אין דער קורצער צייט וואָס דער "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" האָט ניט געהאט געדרוקט קיינע שענדליכע בלבולים אויף אידען און וואָס אָפּיציעל האָט עס געזאָלט הייסען, אז פאָרד האָט מעהר ניט בדעה צו אטאקירען אידען — האָט פאָרד ניט געהאט איז גאנצען אָפּגעשטעלט צו פארשפּרייטען די אידען־העצעס.

אויף דער אויטאָריטעט פון ע. ג. פּיפּ און אנדערע, האָט פאָרד דאן געהאַל־טען אין פארשפּרייטען די ביכלעך אין וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט די אנטי־סעמיטישע ארטיקלען פון "דיערבאָרן אינדעפּענדענט". עס וואָלט אויסגעקוקט, ווי פאָרד האָט אָפּגעשטעלט דרוקען נייע ארטיקלען בלויז דערפאר וואָס ער האָט געוואָלט פארשפּרייטען די פריהערדיגע אין דער בוך־פאָרמע אין וועלכע זיי זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען, פּונקט ווי ער טהוט עס דאָס רוב מיט זיינע אויטאָ־מאָבילכלעך ווען ער האָט אן איבער־פּראָדוקציאָן. ער שטעלט דאן אָפּ די ארבייט אין זיינע פאבריקען און זעהט פריי צו ווערען פון "סטאָק" וואָס ער האָט.

מר. פּיפּ, וועלכער קען פאָרד'ן זעהר גוט, האָט טאקי דאן געווארנט, אז מען זאָל ניט גלויבען פאָרד'ן און אז מען זאָל ערווארטען נייע אטאקעס פון איהם, אלענפאלס זאָל מען וויסען, אז די אנטיסעמיטישע העצעס זיינען אין גאנצען ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען.

אָבער מיר וועלען נאָך צוריקקעהרען צו דיזען אינצידענט. דערווייל ווילען מיר בלויז איבערגעבען פאקטען וועגען פאָרד'ס נייעסטע אטאקעס אויף אידען.

פּונקט ווי פאָרד קען ניט אויסלאָזען די אידען אין זיינע פּריוואט געשפּרע־כען, אזוי קען ער ניט ריידען וועגען קיין פראגע פאר דער עפענטליכקייט ניט ארויפקומען אויף די אידען. ריידען וועגען אידען און זיי אטאקירען איז ביי איהם געוואָרען א מאַניאַ.

ניט לאנג צוריק האבען מיר געלעזען אין דער אלגעמיינער פרעסע וועגען פארד'ס אן ערקלערהרונג וועגען מעקסיקא. וואס פאר א שייכות האט דאכט זיך מעקסיקא מיט די אידען? פארד האט שוין אבער געפונען דעם שייכות. ריידענ־דיג וועגען דער נויטווענדיגקייט צו באנייען די פארבינדונגען מיט מעקסיקא, ערקלערהרט פארד אין מיטען דערינען אז מעקסיקא איז געביך דער קרבן פון ניט קיין אנדערע ווי אידען, און דוקא די ענגלישע אידען. מעקסיקא, זאל עס הייסען לויט פארד'ן, איז איינפאך פארשקלאפט געווארען פון די ענגלישע אידען. זי ווערט פון זיי עקספלואטירט און קען קיין קאפ ניט אויפהויבען און עס איז, לויט פארד'ס מיינונג, די פליכט פון אמעריקא צו קומען מעקסיקא צו הילף און איהר "באפרייען" פון די ענגלישע אידען.

אן אנדער ביישפיעל איז דער אינטערוויו וואס פארד האט ניט לאנג צו־ריק געגעבען צו טשארלס וו. וואוד, און וואס איז געווען געדרוקט אין "קא־ליערס" וואכענשריפט. דער אינטערוויו האט, דאכט זיך, געזאלט זיין וועגען פארד'ס פאליטישע אמביציעס. פארד האט אבער ניט געקענט אויסמיידען די אידען און איז ארויס מיט דער אומגעלומפערטער און אידיאטישער באהויפ־טונג, אז אידען זיינען פעראנטווארטליך פאר'ן יוניאניזם. די אידען, און דוקא די קאפיטאליסטישע אידען, הייסט עס, ארגאניזירען די ארבייטער פאר קיין אנדער צוועק ווי מיט דעם צו שטערען די ארבייט און פראדוקציע. די כונה פון די רייכע אידען דערביי, לויט פארד'ן, איז דורך דעם צו קריגען קאנטראל איבער די אינדוסטריען פון לאנד.

פארד איז דא אייגענטליך געווען אויסען צו אטאקירען די יוניאנס, וועמעס ביטערער שונא ער איז. ער האט אין אינטערוויו געוואלט ארויסזאגען זיין געג־נער האט ניט נאר צו די יוניאנס אין אלגעמיין, נאר ספעציעל צו דער מיינערס יוניאן. ווארום פארד אלס איינער פון די גרויסע מינען אייגענטהימער האט גוטע אורזאכען ניט צו וועלען האבען זיינע ארבייטער ארגאניזירט. און פארד האט קיין גרעסערע חכמה ווי דאס, אז די יוניאנס שאפען פוילענצער, ניט געקענט ארויסזאגען. אבער דערביי האט ער געמאכט די וואונדערליכע ענטדעקונג פון וואנען יוניאניזם נעהמט זיך אין גאנצען, — פון די אידען און די רייכע אידען, וועלכע נוצען די יוניאנס אוים פאר זייערע אייגענע צוועקען...

וואס אנבעלאנגט דעם "דירעבארן אינדעפענדענט" געהט ניט אוועק די וואך וואס די אידען זאלען דארט ניט אטאקירט ווערען. זאגאר דארט וואו דער ענין האט גאר קיין שייכות מיט אידען ווערען די אידען דערמאהנט און עס ווערט אויף זיי אימער געטייטעלט מיט'ן פינגער אלס די דאזיגע וואס פארדארבען דאס

לאנד, וואס האבען א האנד אין אלעס און וואס זיינען פעראנטווארטליך פאר אלע איבלען.

מיר האבען בלויז געדארפט דורכבלעטערען די נומערען פון "דיערבארן אינדעפענדענט" פון מאנאט יולי, 1923, און מיר האבען דארט געפונען אזוי פיעל ביטערע אטאקעס און אינסינואציעס אויף אידען, דאס עס וואלט גענוג געווען פאר א פוילישער אנטיסעמיטישער בלעטעל פאר א יאהר צייט.

אין איין נומער געפינט זיך אן ארטיקעל וואס דארף זיין אן אפהאנדלונג וועגען שוואכזיניגקייט אין אמעריקא. דער "דיערבארן אינדעפענדענט" באמיהט זיך צו באווייזען, אז גראדע די אימיגראנטען ליפערען די גרעסטע צאהל שוואכזיניגע און אזוי "אומגעווינשטע". עס קומט צו די אימיגראנטען פון רוסלאנד און פוילען און דערביי ווערט געמאכט די באמערקונג אז מען זאל וויסען, אז וואס אנבעלאנגט די אימיגראנטען פון דיזע לענדער, זיינען זיי די מעהרסטע אידען און מען דארף דארום וויסען אז דער "שלעכטער עלעמענט" זיינען די אידען . . .

אין א צווייטען נומער נעהמט זיך פארד אונטער צו אטאקירען די אלגעמיינע פרעסע פון לאנד. פארד וויל צייגען, גערעכט צו אומגערעכט, אז די פרעסע איז פערקויפט צו די אדווערטייזערס. די איראניע פון שיקזאל איז דא וואס פארד, וועלכער זוכט זיך ארייגצורייסען אין דער פרעסע אהן צו באצאהלען דאפיר, בגנבה, האט טענות וואס די באצאהלטע אדווערטייזערס האבען אן איינפלוס. אבער דאס איז ניט דער עיקר. פארד דארף דארט איבערגעבען א בלומרשטען פאקט וועגען א פילאדעלפיער דעפארטמענט סטאר, וועלכער זאל האבען בעאיינפלוסט די צייטונגען דורך איהרע אדווערטייזמענטס. איז דאך גוט. פארגעסט אבער פארד ניט אונטערצושטרייכען, אז דאס איז א אידישע דעפארטמענט סטאר.

פארד האט זיך מיט אמאהל אויך געוואלט צייגען אז ער פארזעהט ניט קיין ריין וויסענשאפטליכע פראבלעמען און ער דרוקט אן ארטיקעל מיט א שרייענדען "קאפ" וועגען דעם וועלט־בעריהמטען אידישען געלעהרטען אלבערט איינשטיין. דער ארטיקעל איז אבער ניט צו לויבען איינשטיין'ען אדער צו דערצעהלען וועגען זייערע גרויסע ענטדעקונגען און טעאריען. דארט ווערט דערצעהלט אז איינשטיין איז א פלאגאריאט, א שווינדלער.

די אטאקע וואס דער אמעריקאנער אסטראנאם סי האט געמאכט אויף איינשטיינען ווערט איבערגעגעבען אין אלע פרטים. אבער דאס איז נאך ניט גענוג. דארט ווערט אונטערשטראכען דער פאקט, אז איינשטיין איז א איד. און עס איז קלאהר, אז די כונה איז ניט אזוי אויפצודעקען איינשטיין'ס "שווינ־

דעל״, נאָר צו צייגען פאר דער וועלט, אז דער איד איינשטיין איז א שווינדלער און טאקי מיט דעם זיך באנוצען אלס ארגומענט, אז אידען גיבען גאָר ניט ארויס אָריגינאַלעס, נאָר באנוצען זיך אימער מיט פרעמדע אידעען.

דער ״דיערבאָרן אינדעפּענדענט״ מאכט דעם איינדרוק זאָגאָר איצט ווי דאָס, אז פאר פאָרד'ן וואָלט קיין אנדער פּראָבלעם ניט עקזיסטירט, נאָר די אידען. פאָרד האָט די אידען ניט פארגעסען און וועט מיט זיין קיינמאָהל ניט שלום מאכען. ער איז זייער געשוואָרענער שונא און וועט זיי אימער פערפאָל־גען. אלענפאלס מוזען זיך אידען איצט רעכענען מיט פאָרד'ן אלס זייערער א שונא וואָס הערט ניט אויף זיי צו אטאקירען און שיינט גאָר ניט צו האָבען בדעה זיינע אטאקעס אויף זיי אפּצושטעלען.

## 18. — די רעטעניש פון פארד׳ס אנטיסעמיטיזם

די פארשיעדענע ערקלערונגען וואס ווערען געמאכט. — פארד׳ס פארביסענהייט. — דער איינפלוס וואס רוסישע שפיאנען און אידען-פרעסער האבען געהאט אויף דעם אטאמאביל-מאגנאט.

איב עס איז שוין פאר אלעמען קלאהר אז פארד איז א פארביסענער שונא פון אידען און אז ער איז ענטשלאסען ניט אויפצוגעבען זיינע אטאקעס אויף זיי, איז נאך אבער פאר פיעלע גאר ניט קלאהר ווי אזוי און ווארום פארד איז געווארען אן אנטיסעמיט און ווי אזוי און ווארום ער האט עס געמאכט אלס זיין "מיסיאן" צו באקעמפפען די אידען און צו פאר׳סם׳ן די מוחות פון אמעריקאנער פאלק מיט אנטיסעמיטישע פראפאגאנדא.

מיט דער אויסנאהמע פון די פראפעסיאנעלע אנטיסעמיטען האט נאך קיי־נער ניט אנגעפיהרט אזא סיסטעמאטישע אטאקע אויף אידען ווי דאס טהוט פארד, וועלכער באנוגענט זיך ניט בלויז מיט ארטיקלען וואס ווערען געדרוקט געגען די אידען אין זיין "דיערבארן אינדעפענדענט", נאר פיהרט אן זיין אנ־טיסעמיטישע פראפאגאנדא דורך ביכער, וועלכע ער פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. די פראגע וואס מען האט אימער געשטעלט איז געווען, וואס האט פארד׳ן געבראכט צום אנטיסעמיטיזם? ווארום האט ער זיך פלוצלינג אווארף געטהאן אויף די אידען מיט וועלכע ער איז אזוי ווייניג געקומען אין באריהרונג?

וועגען דעם זיינען פערשידענע מיינונגען אנגעגעבען געווארען. דער בע־וואוסטער זשורנאליסט נארמאן האפגוד, צום ביישפיעל, האט עס ערקלעהרט דערמיט וואס פארד איז בעאיינפלוסט געווארען פון געוויסע רוסישע מאנארכיס־טען און שפיאנען. פארד, הייסט עס, האט פון דיזע רוסען ניט נאר געקראגען די "באווייזע" געגען די אידען, נאר האט פון זיי אויך געלערנט די גאנצע אנטי־סעמיטישע תורה. אז פארד האט זיך באנוצט מיט אנטיסעמיטען פון אלטען צארען־לאנד שיינט צו זיין גוט בעגרינדעט. דאס איז שוין אבער לויט אלע וואהרשיינליכקייטען געווען נאכדעם ווי ער איז שוין געווען בעשלאסען צו אטאקירען די אידען.

אלען ל. בענסאן, וועמען מיר האבען שוין פריהער דערמאהנט און וועלכער האט ארויסגעגעבען א בוך וועגען פארד׳ן, שרייבט, אז פארד האט איהם גע־

זאגט, אז דאס וואס ער האט פארעפענטליכט געגען די אידען איז איהם איבערגעגעבען פון א אידען זעלבסט.

עס ווערט אויך באהויפטעט, אז פארד זאל האבען געקראגען זיין פאראורטהייל געגען אידען אלס רעזולטאט פון געוויסע האנדעלס פארבינדונגען וואס ער האט געהאט מיט אידישע באנקירען. פארד האט פון אימער א הארץ אויף די וואל סטריט באנקירען, וועלכע ער זאגט, ווילען איהם ארייננקריגען אין זייערע לאפעס און וויל פארבינדען וואל סטריט מיט אידען. עס זאל הייסען, אז אידען זיינען באנקירען אדער בעסער געזאגט, אז אידישע באנקירען קאנטראלירען וואל סטריט.

פון דעם וואס פארד האלט אימער אין אטאקירען די אינטערנאציאנאלע באנקירען און וואס די אינטערנאציאנאלע באנקירען זיינען ביי איהם נאר די אידען איז צו מערקען, אז דאס נעהמט זיך הויפטזעכליך פון זיין אמאליגען כלומרשטען פאסיפיזם.

פארד, וועלכער האט געשפיעלט די ראלע פון א פאסיפיסט, האט מסתמא געוואלט דערגעהן ווער עס איז פעראנטווארטליך פאר דער מלחמה און ווער עס פעראורזאכט מלחמות אין אלגעמיין. און ״דערגאנגען״ איז ער, אז מלחמות קומען נאר פון די ״אינטערנאציאנאלע באנקירען״, און אזוי ווי די אינטערנאציאנאלע באנקירען זיינען, לויט א צווייטער ערקלעהרונג וואס מען האט געגעבען, אידען, איז אלעס ביי איהם ״קלאהר״ געווארען. די אינטערנאציאנאלע אדער אידישע באנקירען ברייגנען מלחמות אויף דער וועלט, און אויב זיי ברייגען מלחמות, מיינט עס דאך אז זיי קאנטראלירען די גאנצע וועלט, און אויב מען וויל ברייגנען שלום אויף דער וועלט, מוז מען באקעמפפען אט דיזע באנקירען. פארד האט אלזא ״ענטדעקט״ די גאנצע ״אידישע קאנספיראציע״, און איז ארויס באקעמפפען די אידען צו רעטען די וועלט פון זייערע הענד.

עס שיינט אויך צו זיין אמת, אז פארד׳ס אנטיסעמיטיזם איז געבארען געווארען אין פארבינדונג מיט דער ״פריעדענס עקספעדיציע״ דורך וועלכע ער האט זיך אזוי לעכערליך געמאכט פאר דער גאנצער וועלט. די עקספעדיציע איז געווען דער אויפטהו פון א אידישקע, די אידיש־אונגארישע פרוי ראזיקא שווימער. פארד, וועלכער האט שפעטער איינגעזעהן די לעכערליכקייט פון דער עקספעדיציע האט געהאט א ״הארץ״ אויף דיזער אידישער פרוי, און, ווי געוועהנליך, שוין אויך אויף אלע אידען. ער האט דאן בלויז געדארפט הערען די אנטיסעמיטישע תורה וואס איז אלעמען אזוי גוט בעוואוסט אום צו ווערען בעאיינפלוסט און אנהויבען דענקען אז ער האט ווירקליך ענטדעקט פון וואנען מלחמות נעהמען זיך און ווער עס איז פעראנטווארטליך פאר אלע איבלען אויף דער וועלט.

די "פּראָטאָקאָלען פון די זקני ציון" זיינען שוין לאַנג געווען פאַרטיג. זיי האָבען בלויז געדאַרפט אריינפּאַלען אין די "ריכטיגע הענד" צו קריגען זייער "תיקון", און פאָרד איז געווען די ריכטיגע פּערזאָן, ווייל'כער זאָל זיין דער ערשטער פּיליכט טאָקי אין זיי צו גלויבען און צו מיינען אז די ענטדעקונג איז ווירקליך איינע פון די גרעסטע.

פאָרד, דער עם הארץ, פאָרד, דער ניט איבערשפּיצטער ענטוזיאַסט, איז געווען אין דער געהעריגער שטימונג דאָס אַלעס אויפצונעהמען און עס קען אַנגענומען ווערען אז אין אנפאַנג האָט ער גאַנץ ערנסט געמיינט, אז ער האָט דאָ אויפגעדעקט די "קוועלע פון אַלע איבלען", און אז ער געהט אויפטהאָן א גוטע זאַך פאַר דער וועלט, און, ווי ער האָט געהאַט באהויפּטעט, אויך פאַר אידען זעלבסט, ווען ער וועט זיי ארויסשלאָגען פון קאָפּ, אז זיי קענען ווען ווירקליך ווערען די "באהערשער פון דער וועלט", ווי, לויט זיין באהויפּטונג, דאָס זאָל האָבען געווען און איז נאָך איצט אויך זייער ציעל אין לעבען.

עס קען זיין אז ווען פאָרד וואָלט ניט געווען אזוי אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט און ווען די ריכטיגע פּערזאָנען וואָלטען געקענט קומען מיט איהם אין באריהרונג און איהם ווירקליך אויפקלעהרען, וואָלט ער פּיעלייכט זיך געהאַט ארויסגעשלאָגען פון קאָפּ וועגען די "זקני ציון" און די אַלע אנדערע אומזיניג־קייטען וואָס ער האָט געזאָגט און זאָגט נאָך וועגען די אידען. פאָרד איז אָבער דער אָפּגעשלאָסענער מענש און ער איז ארומגערינגעלט פון א שייקע וועמען עס האָט זיך גאַנץ גוט געפּאַסט צום רומעל די אַלע אַנטיסעמיטישע העצעס און פאָרד איז אזוי איינגעוויגט געוואָרען אין דיזער אנטיסעמיטישער תורה, אז ער איז שפּעטער שוין אליין געוואָרען פאָלקאָם "איבערציינגט", און מיט זיין נאַטירליכער עקשנות און פאַרביסענקייט איז ער געוואָרען א "פאַרלאָרענער".

ווארום לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען איז עס אבסאָלוט האָפנונגסלאָז, אז פאָרד זאָל ווען אויפגעבען זיין אנטיסעמיטיזם, סיידען עפּעס אונערוואַרטעטעס זאָל פּאַסירען.

די האָפנונגסלאָזיגקייט פון פאָרד'ס אנטיסעמיטיזם איז צו זעהן פון דעם וואָס בענסאָן גיט איבער אין זיין בוך. בענסאָן איז געווען שטאַרק אויפגעטראָ־גען מיט פאָרד'ן. ער האָט דעם בוך איבער פאָרד'ן געשריבען ביי פאָרד'ן איז אָפּיס. אין די געשפּרעכען וואָס ער האָט געהאַט מיט פאָרד'ן, איז מען ענדליך ארויפגעקומען אויף דער אידען־פראַגע און פאָרד האָט דערלאַנגט בענסאָן'ן זיינע ביכער מיט די איבערגעדרוקטע אנטיסעמיטישע ארטיקלען פון "דיערבאָרן אינדעפּענדענט".

אביסעל שפעטער האט פארד געפרעגט בענסאן'ען אויב ער האט געלעזען די ביכער. בענסאן האט געזאגט, אז ער האט געלעזען א טהייל פון זיי.

"לעזט זיי באלד אויפ'ן שטעל", האט פארד א זאג געטהאן צו בענסאן'ען, "און אויב איהר שטימט מיט מיר ניט איין, דאן זאלט איהר זיך מעהר פאר מיר ניט ווייזען".

פארד האט זיך אבער אביסעל שפעטער באדענקט און געזאגט בענסאן'ען אז ער מעג דאך קומען איהם זעהן ווען ער וועט וועלען. געצייגט האט עס אבער ווי פארביסען פארד איז אין זיין אנטיסעמיטיזם.

איינציגע טעג שפעטער האט פארד ווידער געזאגט צו בענסאן'ען, אז אויב ער נעהמט ניט אן זיין אנטיסעמיטישע תורה, דאן זאל ער זיך פאר איהם ניט ציינען. בענסאן, וועלכער ווייס גוט וואס פארד דענקט, פארזיכערט אז פארד וועט קיינמאהל ניט ענדערען זיין אנטיסעמיטישע שטעלונג, און אז זאגאר ווען ער וועט אפשטעלען זיינע אטאקעס אויף אידען, וועט ער בלייבען אין הארצען דער זעלבער אנטיסעמיט וואס ער איז די גאנצע צייט געווען.

דאס דארף פאר אידען קלאהר מאכען, אז מיר האבען פון פארד'ן גאר ניט צו ערווארטען, נאר נייע אטאקעס, וועלכע ער מאכט טאקי כמעט אהן אויפהער, און דער ענטפער דארף זיין קאנטער־אטאקעס, וועלכע ווי מיר וועלען שפעטער זעהען, קענען זיין די איינציגע ארגומענטען וועלכע וועלען פארד'ן איבערציינגען, ספּעציעל ווען די אידישע קאנטער־אטאקעס מוזען שטארק געפיהלט ווערען אין פארד'ס לאגער.

ווארים מיט געוועהנליכע ארגומענטען וועט מען פארד'ן גאר ניט איבער־ציינגען. א ביישפּיעל קען גענומען ווערען טאקי פון איינע פון די נייעסטע אטאקעס וואס פארד האט געמאכט אין זיין "דיערבארן אינדעפּענדענט" אויף אידען. דיזע אטאקע צייגט קלאהר ווי פארד'ס מוח איז פארדרעהט און ווי וועניג ער רעכענט זיך מיט פאקטען און מיט לאגיק.

די באטרעפענדע אטאקע באציהט זיך אויף אן אינצידענט וואס איז פאר־געקומען אין דעיטאן, אהייא.

פאסירט האט עס אין אפּריל 1923, א גלח פון דעיטאן, מיט'ן נאמען אייזענבערג, האט אין א דרשה אין דער קירכע געמאכט איינע פון די ביטער־סטע און שענדליכסטע אטאקעס אויף אידען. אז די אטאקע איז געווען ביטער און שענדליך איז טאקי צו זעהן פון דעם וואס פארד אליין גיט איבער וועגען דעם גלח'ס רעדע. דער גלח האט צווישען אנדערעס געזאגט, אז די איינציגע אידען וואס קענען נאך געדולדעט ווערען זיינען די דייטשע, וועלכע צעהלען

זיך בלויז אייניגע הונדערט טויזענד אין אמעריקא. די איבריגע אידען, וואס קומען מעהרסטענס פון פוילען און רוסלאנד זיינען א געפאהר פאר אמעריקא. זיי זיינען דער ערגסטער עלעמענט, און מיט דעם האט זיך נאך דער גלח ניט באנוגענט. ער האט די אידען געווארנט אז די "פינסטערניש פון דער נאכט" קומט אן פאר זיי און אז זיי זאלען וויסען אז אמעריקא איז א קריסטליך לאנד און אז מען וועט זיי ניט שווייגען.

עס פארשטעהט זיך, אז אזא רעדע האט געמוזט ארויסרופען צווישען די אידען פון דעיטאַן א מהומה. און וואלט די רעדע ניט געווען ארויסגעטראגען ווייטער פון קלויסטער וואו זי איז געהאלטען געווארען וואלט נאך אפשר געווען א האלבע צרה. האט פאסירט אז די רעדע איז כמעט אין גאנצען איבערגעדרוקט געווארען אין דעם "דעיטאַן דזשוירנאל", א דארטיגע טעגליכע צייטונג. די אידען זיינען געווען אויסער זיך. אין דעיטאַן איז פאראן א ראבי, סעמיועל ס. מייערבערג. ראבי מייערבערג ווען ער האט דערזעהען די רעדע אין דער צייטונג, האט געטהאַן וואס יעדער אנדער רעפרעזענטאטיווער איד וואלט געטהאַן. ער האט צוערשט זיך געווענדעט צו דער צייטונג און פראטעסטירט וואס אזא אנטיסעמיטישע רעדע איז איבערגעדרוקט געווארען גאר אהן א פירוש. דאן האט ער זיך אויך געווענדעט צום גלח'ל און מיט איהם געהאט א געשפרעך איבער'ן טעלעפאן און איהם געלאזט וויסען, אז ער וועט איהם ענטפערען אין א דרשה אין זיין טעמפעל.

עס האבען זיך אויך אפגערופען אנדערע פראמינענטע אידען פון דעיטאַן און מען האט זיך געווענדעט צו דער צייטונג מיט'ן פערלאנג, אז אן עפענטליכע ענטשולדיגונג זאל געמאכט ווערען פאר דרוקען אזא עקעלהאפטע שטיק אנטי־סעמיטיזם. אן אונטערזוכונג האט געצייגט, אז דער "סיטי עדיטאר" פון דער צייטונג איז געווען פעראנטווארטליך פאר דעם און דער "סיטי עדיטאר" איז אפגעזאגט געווארען פון זיין שטעלע, און די צייטונג האט דאן געמאכט אן ערקלעהרונג, אז זי בעדויערט וואס אזא זאך האט פאסירט און וואס ראסען־האס איז געפרעדיגט געווארען און וואס אידען זיינען אזוי שענדליך באליידיגט געווארען.

אן אויספארשונג איז שפעטער געמאכט געווארען וועגען גאנצען אינצידענט אויסצוגעפינען וואס עס האט דעם גלח באוואויגען צו האלטען אזא גיפטיגע דרשה געגען אידען.

אט דאס זיינען די פאקטען פון אינצידענט, ווי פארד אליין גיט זיי איבער. פארד מאכט אבער פון דעם א געוואלדיגען סקאנדאל און א סקאנדאל ניט געגען די אידען, נאר פון די אידען. קודם כל קלאפט ער טרעוואגע, אז אידען האבען

אונטערדריקט זייע פרעסע און בעליידיגט א קריסטליכען גייסטליכען, און ווי ער דריקט זיך אין זיין ארטיקעל אויס, "געלאזט פאלען זייער קנוטע אויף דעיטאן אין דער זעלבער ארט און ווייזע ווי זיי האבען עס געטהאן אויף די רוסען אין רוסלאנד".

לויט פארד'ן איז עס געווען א פארברעכען פון די אידען צו פראטעסטירען פאר דרוקען די אנטיסעמיטישע רעדע אין דער צייטונג און פאר באשטעהן, אז די צייטונג זאל זיך ענטשולדיגען. דאס דיענט ביי איהם אלס באווייז, אז אידען אונטערדריקען די פרייהייט פון ווארט. פארד מאכט אויך דעם געשריי, אז דער בע'עולה'טער איז דער גלח און ניט די אידען.

ווארום דאס וואס דער גלח האט געזאגט וועגען אידען, בעהויפטעט פארד אין זיין ארטיקעל, איז געווען "אמת" און "אומפארטייאיש" און די אידען האבען גאר ניט געהאט קיין אורזאכע צו פיהלען זיך באליידיגט, אויב ניט פאר'ן פאקט וואס זיי ווילען קיינעם ניט געבען קיין געלעגענהייט צו זאגען אן אמתווארט וועגען זיי.

דיזער אינצידענט צייגט קלאהר ווי ווייניג גערעכטיגקייט אידען קענען געפינען ביי פארד'ן און ווי ווייניג פארד רעכענט זיך מיט לאגיק. ווארום וואס עס זאלען ניט זיין די אורזאכען און די מאטיווען פון פארד'ס אנטיסעמיטיזם, זיינע אטאקעס זיינען די אומגעלומפערטסטע און די ווילדעסטע.

## 19. — אנטיסעמיטיזם פאָרד'ס וואָטערלאָ

**אויב ער האָט געהאט שאנסען צו ווערען פרעזידענט האָט ער עס פארלאָרען צוליעב זיין אנטיסעמיטיזם. — ווי דער אידישער "וואוט" וועט זיין דער ענטשיידענדער פאקטאָר. — אפילו דער "קו קלוקס קלען" וועט איהם גאָר ניט קענען העלפען.**

אויב הענרי פאָרד, ווי מיר האבען שוין געזעהן, איז געבליבען פארביסען געגען די אידען און איז ענטשלאָסען פאָרטצוזעצען זיינע אטאקעס אויף זיי, קען אָבער קיין צווייפעל ניט זיין, אז דער אנטיסעמיטיזם וועט זיין פאָרד'ס וואָטערלאָ אין א פאָליטישען זינן. דער אנגענומענער כלל, אז קיינער וואָס פאנגט זיך אָן מיט אידען האָט קיין גוטען אפשניט, שיינט, וועט אויך אויס־האלטען מיט הענרי פאָרד. הענרי פאָרד מוז טהייער בעצאָהלען פאָר זיינע שענדליכע און אומפערצייהליכע אטאקעס אויף אידען. און אלע סימנים ציינגען, אז ער וועט טאקי טהייער בעצאָהלען. ווארום די יעניגע וואָס זיינען גוט בעקאנט מיט דער פאָליטישער לאגע — און גראדע ניט קיין אידען — פאר־זיכערען אונז, אז פאָרד קען קיינמאָל ניט האפען ערוועהלט צו ווערען פרעזי־דענט, דערפאר וואָס ער וועט האבען געגען זיך דעם אידישען "וואוט".

עס איז א באוואוסטע זאך — אָבוואָהל ניט אלע ניט־אידען ווייסען עס — אז אידען פאָרמירען ניט קיין איינהייטליכע פאָליטישע מאכט. אידען באטיי־ליגען זיך ניט אין די וואהלען פון לאנד אלס אידען, נאָר אלס בירגער, און יעדער שטימט לויט זיינע פאָליטישע איבערצייגונגען. אידען געהערען צו פערשיעדענע פאַרטייען און ווערען זאָגאר ניט היגעריסען ווען דער קאנדידאט איז א איד. אויב אָבער פאָרד זאָל "לויפען" פאר פרעזידענט, דאן קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז אידען וועלען, און מיט רעכט, זיין אלע ווי איין מענש געגען איהם. און ווי מיר וועלען עס שפעטער זעהן וועט דער אידישער "וואוט" טאקי זיין דער ענטשיידענדער פאקטאָר.

לויט אלע וואהרשיינליכקייטען האָט הענרי פאָרד דאָ געמאכט איינעם פון זיינע ביטערסטע טעות'ן. פאָרד האָט וואהרשיינליך קיינמאָהל ניט געדאכט, אז דער אידישער "וואוט" האָט א באדייטונג, ספעציעל ווען עס קומט צו נאציאָ־נאלע וואהלען.

מארק סאָליוואן דער בעוואוסטער אמעריקאנער זשורנאליסט און פאָליטי־

שער בעאבאכטער, האט מיט א צייט צוריק געהאט ערקלעהרט, אז פארד האט געהאט געדענקט, און מיט איהם אויך זיינע פריינד און אנהיינגער וואס "בומען" איהם פאר פרעזידענט, אז פאר יעדע אידישע שטימע וואס ער וועט פערליערען צוליעב זיינע אטאקעס אויף אידען, וועט ער געווינען צוויי און אפשר מעהר ניט־אידישע שטימען. פארד, האט סאליווען געזאגט, האט לויט אלע וואהרשיינליכקייטען פיעל געבויט אויף'ן "קו קלוקס קלען" און אויף די אנדערע אפענע און בעהאלטענע אידישע שונאים, ביי וועמען זיינע אנטיסעמיטישע אטאקעס האבען איהם געוויס איינגעקויפט אין יחוס.

עס איז גאנץ מעגליך, אז אט דיזער רעכענונג האט עס פארד'ן ערמוטיגט אנצוגעהן מיט זיינע אטאקעס אויף אידען. ווארום פארד איז אימער פראקטיש און אויסגערעכענט און וועט ניט טהאן קיין זאך וואס ער זאל וויסען וועט איהם שעדיגען, געשעפטליך אדער פאליטיש. פארד האט אלזא געוויס געהאפט פיעל צו געווינען פון זיין אנטיסעמיטיזם. זיין חשבון איז אבער געווען א פאלשער, ווי מיר וועלען עס באלד זעהען.

אז פארד האט אייגענטליך קיינמאהל ניט אפגעשטעלט זיינע אטאקעס אויף אידען, האבען מיר שוין פריהער געציייגט. עס איז אבער געווען א צייט — אין 1922 — ווען מען האט געהאט געגלויבט אז פארד האט ענדליך באשלאסען אפצושטעלען זיינע אטאקעס אויף אידען. אלען ס. בענסאן, וועלכער איז געווען דער דאזיגער וואס האט די נייעס, אז פארד האט בעשלאסען אפצושטעלען די אטאקעס אויף אידען, איבערגעגעבען צו דער אמעריקאנער פרעסע, שרייבט אין זיין בוך, אז פארד האט אויף דעם געהאט בעשלאסען פריייווילינ. פארד זאל האבען איינגעזעהן אז זיינע אנטיסעמיטישע העצעס פיהרען צו וויט. זיי שאפען א ווירקליכע פאגראמען אטמאספערע, און פארד, זאל עס הייסען לויט בענסאן'ען, האט זיך אליין דערשראקען פאר זיין טייפלישע ארבייט און האט פערשפראכען מעהר די אידען ניט צו אטאקירען. ער האט אבער בענסאן'ען אויסדריקליך געזאגט, אז מיט אפשטעלען די אטאקעס אויף אידען ענדערט ער ניט זיין מיינונג וועגען די אידען... אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אין הארצען בלייבט ער דער זעלבער אנטיסעמיט וואס אימער. עס האט אבער געזאלט הייסען, אז דאס אפשטעלען פון די אטאקעס אויף אידען איז געווען פארד'ס א פרייווילינע טהאט זאגאר אויב דאס זאל האבען געווען ניט מעהר ווי א פוסטער פערשפרעכען.

מיר קריגען אבער א גאנץ אנדער פירוש פון ע. ג. פיפ, וועלכער דערצעהלט העכסט אינטערעסאנטע פרטים וועגען דעם.

פיפ דערצעהלט פאלגענדעס:

פארד'ס הויפט פארטרעטער אין ניו יארק איז גאסטאן פלאנטיף. דיעזער פלאנטיף איז איינער פון די גאר ווענינע פערזאנען וואס האבען, אדער, האבען געהאט אן איינפלוס אויף פארד'ן און וואס זיינען שטארקע מקורבים מיט'ן אטאמאביל מאגנאט. פלאנטיף איז אן עהרליכער און געוויסענהאפטער מענש. אויסער דעם וואס זיין "טעריטאריע" ענטהאלט דעם גרעסטען אידישען צענ־טער אין אמעריקא און אין דער גאנצער וועלט, איז ער בכלל א פריינד פון אידען, און ווי פיפ גיט אונז איבער, צעהלט ער צווישען זיינע פריינד צעהנדליגע אידען. עס פארשטעהט זיך, אז דיעזער פלאנטיף האט פון אימער געקוקט מיט גרויס פארדרוס אויף דעם וואס פארד אטאקירט די אידען. פלאנטיף'ן האט עס פער־דראסען אלס מענש און דאן אויך אלס געשעפטס־מאן. ווארים זינט פארד האט אנגעהויבען אטאקירען די אידען, האבען אידען אויפגעהערט קויפען "פארדלעך". אידען האבען קיינמאהל ניט ערקלעהרט קיין אפענעם באיקאט אויף פארד'ס אטאמאבילען. קיינער האט ניט פרובירט ארויסקומען מיט א דירעקטען אדער אינדירעקטען אפיעל צו אידען ניט צו קויפען קיין "פארדלעך". אידען האבען אבער אינסטינקטיוו אויפגעהערט קויפען פארד'ס אטאמאבילען, און דאס האט געמיינט, אז די "סיילס" פון די "פארדלעך" אין ניו יארק זיינען שטארק פאר־קלענערט געווארען. לויט פיפ'ן זיינען זיי געפאלען אויף גאנצע 75 פראצענט.

פלאנטיף האט די גאנצע צייט געהאט געזוכט א געלעגענהייט צו האבען א געשפרעך מיט פארד'ן און איהם איבערצייגען וואס פאר א פעהלער און נארישקייט ער באגעהט אין אטאקירען די אידען. אבער ניט אכטענדיג וואס פלאנטיף האט זיך גערעכענט צווישען פארד'ס מקורבים האט ער אזא געלעגענ־הייט ניט געהאט, און אפשר האט פארד זיך צו איהם ניט געוואלט צוהערען. פארד איז פון די דאזיגע וואס האלטען אין בייטען זייערע פריינד, און דער וואס שטעהט נאהענט צו איהם איין טאג, קען דעם צווייטען טאג זיין צווישען די פארשטויסענע. פלאנטיף איז גראדע ניט געווען צווישען די פארשטויסענע. פארד האט זיך אבער צו איהם ניט געוואלט צוהערען וואס אנבעלאנגט אנטי־סעמיטיזמוס. ער האט זיך צו קיינעם ניט געוואלט צוהערען. ער איז געווען ענטשלאסען די אידען צו רודף'ן עד חרמה, און ער האט משמעות געהאט זיין רעכענונג, וואס, ווי מיר האבען שוין פריהער געהאט געציינט, האט אויך געדארפט כלומרשט מיינען, אז דאס מאכט בעסער זיינע שאנסען צו ווערען פרעזידענט.

ווען דער פארקויף אויף די "פארדלעך" האט אבער אין ניו יארק אנגע־הויבען צו ווערען קלענער פון טאג און אויך אין אנדערע אידישע צענטערען אין לאנד זיינען די געשעפטען געווארען שלעכט, איז פארד געווארען ווייכער און האט זיך אנגעהויבען צוהערען צו פלאנטיף'ן. פיפ דערצעהלט אז אין א

שעהנעם פריהמארגען איז פלאנטיף ארונטערגעקומען צו פערד'ן און האט מיט איהם געהאט א לאנגע קאנפערענץ. פלאנטיף האט פערד'ן געצייגט ציפערען — ציפערען פון די געפאלענע געשעפטען צווישען אידען. דיזע ציפערען, זאגט פיפ, האבען אויף פערד'ן געמאכט א גרעסערע ווירקונג ווי טויזענד ארגומענטען. פערד וועט אימער "איבערצייגט" ווערען ווען עס האנדעלט זיך וועגען געשעפט. פערד האט אלזא, לויט פיפ'ס ערקלעהרונג, פארשפראכען, אז ער וועט אפשטעלען די אטאקעס אויף אידען — א פארשפרעכען וואס ער האט, ווי מיר ווייסען שוין, ניט געהאלטען.

אויב דאס וואס פיפ דערצעהלט איז אמת, דאן קען זיין בלויז איין ער־קלעהרונג ווארום פערד האט ניט געהאלטען זיין פארשפרעכען, און דאס איז וואס די פארקלענערטע געשעפטען צווישען אידען האבען ניט געקענט האבען די געוואונשטע ווירקונג אויף פערד'ן. אין אלגעמיין זיינען פערד'ס געשעפטען אין די לעצטע יאהרען פארגרעסערט געווארען. פערד, הייסט עס האט זיך ארומ־געזעהן, אז ער קען זיך באגעהן אהן די אידישע "ביזנעס". און אפשר איז ער איבערצייגט געווארען, אז די אידען זיינען שוין פאר איהם במילא פארלארען אלס "קאסטאמערס". האט דאך יעמאנד טאקי געהאט באמערקט אז פערד קען די אידען ניט פארגעבען דערפאר וואס זיי זיינען בעלנים אויף בעסערע און מעהר קאסטבארע אטאמאבילען.

אבער אויב פערד האט זיך געמענט ניט קימערען וועגען די פארלארענע אידישע "ביזנעס", מוז ער זיך שוין אבער יא קימערען וועגען די פארלארענע אידישע "וואוטס". און די אורזאכע איז, לויט מאנכע ווילען באווייזען, וואס אהן די אידישע שטימען איז פאקטיש אוממעגליך פאר א קאנדידאט ערוועהלט צו ווערען פרעזידענט. פערד קען פארגרעסערן זיין פארמעגען זאגאר ווען אידען קויפען ניט זיינע אטאמאבילען. ער קען אבער אין קיין פאל ניט ווערען פרעזידענט ווען אידען וועלען שטימען געגען איהם.

דער חשבון וואס ווערט דערביי געמאכט איז ווי פאלגט:

ווען א פרעזידענט וואלט ערוועהלט ווערען דורך דירעקטע וואהלען וואלטען די אידישע שטימען א קליינעם באטרעף געהאט. א פרעזידענט ווערט אבער ערוועהלט דורך "עלעקטארס" — א סיסטעם וואס מאכט מעגליך אז זאגאר א קאנדידאט וואס קריגט א מינאריטעט שטימען אבער א מאיאריטעט "עלעקטארס" זאל ערוועהלט ווערען. אונטער דיזען סיסטעם קען דער אידישער "וואוט" גראדע שפילען אן אויסערגעוועהנליך גרויסע ראלע, ספעציעל ווען די אידען געפינען זיך אין יענע שטאאטען, וועלכע זיינען די ענטשיידענדע אין די פרעזידענט־וואהלען.

די שטים־געבער, ווען זיי ערוועהלען א פּרעזידענט. שטימען צוערשט פאר 531 "עלעקטאָרס" — יעדער שטאאט ערוועהלענדיג זיין בעשטימטע צאָהל "עלעקטאָרס". ניו יארק גיט די גרעסטע צאָהל "עלעקטאָרס" — 45. אום צו ערוועהלען דיזע "עלעקטאָרס" דארף מען האבען א מעהרהייט פון די שטימען אין שטאאט. דאָס מיינט צו זאָגען, אז א קליינע צאָהל שטימען קען אריבער־וועגען די וואָג־שאָל צו ערוועהלען דיזע "עלעקטאָרס".

א צווייטער שטאאט וואָס גיט א גרויסע צאָהל "עלעקטאָרס" איז פּענסיל־ווייניא. אין דיזען שטאאט ווערען ערוועהלט 38 "עלעקטאָרס". אין איללינאָיז ווערען ערוועהלט 29 "עלעקטאָרס", און אין אָהייאָ — 20. דיזע פיער שטאאטען גיבען מעהר "עלעקטאָרס" ווי דער גאנצער "סאָליד סאוטה". דאָס מיינט צו זאָגען, אז אויב פאָרד זאָל אפילו געווינען די אלע שטאאטען וואו דער "קו קלוקס קלען" איז שטארק, קען עס איהם אבער זעהר וויניג העלפען אויב ער זאָל פאר־לירען די פיער אויבענדערמאָהנטע שטאאטען. און דיזע פיער שטאאטען, וואו אידען געפינען זיך אין גרויסע צאָהלען, וועלען פאר פאָרד'ן זיכער זיין פארלא־רען. וואָס מיינט צו זאָגען, אז אויב ער זאָל אפילו זיין ערפאָלגרייך אנדערשוואו וועט ער ניט קענען ערוועהלט ווערען פּרעזידענט.

און דאָס איז נאָר גערעדט וועגען דיזע פיער שטאאטען פון וועלכע ניו יארק און אָהייאָ אליין זיינען גענוג אז ווען מען פאָרליערט זיי זאָל מען ניט קענען ערוועהלט ווערען פּרעזידענט. מען דארף אבער אויך האבען אין זינען, אז א גרויסע צאָהל אידען געפינט זיך אין מאסאטשוזעטס, ניו דזשוירזי, און אייניגע אנדערע שטאאטען וואו זייערע שטימען קענען זיין דער ענטשיידענדער פאקטאָר. אין אנדערע ווערטער מיינט עס, אז דער אידישער "וואוט", אבוואָהל ער איז אומבאדייטענד אין פארגלייך מיט די אלגעמיינע צאָהל שטימען אין לאנד, קען אבער גראדע האבען די מאכט צו באשטימען דעם שיקזאָל פון א קאנדידאט, ספּעציעל וואָס דאָס זאָל זיך האנדלען וועגען פאָרד'ן.

אין קיין אנדער פאל וואָלטען די אידען געווען פעראייניגט. קיין אייציגע פּארטיי וואָלט דעם גאנצען אידישען "וואוט" געקענט געווינען. ווען פאָרד זאָל אבער "לויפען", דאן קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין, אז אידען וואָלטען נאָר אהן וועלכע עס איז אגיטאציעס געווען געגען איהם און דאָס וואָלט געוויס געמיינט פאָרד'ס דורכפאל.

דיזער חשבון וואָס איז געמאכט געוואָרען פון פּראָמינענטע פּאָליטיקער, צייגט קלאָהר, אז פאָרד, וועלכער האָט זיכער די אמביציע צו ווערען פּרעזידענט, האָט אין דעם אנטיסעמיטיזם געפונען זיין שטראָף. אויב פאָרד וואָלט זאָגסט מיט זיין גאנצער קליינליכקייט, ניט־דערוואקסענקייט און דעמאגאָגיע, מעגליך געקענט פארבלענדען די אויגען פון די אמעריקאנער מאסען און ארויסנאַרען

פון זיי זייערע שטימען און זיך ארייננעפעקעלט אין ווייסען הויז. וועט ער אבער איצט מוזען בלייבען זיצען אין דיערבארן און קיינמאהל ניט קענען גרייכען דאס "ווייסען הויז".

עס איז נאך ניט בעשטימט אויב פארד אליין ווייס שוין וועגען דעם, אויב אימיצער פון זיינע שמשים האט פאר איהם געמאכט דעם חשבון. עס איז מיט א צייט צוריק געווען א ידיעה, אז פארד האט געשיקט אגענטען צו פראָמינענטע אידען אין א פארזוך צו מאכען שלום. אויב דיזע ידיעה איז געווען באזירט אויף א פאקט, דאן וואלט עס געצייגט, אז פארד זעהט שוין דיווירקליכקייט און ווייס ווי טהייער עס איז דער אידישער "וואוט". אבער די בעציהונגען זיינען איצט אזעלכע דאס די אידען קענען קיינמאהל ניט פארגעבען דעם אנטיסעמיטישען אויטאמאביל מאגנאט, און פארד, פון זיין זייט, שיינט עס, וועט אויך ניט אויפגעבען זיינע אטאקעס אויף אידען. פארד וועט מיט זיינע ווייטערע אטאקעס אפשר "שטילען" זיין אנטיסעמיטיש הארץ פאר די פארלארענע אידישע שטימען. די אידען וועלען קענען האבען די "טרייסט" וואס דורך זיי וועט פארד'ס אמביציע צו ווערען פרעזידענט קיינמאהל ניט קענען פארווירקליכט ווערען...

ע נ ד ע

## 20 — גאָמפּערס׳עס מיינונג וועגן פאָרד

### פיהרער פון אמעריקאנער ארבייטער רופט פאָרד׳ן שונא פון די ארבייטער און אויטאָקראט.

מיר גיבען דאָ איבער א בריעף וואָס סעמועל גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערוישאָן אָוו לייבאָר, האָט געשריעבען צום שרייבער, ארויסזאָגענדיג זיין מיינונג וועגען הענרי פאָרד אלס ארבייט-געבער. גאָמפּערס רופט דעם אנטיסע-מיטישען אָטאָמאָביל מאגנאט „אונקאָמפּראָמיסליכער שונא פון טרייד יוניאָניזם" און אויטאָקראט. דאָס צייגט קלאָר ווי ווייניג פאָרד׳ס פערשריענע פריינדשאפט צו ארבייטער האָט געפונען אן אָפּקלאנג ביי די אמת׳ע פריינד און פיהרער פון די אר-בייטער.

דער בריעף איז כאראקטעריסטיש גאָמפּערסיסטיש און מיר גיבען איהם איבער אין אָריגינאל און אין אן איבערזעצונג.

### גאָמפּערס׳עס בריעף

**AMERICAN FEDERATION OF LABOR,**

**Washington, D. C. August 2, 1923.**

MR. DAVID L. MEKLER,

c/o The Jewish Morning Journal, New York City.

DEAR SIR:

In replying to your letter of July 31 I shall pass over your numbered suggestions and reply specifically to your last paragraph asking for my opinion of Henry Ford as an employer.

Ford has demonstrated to the employers of the United States some very important truths for which the trade union movement has long contended. He has demonstrated with his five-dollar-a-day minimum wage the fallacy of the practice of many employers in seeking to pay the lowest possible wage.

He proved at a time when many persons still doubted, that the eight-hour day was practical from the standpoint of the employer as well as desirable from the standpoint of the worker.

He has continued to prove that high wages and reasonable hours of work do not mean disaster for the employers. To some extent this has been helpful.

Ford has not hesitated, on the other hand, to make public statements impugning the motives of trade unions concerning which he has no particular information of his own, and of course in his automobile factory he has no relation with trade unions.

In his industrial operations Ford is essentially an autocrat. It must be said that he is a benevolent autocrat, but he is an autocrat, nevertheless. Industrial autocracy, whether benevolent or not, cannot be other than hostile to trade unionism, which contends unceasingly for industrial democracy.

In the larger sense Henry Ford is an uncompromising enemy of trade unionism and an opponent of all important principles for which trade unionism contends.

He has removed some bitterness from the clash between himself and trade unions because of what may be called his benevolent policies in relation to wages and hours of work.

Ultimately, if the principles for which trade unionism contends are true, the autocracy of Ford will have to yield no less than the autocracy of the United States Steel Corporation.

The fact is that in relation to most public questions which he discusses Ford speaks out of a profound and limitless supply of ignorance. Recently he has said that "trade unions are a great scheme for interrupting work" and they are fine for "speeding up loafing." This, I think, illustrates Ford's general lack of understanding of trade unionism, than which nothing of which I have knowledge could be much more complete.

Of course, Ford makes these statements as he makes so many others, without any supporting evidence, expecting, no doubt, that the word of a financially successful manufacturer of automobiles will be unquestioned in relation to any subject.

The findings of those who are really competent to speak as authorities are, of course, directly to the contrary in relation to Ford's most recent criticism of trade unions.

I see no reason why the people of America should stand in awe of Ford because of his great success as a manufacturer.

The wage earners of the country and those who are small salary earners have contributed practically all of the market out of which Ford's great profits have been made. Of course, as to his product and the general satisfaction which is felt by the purchasers thereof I offer no criticism. It might well be wished that all merchandising were as satisfactory to the consumer. This, however, does not afford any reason for accepting Ford's platitudes as proven truths. The fact is, Ford has a factory for the making of platitudes which operates on just about the same lines as his factory for the making of automobiles.

Very truly yours,

(Signed) SAMUEL GOMPERS,
President, American Federation of Labor.

## די איבערזעצונג

וואשינגטאן, אויג. 2, 1923.

מר. דייוויד ל. מעקלער,
אידישער מארגען זשורנאל, ניו יארק.

ווערטהער הערר:

ענטפערענדיג אויף אייער בריעף פון 31טען יולי וועל איך פערבייגעהן אייערע נומערירטע אנדייטונגען און ענטפערען ספעציפיש אויף אייער לעצטען פאראגראף, אנפערענדיג מיין מיינונג וועגען הענרי פארד אלס אן ארבייט־געבער.

פארד האט דעמאנסטרירט פאר די ארבייט־געבער פון די פעראייניגטע שטאאטען איינינע זעהר וויכטיגע אמת'ן, פאר וועלכע די טרייד יוניאן בעוועגונג האט לאנג געקעמפפט. ער האט דעמאנסטרירט מיט זיין פינף־דאלאר־א־טאג מינימום ווידזש דעם טעות פון פיעלע ארבייט־געבער אין זוכען צו צאהלען דעם נידעריגסטען לוין.

ער האט געציינט, אין א צייט ווען פיעלע האבען נאך געצווייפעלט, אז דער אכט־שטונדען טאג איז פראקטיש פון דעם שטאנדפונקט פון ארבייט־געבער ווי דאס איז ווינשענסווערטה פון דעם שטאנדפונקט פון ארבייטער.

ער האט געציינט אז הויכע ווידזשעס און געהעריגע ארבייט שטונדען

זיינען ניט קיין אומגליק פאר ארבייט־געבער. אין א געוויסער מאס איז עס א הילפע.

פון צווייטען זייט האט אבער פארד זיך ניט צוריקגעהאלטען פון ארויסגעבען עפענטליכע ערקלערונגען בעשטרייטענדיג די מאטיווען פון די טרייד יוניאנס, וועגען וועלכע ער האט ניט קיין אייגענע אינפארמאציע, און עס פערשטעהט זיך אז אין זיין אטאמאביל פאבריק האט ער ניט קיין מגע ומשא מיט טרייד יוניאנס.

אין זיין אינדוסטריעלע טהעטיגקייט איז פארד אן אויטאקראט. עס מוז געזאגט ווערען אז ער איז א וואהלטהעטיגער אויטאקראט, אבער דאך אן אויטאקראט. אינדוסטריעלע אויטאקראטי, צו דאס איז וואהלטהעטיג אדער ניט, קען ניט זיין אנדערש ווי פיינדליך צו טרייד יוניאניזם וואס קעמפפט אהן אויפהער פאר אינדוסטריעלע דעמאקראטי.

אין א בריטערען זין איז הענרי פארד דער אונקאמפראמיסליכער שונא פון טרייד יוניאניזם און א געגנער פון אלע וויכטיגע פרינציפען פאר וועלכע טרייד יוניאניזם קעמפפט.

ער האט בעזייטיגט אביסעל ביטערקייט פון דעם קאנפליקט צווישען איהם און די טרייד יוניאנס צוליעב, וואס מען קען אנרופען, זיינע וואהלטהעטיגע פאליסים בנוגע ווייג'עס און ארבייט שטונדען.

סוף כל סוף, אויב די פרינציפען פאר וועלכע טרייד יוניאניזם קעמפפט זיינען אמת, וועט פארד'ס אויטאקראטי מוזען זיך אונטערגעבען ניט ווענינער ווי די אויטאקראטי פון דער "יונייטעד סטייטס סטיל קארפארײשאן" (שטאהל טראסט).

דער פאקט איז, אז וועגען די מעהרסטע עפענטליכע פראגען וואס ער דיסקוטירט, רעדט פארד מיט דער גרעסטער אונבעגרענעצטער אונוויסענהייט. ניט לאנג צוריק האט ער געזאגט אז די "טרייד יוניאנס זיינען גוט צו שטערען די ארבייט" און אז זיי זיינען גוט "צו שאפען פוילענצער". דאס, דענק איך, אילוסטרירט אויפ'ן בעסטען אופן ווי ווענינ פארד פערשטעהט דעם טרייד יוניאניזם.

נאטירליך מאכט פארד דיעזע ערקלערונג, ווי ער מאכט אנדערע, אהן צו שטיצען זיך אויף בעווייזע, ערוואורטענדיג אהן צווייפעל אז דאס ווארט פון א פינאנציעל־ערפאלגרייכען פאבריקאנט פון אטאמאבילען וועט ניט געצווייפעלט ווערען בנוגע אירגענד וועלכער פראגע.

עס פערשטעהט זיך אז די וואס זיינען ווירקליך קאמפעטענט צו ריידען אלס אויטאריטעטען בעווייזען פונקט דעם היפוך פון דעם וואס פארד האט לעצטענס געהאט צו זאגען וועגען טרייד יוניאנס.

איך זעה ניט קיין אורזאך ווארום דאס אמעריקאנער פאלק זאל פערעהרען פארד'ן דערפאר וואס ער האט געהאט גרויס ערפאלג אלס פאבריקאנט.

די ארבייטער פון לאנד און די יעניגע מיט קליינע איינקינפטע האבען פאקטיש געשאפען דעם גאנצען מארק פון וועלכען פארד האט געמאכט זיינע גרויסע פראפיטען. וואס איז שייך זיין פראדוקט און די אלגעמיינע צופריעדענהייט פון די קונים האב איך ניט וואס צו קריטיקירען. עס וואלט געמעגט געוואונשען ווערען אז אלע סחורות זאלען זיין אזוי צופריעדענשטעלענד צו די קאנסומענטען. דאס, אבער, איז קיין אורזאכע ווארום מען זאל אננעהמען פארד'ס דומהייטען פאר בעוויזענע אמת'ן. דער פאקט איז אז פארד האט א פאבריק פאר דומהייטען, וואס ארבייט פאקטיש לויט די זעלבע מעטאדען ווי די פאבריק וואו מען מאכט אטאמאבילען.

אייערער מיט אויפריכטיגקייט,

סעמועל גאמפערס,

פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר.